Cover A1

ליטעראַרישע שאַפונגען אין די געטאָס און לאַגערן

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

פרץ אָפּאָטשינסקי

# רעפּאָרטאַזשן פון וואַרשעווער געטאָ

פאַרלאַג «יידיש בוך»

פּרץ אָפּאָטשינסקי

---

רעפּאָרטאזשן פון ווארשעווער געטאָ

Y 961.43

פּרץ אָפּאָטשינסקי

# רעפּארטאזשן
# פון
# ווארשעווער געטא

פארלאג „יידיש בוך" ווארשע 1954

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

# פּרץ אָפּאָטשינסקי

פּרץ אָפּאָטשינסקי (ליטעראַרישער פּסעוודאָנים: פּרץ אָפּאָטשנער, פּרץ חסידאָ) איז געווען וויניק באַקאַנט אין דער יידישער ליטעראַרישער עפנטלעכקייט פאַר דער מלחמה. אַ מענטש מיט בפירושער שרייבערישער באַגאַבונג און מיט אַ רייכער לעבנס־דערפאַרונג, האָט ער זיך פונדעסטוועגן דעמלט געפונען אויף די ראַנדן פון יידיש־ליטעראַרישן שאַפן. די סיבה פון דעם איז געווען דאָס, וואָס אָפּאָטשינסקי האָט נישט געקאָנט ברייט אַנטוויקלען זיינע שעפערישע כוחות, ווייל מאַטערנדיק זיך אין משך פון זיין גאַנצן לעבן מאַטעריעל, איז ער געווען געצוווּנגען צו ווידמען די גאַנצע ענערגיע דעם ביטערן געראַנגל פאַר אַ שטיקל ברויט — פאַר זיך און פאַר דער משפחה.

פּרץ אָפּאָטשינסקיס לעבן איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שווערער לאַגע פון אַ דורכשניטלעכן יידישן שרייבער אין די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגען. זיין לעבן איז איין לאַנגע קייט פון הונגער, נויט און פון מאַנגל אין די מינימאַלסטע מעגלעכקייטן פאַר שעפערישער אַרבעט.

געבוירן אין יאָר 1892 אין שטעטל לוטאָמירסק ביי לאָדזש, אין אַן אָרעמער משפחה, האָט אָפּאָטשינסקי באַקומען זיין דערציונג אין אַ חדר און דערנאָך געוואָגלט איבער פאַרשידענע ישיבות. ווי טויזנטער אַנדערע ישיבה־בחורים פון אָרעמע היימען, איז דער דערוואַקסענער אָפּאָטשינסקי געבליבן שטיין אַ הילפלאָזער און צעטומלטער אין אָנגעזיכט פון לעבן: אָן אַ פאַך אין האַנט, אָן וועלטלעכער בילדונג און אָן מאַטעריעלע מעגלעכקייטן ווי עס איז צו עקזיסטירן. נאָך פאַרשידענע אַנטוישונגען פּרוווט ער זיך אויסלערנען אַ פאַך אין דער שפּיצן־אינדוסטריע אין קאַליש, אָבער אויך דאָ ווערט ער ביטער אַנטוישט: אין דעם פאַך, פּונקט ווי אין אַנדערע, הערשט אַ מוראדיקע עקספּלואַטאַציע, און איבער די אַרבעטער הענגט די כסדרדיקע געפאַר פון אַרבעטלאָזיקייט.



Y 961.43

PEREC OPOCZYŃSKI

# REPORTAŻE Z GETTA WARSZAWSKIEGO

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

Zebrał, zestawił oraz przedmową zaopatrzył B. MARK

געזאַמלט, צונויפגעשטעלט און פאַרזען מיט אַ פאָרוואָרט פון ב. מאַרק

Redaktor: D. SFARD

רעדאַקטאָר: ד. ספאַרד

**Okładkę projektował: I. REJZMAN**

הילע געצייכנט: י. רייזמאַן

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
MAY 6 1957

*Printed in Poland*

Wydawnictwo „Idisz Buch“ Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1842. Nakład 5,500 egz. Druk ukończono w październiku 1954 r.
Arkuszy druk. 6, ark. wyd. 4,5. Papier druk. VII kl. 61 × 86 cm 80 g.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8. 5-B-54947

מיט שווערער מי הייבט אָן אָפּאַטאָשינסקי אויסצופילן די בלויזן אין זיין דערציונג. ער אַרבעט פלייסיק איבער זיך, לערנט זיך און לייענט, ער דערפילט אַ דראַנג צו שרייבן; ער ווערט אינגיכן אַריינגעצויגן אין אַ ליטעראַרישן קרייז, וואָס האָט זיך געשאַפן אין קאַליש. אין צענטער פון דעם קרייז שטייט דער יונגער יידישער דיכטער, דער שפּעטער באַרימטער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעט אשר שוואַרצמאַן, וועלכער האָט דעמלט געדינט ווי אַ סאָלדאַט אין קאַליש. צום קרייז געהערן אויך שמעון האָראָנטשיק, הערשעלע דאַניעלעוויטש, וועלכע שטעלן דעמלט די ערשטע, נאָך נישט זיכערע טריט אין דער ליטעראַטור. שוואַרצמאַן האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויפן פילבאַרן אָפּאַטאָשינסקי. אונטער דער דאָזיקער ווירקונג נעמט אָפּאַטאָשינסקי לייענען די רוסישע ליטעראַטור און הייבט אָן שרייבן. אין זיינע ערשטע דערציילונגען פּרוּווט אָפּאַטאָשינסקי באַאַרבעטן חסידישע מעשיות. אָבער מען דאַרף זאָגן, אַז נישט דורך די דאָזיקע חסידישע מאָטיוון האָט אָפּאַטאָשינסקי פאַרנומען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. אין דער יידישער ליטעראַטור וועט ער ווירקלעך אַריין שפּעטער, אין דער סאַמע גרוילוקער צייט פון אָקופּאַציע און געטאָ.

אין יאָר 1913 איז אָפּאַטאָשינסקי מאָביליזירט געוואָרן אין דער רוסישער אַרמיי, און אין יאָר 1914 ווערט ער געשיקט אויפן פראָנט. ער פאַלט אַריין אין עסטרייכישער געפאַנגענשאַפט, וווּ דער גורל שלאָגט אים ווידער זייער פיינלעך. נאָך דער מלחמה הייבט זיך ווידער אָן דאָס גרויע, ביטערע לעבן פון אַרבעטלאָזיקייט, אויסזיכטלאָזיקייט און נויט. אָפּאַטאָשינסקי פּרוּווט מזל אַלס שוסטער און קאַלאָשן־פאַרריכטער. ער פאָרט אַריבער מיט דער משפּחה קיין לאָדזש. ער ווערט פון צייט צו צייט באַשעפטיקט ווי אַ זשורנאַליסט אין דער אָרטיקער יידישער פּרעסע, דערנאָך אין חער וואַרשעווער. די נויט גייט אים אָבער נאָך פוס־טריט. אַליין אַ באַשיידענער, אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, האָט ער נישט קיין „עלנבויגנס" און קיין חוצפּה, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר בירגערלעכע זשורנאַליסטן פון אַ געוויסן באַקאַנטן מין. חוץ דעם שלאָגט אים דאָס לעבן אויף נאָך אין איין געביט: צוויי קינדער ווערן ביי אים קראַנק אויף פּאַראַליז און שטאַרבן. די משפּחה האָט נישט געהאַט די געהעריקע מיטלען צו געבן די קינדער מעדיצינישע הילף און אַ גוטע דערנערונג.

דאָס „לעבן" אין געטאָ איז פאַר אָפּאַטאָשינסקין געווען אַ המשך פון זיין פריערדיקער ביטערער עקזיסטענץ. אָבער עס זענען צוגעקומען אַזעלכע יסורים, וועלכע האָבן איינגעבראָכן נישט איין פאַרשפּאַרטן אין דעם ריזיקן „רעזערוואַט" פון דעם א. ג. יידן־באַצירק. אָפּאַטאָשינסקי האָט זיך אָבער אין געטאָ נישט איינגעבראָכן. נאָך פאַרשידענע אידעאָלאָגישע



גלגולים, וועלכע ער האָט אַדורכגעמאַכט אין די צווישן־מלחמה־יאָרן, האָט זיך דאָ, אין „מלכות געטאָ", אין אָנבליק פון דער טויט־געפאַר, וואָס האָט באַדראָט ביאָלאָגיש דעם גאַנצן פאָלק, ווידער אָפּגערופן ביי אים די אַלטע השפּעה פון דעם קאַלישער שוואַרצמאַן־קרייז. אָפּאַטאָשינסקי טרעט צו צו דער איניציאַטיוו פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, אַרבעט מיט אַקטיוו מיט רינגעלבלומען, פעלדן, קאָנען און אַנדערע אַנטיפאַשיסטישע קולטור־טוער. נישט געקוקט אויף דער טיפער נויט, וואָס הערשט ביי אים אין שטוב, נישט געקוקט אויף דער שווערער טיפוס־קראַנקהייט, וועלכער האָט אונטערגעשוועכט זיין געזונט, ווידמעט ער זיך אינגאַנצן דער וויכטיקער, ממש היסטאָרישער שליחות: ער באַשרייבט די גרויסע פּיין פון דער געטאָ־מאַסע, די לאַגע פון די פּאַריער צווישן די פּאַריער, די לאַגע פון די היימלאָזע, פאַרשיקטע, פון די גוססנדיקע יידישע פּראָלעטאַריער און אָרעמקייט, פון די קינדער, צו וועמענס גורל ער איז באַזונדערס פילבאַר צוליב דעם פּערזענלעכן פאַרלוסט פון די אייגענע צוויי קינדער נאָך אין די „גוטע" צייטן פון דער ענדעציע און סאַנאַציע.

אָפּאַטאָשינסקיס באַשרייבונגען פון די סאַמע טיפענישן פון וואַרשעווער געטאָ זענען פריי פון עקזאָטישער קאָלאָריזירונג, פון סענטימענטאַלישקייט, פון היסטעריע און מיסטיק. ער באַשרייבט די טראַגישע דערשיינונגען „זאַכלעך", אָבער מיט אַ טיפער ליבשאַפט צו די פּשוטע פאָלקסמענטשן. ער כאַפּט אונטער אויף אַן אויסגעצייכנטן אופן זייער שפּראַך, זייערע ווערטלעך, זייער אַרט רעאַגירן אויף געשעענישן. מיט זיין שאַרפן אָבסערוויר־חוש כאַפּט ער אויך אויף זייער גרענעצלאָזן האַס צום יודענראַט און זיינע יוצר־משרתים. אָפּאַטאָשינסקיס געטאָ־שאַפונגען פאַרמאָגן אַ טאָפּלטן באַדייט: זיי זענען אַ דאָקומענט פון דער גרויליקער צייט; און — זיי גיבן איבער אין אַ מער אָדער ווייניקער קינסטלעריש־איבערצייגעוודיקן אופן אַ גאַנצע פּלעיאַדע פון געשטאַלטן, מיט וועלכע די געדיכטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין אַמאָליקן וואַרשע איז געווען אַזוי רייך און וועלכע זענען פאַרשניטן געוואָרן אונטערן מעסער פון היטלעריסטישן פעלקער־מערדער.

אָפּאַטאָשינסקיס ליטעראַרישע ירושה פון דעם געטאָ־פּעריאָד איז אַ גאַנץ גרויסע. מען קאָן זי צעטיילן אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) שאַפונגען מיט אַ קינסטלערישער ווערט; און — 2) זשורנאַליסטיש־כראָניקאַלישע נאָטיצן, וועלכע האָבן אַ גרויסן באַדייט פאַרן היסטאָריקער־פאָרשער. אויך אין די זאַכן פון דער צווייטער קאַטעגאָריע בליצן אויף דאָ און דאָרטן עכט־קינסטלערישע איינפאַלן, אָבער די אַלגעמיינע קאָנצעפּציע פון אָט די זאַכן איז אַ ריין זשורנאַליסטישע. די אַלע זשורנאַליסטישע פאַרצייכע-

גונגען און נאָטיצן גייען אַריין אין די צען העפטן פון אָפּאָטשינסקיס „וואַרשעווער געטאָ־כראָניק“. זיי פאַרדינען אויף אַ ספּעציעלער באַהאַנדלונג און דאַרפן ווערן פאַרעפנטלעכט באַזונדער.

אין דעם ביכל, וואָס מיר גיבן איצט איבער דעם לייענער, האָבן די רעדאַקטאָרן אַריינגענומען אויסגעקליבענע שאַפונגען פון דער ערשטער קאַטעגאָריע פון אָפּאָטשינסקיס געטאָ־שאַפונגען. אין דער באַשיידענער זאַמלונג גייען אַריין עטלעכע כאַראַקטעריסטישע רעפּאָרטאַזשן, אין וועלכע מען פילט אַרויס נישט בלויז דעם מחבר׳ס באַציונג צו דער ווירקלעכקייט, נאָר אויך זיין שרייבערישן טאַלאַנט. אין אָפּאָטשינסקיס קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן פון וואַרשעווער געטאָ־לעבן איז נישט פאַראַן קיין טראָפּן פאַנטאַזיע. אַלץ איז דאָ דער אמת אַליין.

היות אין די דאָזיקע שאַפונגען חזרט זיך דער מחבר עטלעכע מאָל איבער, האָבן די רעדאַקטאָרן געהאַלטן פאַר נייטיק דאָ און דאָרטן צו מאַכן געוויסע קירצונגען, וועלכע האָבן נישט קיין וועזנטלעכע באַדייטונג.

מיטן פאַרעפנטלעכן עטלעכע אויסגעקליבענע פראַגמענטן פון פּרץ אָפּאָטשינסקיס שאַפונגען פון דער געטאָ־צייט זענען מיר אויסן נישט בלויז צו באַרייכערן די ליטעראַטור וועגן וואַרשעווער געטאָ, נאָר אויך אויסצאָפּילן אונדזער חוב לגבי אַ יידישן שרייבער, וועלכן די „אָפיציעלע“ ליטעראַרישע געזעלשאַפט האָט בעת זיין לעבן באַעוולהט, פאַרשוויגן, נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו קומען מיטן קינסטלערישן וואָרט צום ברייטן לייענער־עולם. לאָמיר מיט אָט דער באַשיידענער זאַמלונג שטעלן אַ מצבה דעם שרייבער, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַצישע רוצחים אָנהייב 1943 און נאָך וועלכן עס איז נישט געבליבן קיין קבר — פונקט ווי נאָך די פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן, די אסורים פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכע אָפּאָטשינסקי באַשרייבט אין זיינע רעפּאָרטאַזשן און פאַרצייכענונגען. זאָל דאָס זיין אייניציקע נאָך איין באַשיידענער דענקמאָל צום זכרון פון די אומגעבראַכטע באַוווינער פון אָסטראָווסקע, מילע, סמאָטשע און קראָכמאַלנע, וועמענס פאַרלעצטן טראַגישן לעבנס־עטאַפּ עס באַשרייבט פּרץ אָפּאָטשינסקי.

ב. מאַרק



## ס׳הויז נומער 21 [1]

אין הויף פאָרט אַריין אַ פּויער מיט אַ וועגעלע קרויט, ברויט און קאַרטאָפל; די קאַרטאָפל האָט ביי אים אָפּגעקויפט איינער פון די שכנים, וואָס האָט אים אָפּגעוואַרט אויפן וואָליער וועג. וויפל ער האָט אים געצאָלט, ווייסט מען נישט, אָבער קוים מיט 5 מינוט שפּעטער פאַרלאַנגט ער שוין פאַר די קאַרטאָפל אַזאַ פּרייז, אַז די אויגן גייען איבער... דאָס ברויט קויפן די איבעריקע שכנים — קרויט און ברויט. עס איז אַ געכאַפּ, אַ געריים, מע צאָלט אים וויפל ער וויל — צו גילדן פאַר אַ קילאָ ליימיק שוואַרץ ברויט און אויך אַזויפיל פאַר אַ קילאָ קרויט, אָבער בעתן געריים מאַכט מען איין: דעם פּויער אַ ברייטל הינטנאַרומעט, אָדער מע נעמט אַ הייפּטל קרויט און מע טראָגט עס אַוועק אין שטוב, נישט באַצאָלנדיק קיין פּרוטה. ווען דער פּויער כאַפּט זיך, אַז מע באַגנבעט אים, הייבט ער אויף אַ אָרטשיק פון וואָגן און פאַרמעסט זיך איבער די קעפּ מיט אַ ישרעקלעכן כעס. ערשט דעמלט רוקט זיך דער עולם אָפּ; ווער ס׳האָט גענומען, האָט גענומען, און מאַכט אַ שווייג. דער פּויער שטייט מיט זיין וואָגן און זיינע אויגן זענען ווי חלפים; זיין ווייב זידלט און שעלט די יידן אין שרייט, אַז אַלץ, וואָס עס קומט אויף זיי, איז נאָך ווייניק.

דער ושעלעכאָווער האָט אַריינגעכאַפּט אויף לינקס אַ פּאָר הייפּטלעך קרויט, און ער רייבט זיך די הענט פאַר נחת: ער וועט דיר נישט פאַרפאַלן ווערן אפילו אויפן פייער... ער האָט איצט קוראַזש — זיין דירה בויט זיך, די ווענט זענען שוין אַרויסגעמויערט, אָבער דער דאַך איז נאָך נישט געדעקט. ס׳גייען איצט די האַרבסט־רעגנס און דאָס רעגנוואַסער רינט אַראָפּ פון די חרובע שטובן אויף די קעפּ פון די לאָקאַטאָרן פון די אונטערשטע גאָרנס; עס דערגרייכט שוין ביז אין דער נידער, און ביים אייער־הענדלער שטייט דאָס וואַסער אויף דער פּאָדלאָגע.

[1] דער דאָזיקער רעפּאָרטאַזש באַשרייבט די ערשטע צייט נאָכן באַזעצן וואַרשע דורך די היטלעריסטן פאַרן אָפּשליסן די יידישע באַפעלקערונג אין אַ געטאָ. דאָס איז געווען דאָס הויז אויף וואָלינסקע 21 — די און אַלע ווייטערדיקע באַמערקונגען זענען פון דער רעדאַקציע.

די ווירטין שטייט איצט אויף פינף פאַרטאָג און רייניקט אַליין דעם הויף; דער ווירט שלאָפט ביזן גרויסן טאָג אַריין, אָבער זי — קאָן נישט איינרוען. נאָכדעם ווי דער סטרוזש האָט איר אָפּגעזאָגט די חברותא, איז איר באַפאַלן אַן אויסטערלישער חשק אַליין צו אַרבעטן, צו האָרעווען; זי האָט הנאה פון דער אַרבעט. עס דערמאָנט זי אין די יונגע יאָרן. אָבער מע לאָזט איר נישט באַקומען די הנאה; אַלע ווײַלע לויפט אַרויס אַן אַנדערער שכן פון די פאַרגאָסענע שטובן און גיט איר צו פאַרשטיין, אַז זי מאַכט אַליין בידים אַ תל פון איר פאַרמעגן, ס'גאַנצע הויז וועט דאָך רואינירט ווערן, אויב זי וועט נישט זען וואָס גיכער דעם שמאָק אַרויסצובויען...

די ווירטין הערט אויס די טענה און ס'הייבט זי פון אָרט; נאָר נישט דאָס, נישט דאָס: איר הויז וועט חרוב ווערן, איר בלוט און שווייס?... זי זאָגט צו גיך צו פאַרענדיקן די בוי=אַרבעט, זאָלן נאָר די מויערער קומען, וועט זי שוין אונטערטרײַבן, נו, און טאַקע פאַר איין וואָגס — טראַכט זי זיך אין דער שטיל — געמען מאָנען דירה=געלט... עס קאָסט דען ווייניק געלט אַרויסצובויען דעם שמאָק? זי ווייסט, אַז דער זשעלעכאָווער, מיטן שוסטער, מיט פערעלען האָבן פון זייערע צעשטערטע דירות אַרויסגעשלעפּט דאָס גאַנצע בוי=געהילץ פון דאַך און פון די ווענט, אַלע בעלקעס און זיי אויסגעלייגט אונטער די בעטן אין „סכראַן“, זיי זאָלן האָבן ווינטער מיט וואָס צו הייצן, אָבער זי זאָגט זיי וועגן דעם קיין וואָרט נישט; זי ווייסט, אַז ווען מע קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער... מיט פערעלען וועט זי נישט איינרייסן... נאָר שאַדט נישט — דירה=געלט וועלן זיי שוין צאָלן... זי ווישט זיך אָפּ די ליפּן און אַרבעט ווייטער, רייניקט, קערט מיטן בעזעם, שלעפּט צוזאַמען די צעוואָרפענע ציגל אין הויף אַרײַן און רוימט איר גרויסע שטוב... ס'גאַנצע הויז...

די פויערים קומען פון אַלע זײַטן מיט וועגעלעך ירקות פון דאָרף, מיט קאַרטאָפל, קרויט, האָלץ און אַפילו מיט קוילן, וואָרעם יידן קריגן ביי דער באַן נישט קיין קוילן; אַ סברא, אַז דאָס זענען גאָר קיין פויערים נישט, נאָר הינטערשטאָטישע אײַנוווינער, וואָס ווילן מאַכן אַ לעבן פון מסחר מיט יידן. וויאַזוי זיי קריגן אַרויס די דערלויבעניש אַרײַנצוקומען מיט זייערע וועגעלעך אין שטאָט, איז שווער צו וויסן, אָבער מסתמא איז די מאַכט אויף די ערטער מער גענייגט צו מאַכן פאַרלייכטערונגען אין דעם פּרט: דער דײַטשישער קאָמענדאַנט אין אַ קליין אָרט וויל דאָך אויך לעבן...

די גאַנצע מילע=גאַס איז פול מיט די פויערישע וועגעלעך; זיי פאַרבלאָנדזשען אויך אויף דער לובעצקע, וואָלינסקע און אין דער גאַנצער געגנט, באַזונדערס, די פויערים מיט די וועגעלעך האָלץ.

ביי וועדעלס געוועלבער אויף מאַרשאַלקאָווסקע און שפּעטער אויך אויף ביעלאַנסקע שטייען לאַנגע רייען, שטייען גלאַט אַזוי הייסט עס, איינער היט זיך



פאַרן צווייטן; קומט צו אַ דורכגייער און פרעגט, וואָס מע שטייט דאָ, ענטפערט מען אים, אַז מע ווייסט אַליין נישט, אָט שטייט מען... אָבער מע ווערט דאָך געוויר, אַז פאַר צוויי גילדן קריגט מען ביי וועדעלען אַ טעוועלע פאַרמלחמהדיקן שאָקאָלאַד, מיט אַ ביטעלע צוקערלעך. קויפן קויפט מען דאָס נישט פאַר זיך, נאָר אויף מסחר, וואָרעם עס זענען נאָך דאָ אַ שפּאָר ביסל יידן, וואָס קאָנען זיך דערלויבן אויפצועסן אַ גוט טעוועלע שאָקאָלאַד, כאָטש עס זענען דאָ אַ סך, אַ סך מער יידן, וואָס הייבן שוין אָן פאַלן אין די גאַסן פון הונגער. זאָל זיין שאָקאָלאַד — אבי צום לעבן.

אין די שטאָטישע געוועלבער פון דער קריסטלעכער געגנט, ווי, למשל, העט ווייט אַראָפּ אויף מאַרשאַלקאָווסקע, קריגט מען צו קויפן מילך און אויך צוקערלעך. די קירזשנערין מיט דער הענטשקע=מאַכערינס טעכטער, מיט דער שוסטערין דערוויסן זיך דערפון און שטייען דאָרט אָפּ גאַנצע טעג אין דער ריי, ביז זיי ברענגען אַהיים די פּאָר טעוועלעך שאָקאָלאַד מיטן ביסל ביליקן מילך. די מילך, וואָס ס'ברענגען שוין איצט די פויערים פון די דערפער, גראָד אַזוי ווי די פּוטער, קעז און שמאַנט — קאָסט טייער.

פּלוצלינג באַווייזן זיך איבער דער שטאָט יידן מיט געלע מגן=דודס אויף די אַרבל; ווייבער מיט אײַנגענייטע געלע לאַטעס אין די פּאַטשיילעס, ס'פאָרן גרויסע פּלאַטפאָרמעס מיט יידן, יידענעס און קינדער מיט געפרוירענע נעזעלעך פונעם האַרבסטיקן פייכטן און קאַלטן וועטער: האַ? וואָס איז דאָס, ווער זענען זיי?

מע שרייט צו זיי אין אַלע גאַסן, ווו זיי פאָרן דורך: — פון וואַנעט זענט איר? — און די יידן ענטפערן אָפּ, פאַרביטערטע פון די אומאויפהערלעכע שאלות: פון ראַציאָנזש, פון שערפּץ[2]...

אין הויז נומער 21 קומען אָן פערציק שערפּצער יידן און זיי באַזעצן זיך אין פראָנט, אין אַ ליידיק געוועלב; די ווירטין זאָגט זיי נישט קיין איין וואָרט — פאַרקערט, זי טוט אַ רעד איבער מיטן קאָמענדאַנט,[3] אַז מע דאַרף זיי מיט עפּעס אַרויסהעלפן. ס'איז דאָנערשטיק נאָכמיטאָג און ס'ווערט געבוירן דער פּלאַן זיי צו פאַרזאָרגן אויף שבת מיט אַ טשאָלנט. דער קאָמענדאַנט רימט זיך נאָכדעם, אַז דער טשאָלנט האָט אָפּגעקאָסט גאַנצע הונדערט גילדן. נאָך שבת לויפט ער אַרום צו אַלע שכנים, וואָס ווילן אַרײַננעמען סובלאָקאַטאָרן און באַזעצט די פערציק שערפּצער אין הויז. די ווירטין לייגט זיך די זאַך אונטערן אויער: פון די שערפּצער נעמט מען שוין געלט פאַר די ווינקלען אין די קיכן ביי די

[2] דאָס זענען געווען די ערשטע קרבנות פון די היטלעריסטישע גירושים אין מערב=פּוילן.

[3] דער קאָמענדאַנט פון הויף, איינער פון די לאָקאַטאָרן.

זלעוון, וואָס מע טיילט זיי אָפּ — זאָל זי נישט טאָרן מאָנען צומאָלט פאַר דירה־געלט?...

די פיר טויזנט שערפּצער יידן און אויך אַזויפיל ראַציאָנזשער זענען שוין איינגעקוואַרטירט אין שטאָט, אָבער מע הערט, אַז מע טרייבט ווייטער אויך פון אַנדערע ישובים, און יידן הערן מיטאַמאָל אויף צו מאַכן זאַפּאַסן: קאַץ האָט אָפּגעלייגט אַ וואָגן קוילן אין קעלער און וויל שוין מיט אַ צווייטן זיך נישט פאַרזאָרגן; דער קצב און די ווירטין הערן אויף איינצוקויפן קאַרטאָפל מיט קרויט אויפן ווינטער, דער קישקע־מאַכער קויפט נישט קיין זאַלץ און דער שוסטער — קיין לעדער: צוואָס, מע ווייסט דען, וואָס מיט אונדז וועט זיין?

אין הויף שטייט אַ פּויער מיט אַ וואָגן קאַרטאָפל פון באַלד אין דער פרי אָן; געשטאָט אַכציק גילדן פאַר א קערץ, ווי ער האָט פאַרקויפט נעכטן, פאַרלאַנגט ער שוין היינט נאָר זיבעציק. מיטאָגצייט וויל ער שוין מער נישט ווי פופציק, אָבער ער שטייט ביז פאַרנאַכט, בעט זיך, מע זאָל ביי אים קויפן, זאָל שוין זיין צו פינפאונפערציק גילדן פאַר דעם קערץ — און קיינער קויפט נישט; דער פּויער נעכטיקט איבער אין הויף און צומאָרגנס פאָרט ער אַוועק מיט אַ קללה אויף די ליפּן אויף די „זשידעס", וואָס עס איז אין זיי פלוצלינג אַריין עפּעס אַ רוח רעה: זיי ווילן נישט פרעסן, צי וואָס?...

די צעמישעניש האַלט אָן אַ טאָג און צוויי און מיטאַמאָל נעמט מען זיך סודען, איינער דעם אַנדערן רוימט איין אין אויער: ער גייט... דער רוס... ער איז שוין נישט ווייט פון פּראַגע... מ'האָט שוין געעפנט די גרענעץ... יידן גייען אַריבער פּראַגע און פריי אויף יענער זייט...

די שכנים ווערט עפּעס ענג אין הויף; נישט נאָר דער קצב, דער זשעלעכאָווער און דער פיבערהאַפּטער קאָמענדאַנט — דער גאַנצער הויף שכנים טראָגט איבער די שמועסן פון הויף אין גאַס אַריין; מע שטייט אין קופּקעלעך פאַרן טויער און מע דערציילט זיך נייעס, און נישט נאָר פאַר אונדזער טויער — פאַר אַלע טויערן אין גאַס איז דאָס אייגענע: אומעטום איז ענג געוואָרן אין די הויפן. דאָ אין גאַס קאָן מען גיכער זיך דערוויסן עפּעס נייעס, דאָ זעט מען דעם דורכגייער און מע קאָן אים באַלד אַ כאַפּ טאָן: נו, ס'הערט זיך? ער גייט טאַקע?

— אַ שאַלה, סעץ זען, היינט־מאָרגן איז ער דאָ אין וואַרשע.

דער זשעלעכאָווער וואַרט נאָר אויף דער דירה און דערנאָך וועט ער שוין ווייסן, וואָס ער האָט צו טאָן... אָ, אים דאַרף מען קיין פינגער אין מויל אַריין נישט לייגן... זיינע שיפּע קאַלמיקן־אייגעלעך טוען קלונעטשקע אַ פינטל, די פּעסטע, ברייטע, פירקאַנטיקע פּלייצעס אויפן נידעריקן געשטעל גלייכן זיך אויס ווי אַ ברעט, און ער גיט אַ צי איין דעם פּאַסעק איבער די הויזן: הע, הע!...

אויך דער מילימער־שניידער האַלט זיך אין איין סודלען. ער היט זיך אפילו פאַרן אייגענעם ווייב, פאַר פּערעלען, און ער פּלאַנעוועט צו גיין אויף יענער



זייט צוזאַמען מיט זלמנען, אָבער פּערעלע שנאַפּט דאָס גיך אויס און מע מעג זיין זיכער — זלמנען, איר בן־יחיד, וועט זי פון שטוב נישט אַרויסלאָזן, וועגן דעם מעג ער פאַרגעסן, דער מאַן, אָבער אַחוץ דעם האַלט זי סתם נישט פון דער זאַך, ניין, מע קאָן דאָ אויך מאַכן אַ לעבן און אַ סברא, אַז ביים דייטש טאַקע גיכער ווי דאָרטן.

דער קאָמענדאַנט קלערט קלאָמפּערשט וועגן פאָרן צום שוואָגער קיין תל־אביב, אָבער ער ווייס גוט, אַז דאָס איז נישט מער ווי גערעדט; אמת טאַקע, פאַר גוט געלט לאָזן די דייטשן אַרויס פון לאַנד און די איטאַליענישע יידן גיבן די וויזע; דער איטאַליענישער קאָנסולאַט אין וואַרשע מאַכט נישט קיין שוועריקייטן, איצט נאָכנישט... נאָכן צוזאַמענטרעף פון היטלערן מיטן דוטשע אין ברענער[4] וועט דאָס אַנדערש ווערן, אָבער דערווייל דאַרף מען נאָר האָבן אַ זכיה ביים דייטש און נישט אַזוי אַ זכיה, ווי אַ פולע קעשענע. דער קאָמענדאַנט ווייסט צו דערציילן פון יידן, וואָס זענען שוין געפאָרן קיין ארץ־ישראל און וואָס פאָרן ווייטער, אָבער פאַר א גוטער אַפּותיקא, אָט, למשל, פאַר צוואַנציק טויזנט גילדן; האָט מען אַזאַ סכום געלט, איז שוין נישט נייטיק קיין סערטיפיקאַט. אויך קיין אַמעריקע פאָרט מען. ווי אַרומערט? פרעגט נישט קיין שאלות! אויף דערויף זענען דאָ מאַכערס... נאָר וואָס רעדן — ער, דער קאָמענדאַנט, איז דאָך נישט פון די יידן מיט געלט, ער איז דאָך אַ ייד מיט אַ פאַרגאַנגענהייט... 1905... איז מילא, טראַכט ער טאַקע צו שיקן זיינע זין אויף יענער זייט — אין מאַלקין האָט ער אויך אַ שוואָגער...

דער דייטש באַפעלט, אַז יידישע קראָמען זאָלן האָבן שילדן מיט יידישע אויפשריפטן, ניין, טאַקע מיט העברעיִשע...

איבערראַשן, איבערראַשט דאָס נישט. מע זעט דערין א המשך פון דער פּוילישער פאַראָרדענונג בימי „אָזאָן",[5] אויפצוהענגען אויף יעדער קראָם אַ קליין שילדל מיטן אמתן יידישן פאַרנאָמען; נישט העלא וויעזשביצקא, בערנאַרד לענטשיצקי — נאָר טאַקע עכט ביבליש: חנה און ברוך... ווערן מיטאַמאָל געבוירן העברעישע שילדן־מאַכער, וואָס פאַרפלייצן די גאַסן מיט קאָמישן לייענשטאָף: „אכילה מזוגות ימינים",[6] „ברזל ישן קיני"[7] „חיט בגדים אישים",[8] און אַזאַ ענ־

---

[4] די טרעפונג פון היטלערן און מוסאָלינין וועגן אַ געמיינזאַמען קריגס־אַרויסטריט.

[5] אין די לעצטע פאַרמלחמה־יאָרן, אונטערן סאַנאַציע (אָזאָן)־רעזשים.

[6] קאָלאָניאַל־געוועלב.

[7] קראָם פון אַלט אייזן.

[8] מענער־שניידער.

לעבן אָן־קוציץ. וויינבוים הענגט ארויס א שילד: „חנות לחם מזוגות וכל אכילה“[9] און זיין ניי ווייב, די שוועסטער נאָך א שוועסטער, וואָס ער האָט גענומען, און נישט קיין פרעמדע שטיפמאמע, ווי עס האָט דאָס טאקע נביאות געזאָגט רוכשעו די בעקערין, — טענהט איין מיטן טריקאָטאזשניק, דעם יידישיסט, וואָס לאכט פון איר, הלמאי זי האָט נישט געמאכט די שילד בעסער אין יידיש, און אויף א כפרה ברויך זי די גאנצע שילד מיטן יידיש צו מיטן העברעיש; אלא וואָס רעדן, זי וועט גיין איינרייסן מיטן דייטש? ער וויל העברעיש — זאָל זיין העברעיש, ברעכט ער דעם קאָפּ, אבי ער לאָזט לעבן!...

עס ווערט שוין פארבאָטן יידן צו פאָרן מיט די באנען, אָבער דערווייל היט מען דעם פארבאָט נאָך נישט אזוי שטארק אָפּ; אגב איז ער נאָכנישט אזא אומגליק פאר ווארשעווער יידן: פאָרן אויף יענער זייט[10] מיט דער באן פאָרן נאָר יחידים, ס'רוב פאָרט מען מיט אויטאָבוסן, מיט וועגעלעך אָדער גאָר מע גייט צו פוס; אנדערשוואו פאָרן מיט דער באן — פאָרט מען נישט, סיידן גרויסע איינשטעלערס, שמוגלער און פיפיקע אנדערע לייט מיט פיסקעס ווי די רוחות, וואָס קריגן פאר גוט געלט ארויס פאפירלעך צו מעגן פאָרן ושיער נישט איבער גאנץ פוילן.

אין מיין איינגאנג טומלט זיך: דעם קאָלעקטאָרס טאָכטער, וואָס איר חתן איז אומגעקומען ביים פארטיידיקן די שטאָט, אריינטרעטנדיק אלס פרייוויליקער אין באטאליאָן „קינדער פון ווארשע“, האָט זיך פארליבט אין א גנב און האָט מיט אים חתונה. דער פאָטער, א ייד א חסיד, איז פון דער טאָכטער אנטלאָפן נאָך בעת דער באָמבארדירונג, ווייל זי האָט ארייַנגענומען אין שטוב אלס סובלאָקאטאָרן עטלעכע גנבים. איצט האָט זי חתונה מיט איינעם פון זיי. פון עגמת נפש ווערט דער פאָטער קראנק און גייט אוועק פון דער וועלט.

פערעלע צעלייגט די מעשה אויף טעלערלעך און שרייט: אנישט האָט מען דען באלד נישט געוווסט, אז עס וועט אזוי זיין? זי איז דאָך א חסידס א טאָכטער איז זי דאָך, דאָס פארעך! אונדזערס איינע וואָלט אזא זאך נישט געטאָן, נאָר א חסידישע טאָכטער קאָן זיך דיר פארלאפּטשען אין א גנב...

די שוסטערין הערט דאָס און קוועלט אָן פאר נחת, און אויך דער זשעלעכאָווער ארבעט שווער מיט זיין טאנדייטערישן מח ארויסצוברענגען דעם איינגענעם מוסר־השכל, אז זיי, די חסידים, די קאטשעלאנעס, זענען ערגער ווי אונדזער איינער... יאָ, ער ווייסט דאָס נאָך פון זשעלעכאָוו...

פערעלע וועט אזוי רעדן און רעדן פון דער מעשה אין דער „סכראָן“־שטוב, ווו זי וווינט נאָך אַלץ צוזאַמען מיטן זשעלעכאָווער און מיטן שוסטער, ביז מע

[9] געוועלב פון ברויט און כלערליי שפייזן.
[10] אויף דער סאָוויעטישער זייט.



וועט אויספארטיקן איר ווינונג, כדי נישט אויסצושטעכן די אויגן פון די שכנים, ווי זי גרייט זיך א ליאדע טאָג ארויסצונעמען ס'ביסל זאכן און זיך צוריק אריינציען אין איר אויפגעפרישטער און נייער דירה. די קיך האָט זי שוין פארטיק, און זי נעמט שוין דאָרטן קאָכן די מיטאָגן, אז די שכנים פון דער „סכראָן“־שטוב זאָלן נישט מוזן וויסן פון אלץ, וואָס זי עסט... זי לאָזט אויך שוין מאָלן און שטייט יעדן טאָג אויף דער וואָלווקע און פארקויפט קורטקעס, און זי קלאפט זיך אין בויך אַריין: הא, אַז מ'האָט נ'קאָפּ אויף דער רעכטער זייט — האָט מען אַלץ: אי א דירה וועט זי האָבן א נייע, אי ס'געהילץ צוגענומען, אי קיין דירה־געלט נישט צאָלן...

דעם בעקער בראָדסקיס עלטסטער זון איז אוועק אויף יענער זייט; ער איז געפאָרן מיט אן אויטאָבוס. אויף די נאלעווקעס שטייען אויטאָבוסן, וואָס פירן אוועק ביז סאמע ביאליסטאָק פאר צוויי הונדערט גילדן. ווו אויף די נאלעווקעס? אויף וועלכן הויף? דער קאָמענדאנט ווייס ווו, ער וויל זיין עלטסטן זון אויך שיקן מיטן אויטאָבוס, אָבער ער קלערט נאָך פון א בעסערן פלאן — ער וועט אים אליין אָפּפירן ביז מאלקין מיט דער באן...

רבקהלעס זון, דער „גאנדי“־ארבעטער, איז אויך די טעג געפאָרן. פון די סובלאָקאטאָרן גייען אוועק אויף יענער זייט צו עטלעכע מענטשן יעדן טאָג. אין אלע שטובן רעדט מען נאָר וועגן לויפן, גיין. דער מיליטער־שניידער מיטן זשעלעכאָווער, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד, ווען זיי וועלן שוין האָבן פארטיק זייערע דירות, ווערן ווי חדר־יינגלעך און חלומען גאנצע טעג אויף דער וואָר וועגן אוועקגיין, פאָרן קיין ראָסיי, זיך ארייַנקריגן אין די גרויסע שטעט, קיין מאָסקווע, לענינגראַד, כארקאָוו, ווו מע קאָן קריגן גרויסע, ווייסע לחמאס ברויט, פולע שיסלען מיט רייז, פיש און פלייש.

— איר הערט, שכן, איר הערט — שטאמלט אונטער דער זשעלעכאָווער — כ'האָב דאָ גערעדט מיט א יינגל פון נומער 10, וואָס איז נעכטן צוריקגעקומען פון דאָרטן נאָך דעם ווייב מיט די קינדער, זאָגט ער, אז ווער ס'קריגט זיך אריין אויף א שטעל צו די באָלשעוויקעס, קאָן פארדינען ביז פינף הונדערט רובל א וואָך, צו עסן איז דאָ פון אלעם גוטן, מע דארף נאָר האָבן מזל.

— און ווען מע קריגט נישט קיין שטעל? — טוט אים א פרעג דער מיליטער־שניידער.

— שלאָפט מען אין בית־מדרש, — ענטפערט אָפּ דער זשעלעכאָווער, — און מע האָט אויך צו עסן. מע גיט דריי מאָל אין טאָג פארציעס ברויט מיט זופּן און מע לעבט.

דער מיליטער־שניידער וואָלט שוין אויף אלעם באשטאנען, כאָטש ער איז געווען אין דער וועלט־מלחמה און ער גלייבט נישט שטארק אין קיין לייכטע גליקן, אָבער ער האָט מורא פאר זיין ווייב, פאר פערעלען — ער וועט נאָך דארפן פאר־

ליגן אַ שפּאָר ביסל אַרבעט, ביז ס'וועט אים געלונגען איר איינצורעדן, אַז זי מעג אים לאָזן פאָרן...

דער זשעלעכאָווער און דער מיליטער־שניידער קאָנען נישט איינזיצן אין שטוב; אַלע ווײַלע לויפן זיי אַרויס פאַרן טויער און בייגן צו אַן אויער צום קרענצל. מיטאַמאָל פאָרט אָן אין גאַס אַ קויטן־וועגעלע, ווי מע זעט דאָס אין די קליינע שטעטלעך אין לובלינער קאַנט, — און דאָס וועגעלע איז געפּראָפּט מיט ייִדן און ייִדענעס, וואָס זעען אויס ווי מחותנים, וואָס פאָרן אויף אַ חתונה; די ווײַבער גייען שוין אָנגעטאָן, האַלטן וואַליזקעלעך אויף די שויסן און האָבן צעפלאַמטע פּנימער; וווּהין פאָרן זיי דאָס?

— אויף יענער זײַט!

— טאַקע? כ'גלייב נישט.

— גלייב יאָ, גלייב נישט — אָבער דאָס איז עס; זיי פאָרן אויף יענער זײַט...

איצט וועלן שוין די וועגעלעך אין גאַס מיט פאַרשווינען, וואָס פאָרן אויף יענער זײַט, זיך מערן פון טאָג צו טאָג; קיינער פון די שכנים קאָן שוין נישט איינזיצן אין שטוב, מע האַנדלט נישט, מען אַרבעט נישט, מע פאַרקויפט אַרויס פון שטוב, וואָס עס לאָזט זיך, און גאָר און רק מע חלומט וועגן אַריבערגיין אויף יענער זײַט. דער מיליטער־שניידער, וואָס האָט געזען די וועלט, ווייס שוין אַלע וועגן: דורך מאַלקין מיט דער באַן, און דורך אָטוואָצק מיט דער קאָלייקע און נאָכדעם אויף דער באַן, דורך הרוביעשאָוו און זאַמאָשטש, אָדער דורך שעדלעץ מיט דער באַן און דורך סאָקאָלאָוו און ביאַלע מיטן אויטאָבוס. דער אויטאָבוס קיין סאָקאָלאָוו פירט גלייך פון די באָגיפּראַטן ביז סאָקאָלאָוו, נאָר וואָס דען — נאָך אַ בילעט מוז מען אָפּשטיין אין דער ריי אַ גאַנצע וואָך און ערשט דעמאָלט באַצאָלן פאַר אים אַ טאָפּלטן פּרייז.

רבקהלעס זון, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט, איז אַוועק קיין פּראַגע. די וואָך ביי דער בריק האָט אים אַדורכגעלאָזן פאַר אַ פינפערל, וואָס ער האָט אַרײַנגעשטעקט אין יד אַרײַן דעם פּוילישן פּאָליציאַנט. דער דײַטש האָט זיך געמאַכט נישט זען, און אַזוי איז ער אַוועק צופוס קיין מאַלקין און דאָרטן זײַער לײַכט אַריבער די גרענעץ. ער איז, וואָס אַן אמת, אָפּגעלעגן אויפן פּלאַץ ביי דער גרענעץ, אויף „קיינעמס לאַנד“, אַ גאַנצע וואָך, נאָר נאָכדעם איז געקומען אַ גוטע וואָך און די זעלנער האָבן אַ רוף געטון: „טאָוואַרישטשי, פּערעכאָדיטיע!“

— חברים, גייט אַדורך, הייסט עס — און ער איז אַריבער. איצט איז ער נישט אין ביאַליסטאָק, נאָר גאָר ערגעץ אין אַ קליין שטעטל און ס'איז אים זײַער גוט; ער אַרבעט און שרײַבט דער מאַמען, אַז ער וועט זי אַהין אַראָפּנעמען.

דער בריוו פון רבקהלעס זון וואַנדערט אַרום אין גאַנצן הויז; מע לייענט אים און מע באַטאַפּט אים פון אַלע זײַטן, ווי אַ וווּנדערלעכע קמיע, אַ ווונטש־פינגערל. אַלע ווײַלע לויפט צו איר אַרײַן אַן אַנדער שכן:



— גוט מאָרגן, רבקהלע.

— גיט מאָרגן, גוט יאָר.

— רבקהלע, מ'קאָן אפשר אַ קוק טון נ'בריוו, וואָס זי האָבן געקריגן פון זון?

— דעם בריוו? כ'האָב אים גאָרנישט אין שטוב, מ'האָט אים אַרײַנגענומען צום שטעקעלע־מאַכער.

דער שכן באַווייזט אפילו נישט צו זאָגן קיין גוטן טאָג; ער פאַרמאַכט מיט אימפּעט הינטער זיך די טיר און לויפט גיך אַראָפּ צום שטעקעלע־מאַכער אין קעלער; דאָרטן איז איצט די שטוב פול מיט שכנים; דער זשעלעכאָווער שטייט אינדערמיטן און טייטשט אויס דעם בריוו, כאָטש טייטשן איז נישטאָ וואָס.

„טייערע מאַמע, — שרײַבט רבקהלעס זון, אויף ייִדיש מיט דײַטשישע אותיות, — יאָך אַרבעט און ס'גייט מיר זייער גוט. יאָך האָב צו עסן און קאָן גיין ווו כ'וויל. דאָ מאַכט מען אַ לעבן, מע זינגט אין די גאַסן. יאַך האָב שוין איינגעגעבן פאַר דיר אויף פּאַפּירן און מערצישעם וועל יאַך דיך אַראָפּנעמען“.

— אָ, איר פאַרשטייט, — זאָגט דער זשעלעכאָווער, און שטעלט אויס זײַן דוימענפינגער אין דער לופט, ווי ער וואָלט געעפנט אַ פאַרמאַכטן שלאָס; די שפּיץ צונג שטעקט ער אַרויס, ציט איין דעם קורצן, טעמפּן שטערן און שטאַמלט צו, — יאָ, ער האָט צו עסן און קאָן גיין ווו ער וויל. דאָס האָב יאַך דאָך באַלד געזאָגט, דאַרף מען נאָך בעסער? דאָ, אַז דו גייסט אַרויס, כאַפּט מען דיך אויף אַרבעט, דאָרט, — טו וואָס דו ווילסט. ש־ש־שכן, שכן, אַ די הערט, ש־ש־שכן, — זאָגט ער אַזש מיט פייכטע אויגן פון איבערגענומענקייט צום מיליטער־שניידער, — אירט מיך פאָלגן? קומט, לאָמיר הײַנטיקע וואָך אַוועקגיין.

אין קעלער שטייט אַ רעש. אַלע רעדן, האַקן איבער איינעם דעם אַנדערנס רייד, בלויז דער שטעקעלע־מאַכער שווייגט.

— און צו וואָס דאַרף מען גיין? — פרעגט דער שוסטער — דער רוס וועט דאָך סײַווי באַלד זײַן אין וואַרשע.

דער שוסטער, וואָס האָט באַלד אויפצומאָרגנס נאָך דער מלחמה גענומען ווײַטער אַרבעטן איבערגעניצעוועטע שיך און צו זוכן פאַר זיי אַ פּלאַץ אויף צו פאַרקויפן, כל זמן די הרובע „וואָלוווקע“ איז נאָכנישט געוואָרן צוריק אויפגעריכט, האָט גאָרנישט קיין חשק צו לויפן אין דער וועלט אַרײַן; אים שמעקט זייער גוט דאָס שוואַרצע ברייטל, וואָס ער אַרבעט אויס, אויפשטייענדיק גראָד ווי פאַר דער מלחמה פינף פאַרטאָגס, קלאַפּן מיטן העמערל אויפן שוסטער־בענקעלע, און דערפאַר האָט ער צייט אָפּצוּוואַרטן, ביז דער רוס וועט קומען קיין וואַרשע. אָבער דער שטעקעלע־מאַכער, דער זשעלעכאָווער, און אפילו דער מיליטערישער שניידער, כאָטש זיי קאָנען אויך אַרבעטן און פאַרדינען להחיות נפשם[11]

---

[11] צו דערהאַלטן די נשמה.

— זיי ציט אין דער וועלט אריין, זיי האָבן נישט קיין געדולד דאָ איבערצוּוואַרטן, ביז ס׳וועט קומען דער רוס, זיי ווילן זיין פריי...

דער שטעקעלע־מאכער שווייגט אזוי א טאָג און צוויי און דריי. גייט יעדעס מאָל ארויס אין גאס פארן טויער, הערט זיך צו מיט קאָפּ, וואָס מע שמועסט אין קרענצל, און אין איינעם א פרימאָרגן, דווקא נישט קיין שיינעם, גאָר א גרויען און נעבלדיקן, נעמט ער דאָס ווייב מיטן קינד, זעצט זיך אויף אויף א פורל, וואָס פארפאָרט פארן הויז, און צוזאמען מיט אנדערע יידן, מיט זייערע ווייבער און קינדער לאָזט ער זיך אין וועג אריין אויף יענער זייט. אין דער קעלער־דירה בלייבט איבער בלויז זיין אלטע מאמע, וואָס וועט שוין האָבן פון אים די פרנסה, אריינגעמענדיק א פולן קעלער מיט סובלאָקאטאָרן.

איצט ווערט שוין דאָס דער איינציקער שמועס אין הויז, פארן טויער, אין די שטובן ביי טאָג און אויף די געלעגערס ביי נאכט. וווּ מע גייט און מע שטייט, הערט מען נאָר די איינע פראגע:

— נו, ווען גייסטו? און זעליק? שוין אוועקגעגאנגען? דורך הרוביעשאָוו, צי מאלקין? אזוי, מיט דער קאַלייקע?

די גאנצע שטאָט רעדט וועגן גיין. ארבעטער און באַלמעלאָכעס, סוחרים און ביוראַליסטן, לערער און שרייבער, דאָקטוירים און אדוואָקאטן — ס׳זענען גאָר נישטאָ איינע מינים יידן, וואָס זאָלן נישט טראכטן וועגן אוועקגיין. ס׳שאפן זיך גאנצע קאָמפּאניעס וואנדער־ברידער; דער באשטעלט זיך מיט דעם, און יענער — מיט יענעם; די זענען נעכטן צוריקגעקומען פון פראגע, ווייל די וואך האָט זיי נישט אדורכגעלאָזט, און יענע גייען מאָרגן צום צווייטן מאָל. דער גייט מיט א גויישן פירער, וואָס שטעלט אים צו פון ווארשע ביז איבער דער גרענעץ, און יענער האָט מורא צו גיין מיט א גוי, ווייל ער קאָן דיך אָפּציען און לאָזן שטיין אין מיטן וועג. און אנדערער האָט געפּאקט א זיכערן גוי, א פויער פון לעבן דער גרענעץ, וואָס רעדט יידיש און עס איז מיט אים אזוי זיכער צו פאָרן, אז אין וואָגן האָט ער געמאכט א באהעלטעניש, וווּ מע קאָן אוועקלייגן געלט, צירונג, ווי אין א... באנק, טאָמער חלילה וואָס — וועסטו דיין ביסל פארמעגן נישט אָנווערן.

עס זענען שוין דאָ מאכערס, צו וועמען עס קומען די „זיכערע“ גויים פון לעבן דער גרענעץ, און ס׳זענען דאָ יידישע באַלעגאָלעס, וואָס פאָרן מיט פלאַטפאָרמעס, אָמניבוסן און כלערליי מינים וועגעלעך; פון אינדערפרי ביז אויפדערנאכט זעט מען פאָרן די וועגעלעך אויף דער וואָלינסקע, לובעצקע, ניזקע, זאמענהאָף — און ווו נישט?

אָט פאָרט אדורך א פויעריש וועגעלע אין געסל; אויפן וועגעלע זיצט א ייד מיט א בלאָנד בערדל צוזאמען מיטן גוי אויף דער קעלניע; אויפן איינציקן געזיעס פאר פארשוינען — א זאק מיט שטרוי — זיצן צוויי יונגעלעך זעקס־זיבנ־



יאָריקע, פארבאבלט אין שאלן, און קוקן מיט טרויעריקע שווארצע אייגעלעך, פון וועלכע עס קוקט ארויס א וועלט מיט שווערע נסיונות, קוקן, ווי זיי וואָלטן געזאָגט:

— הא, שיין דערלעבט, שוין ווידער זיך לאָזן אין וואָגל — אז ס׳איז א מלחמה איף דער וועלט, נישטאָ וואָס צו עסן און מיטן חיות איז מען אויך נישט זיכער... אזוינע רוצחים... אזוינע גזירות...

פערעלע ציט זיך מיט מזל אריין אין דער אויפגעריכטער דירה. דער זשעלעכאָווער גייט ארום ברוגז: זיין דירה איז נאָך נישט פארטיק. ער האָט זי גייטקער פאר פערעלען. אויך דער שוסטער וויינט שוין צוריק אויף זיין דירה; דער זשעלעכאָווער איז געבליבן אליין. איצט יאָגט אים דער אלטער לאָקאטאָר פון דער „סכראָן“־שטוב, דער שניידער, וואָס איז פון דאָרט ארויס פאר דער באָמבארדירונג; ער ברויך, טענהט ער, ווידער די דירה... ער ברויך פון איר צו נעמען אָפּטרעט־געלט — אָבער דאָס זאָגט ער נישט, דאָס פארשטייט שוין דער זשעלעכאָווער אליין. ער לויפט איצט צו דער ווירטין דריי מאָל אין טאָג, טרייבט אונטער, יאָגט צו און צו מזל — ער קריגט שוין די דירה, אָבער אים שעמט זיך די ווירטין נישט צו מעלדן, אז ער מוז באצאָלן ס׳דירה־געלט, וואָס ער איז שולדיק.

— ווי? — דער זשעלעכאָווער פארשטייט דאָס גאָרנישט. — ס׳דירה־געלט? וואָסער דירה־געלט איצט אין דער מלחמה?

גיך גיט ער א לויף אריין צו פערעלען מיטן נייעס, אָבער אוי, דאָ ווערט ער געוואויר, אז זי, פערעלע, וואָס האָט אלץ אינאיינעם געשריגן, אז א מכה וועט זי איר געבן דירה־געלט איצט, אין דער מלחמה, וואָרעם איצט ווארפט מען נישט — האָט איר פונדעסטוועגן אריינגעשטעקט אין האנט אריין א הונדערטער על־חשבון; זי וואָלט דאָס טאקע נישט געטון, פערעלע, אָבער זי איז שוין געוואויר געוואָרן, אז דאָס ניי־געעפנטע פוילישע געריכט פסקנט צו צאָלן דירה־געלט, בלויז עקסמיסיעס גיט מען נישט ארויס.

איצט האָט דער זשעלעכאָווער שוין נישט קיין ברירה, אויך ער מוז צוּוואַרפן דער ווירטין א פאָר גילדן, די לעצטע פאָר גילדן זיינע, און ער ציט זיך אריין אין דער דירה. נאָר קוים וווינט ער אָפּ אין דער נייער דירה איין וואָך צייט, זעט ער זיך ארום, אז ס׳יקרות וואקסט, קיין ארבעט איז נישטאָ, דער מסחר ליגט אין דער אדמה, ס׳ליגט זיך נישט... און ער שיקט אהיים ס׳ווייב מיט די קינדער קיין זשעלעכאָוו. אין שטוב נעמט ער אריין א סובלאָקאטאָר, א קלעזמער, און די „סכראָן“־שטוב ווערט פארדונגען צו א מורה־הוראה, פון וועמען דער אלטער לאָקאטאָר קריגט מיט דער ווירטינס הסכמה זיין אָפּטרעט־געלט.

דער זשעלעכאָווער איז איצט אליין און ער קאָן גאנצע טעג ארומגיין און קלערן וועגן אוועקגיין אויף יענער זייט. ער רעדט אלץ אינאיינעם מיטן מיליטער־

שניידער יונגן גיין צוזאמען. יענער האלט אָבער נישט דערפון און הייבט זיך אויף און גיט פלוצלינג א פארשווינד פון הויז, אז קיין האָן קרייעט נישט. פּערעלע שעלט אין קללהט: א מאן דאָס איז, א הארץ=געשפאן — אָבער ער איז דאָך פאָרט נישטאָ — בארואיקט זי זיך צוביסלעך און טראָגט אראָפּ אויף דער „וואָלאָוועקע“ אַליץ, וואָס ער האָט געלאָזן אין שטוב פון אויפגעגייטע זאכן; א פּאָר הויזן אויפ=שטעפּן אויף דער מאַשין, אויסלאַטן אַ בגד — קאָן די עלטסטע טאָכטער אויך, און זי טראָגט ווייטער די ברויטן אויף די שטיגן מיט טאָרבעס מיט קאַרטאָפלעס און מען עסט.

דער מורה הוראה אין הויז איז דעם עולם זייער ניחא, באזונדערס דער ווייב=טין, וואָס יאָגט זיך נאָך אַרויסצופּאקן די לאָקאַטאָרן מיט א שלעכטן שם פון הויז און אַריינקריגן אויף זייער אָרט אַנדערע, מער מיוחסדיקערע; אויך די שכ=נים גייט עס אין דעם אייגענעם, דער מורה=הוראה מאַכט באַלד א פּאַטשאָגנטעק: דאָס סקערניעוויצער מיידל, וואָס וווינט ביי דער קירזשנערין אלס סובלאָקאַטאָרקע, שאפט זיך א בחור, מיט וועמען זי גייט אוועק אויף יענער זייט; זי האלט אים אויס מיט הוצאות=הדרך,[12] און דאָס איז איר נדן, און דערפאר טאקע איז דער בחור מסכים, און שטעלט מיט איר א חופה פארן אוועקגיין.

אזוינע חתונות קומען איצט פאָר אין דער גאנצער שטאָט און נישט נאָר אין ווארשע אליין, פון האלב פּוילן ציט מען אויף יענער זייט. איבער ווארשע און אומעטום זענען דאָ מיידלעך מיט בחורים און טאטע=מאמע, וואָס זענען גליקלעך צו קאָנען ארויספטרן א טאָכטער פון שטוב און איר צודעקן דעם קאָפּ. אונדזער מורה=הוראה האָט דערפון פּרנסה נישט צו פארזינדיקן.

די יינגלעך פון דער וואָליגטקע גייען אריבער אויף יענער זייט און קומען צוריק פון דאָרטן אין עטלעכע וואָכן ארום, כדי צום צווייטן מאָל צוריקצוגיין שיין אלס געניטע, אלס פירער און כאפּן דערפון א גילדן.

בראָדסקים זון איז שוין צוריקגעקומען. ער זעט אויס שלעכט, אָבער ער וויל פאָרט אַ לואַדע טאָג ווידער צוריק; ער קען שוין אַלע וועגן, גיט עצות ווי ארומצוגיין צו פאָרן און נעמט זיך אונטער אַליין צוצושטעלן בשלום איבער דער גרענעץ. פון דעם מיליטער=שניידער האָט ער געבראַכט אַ גרוס, אָבער פּערעלע נעמט צו דעם גרוס און לאַכט: האַ, וואָס האָט זי געזאָגט, זי קען דען נישט איר פּאַרשוין, דעם קנאַקער? ער וועט זיין אָן איר, ער קאָן צומאָל אָן איר איין טאָג אויסקומען? ער האָט איר באַפוילן, מיקלאָמפּערשט, אַז אַליין קאָן ער דאָ האָבן אַרבעט יזון פאַרדינען, נאָר וואָס דען — קיין הויז פירן זעט ער נישט איין, אַז ער זאָל קאָנען... זאָל ער דאָס דערציילן דער באָבען, איר, פּערעלען, וועט ער דאָס נישט איינרעדן, זי וועט ער נישט אָפּנאַרן. זי ווייס, אַז ווען ער וועט נאָר איין מיטאָג נישט האָבן צו דער זעט, אַזוי ווי זי האָט ליב צו קאָכן, פולע טעפּ,

[12] רייזע=קאָסטן.



מעט ער זיך דאָרט נישט דערהאַלטן... נו, אָט הערט זי, ער וויל צוריקקימען; האָט זי דען נישט געטענהט מיט אים, אַז מ׳דאַרף דאָס לויפן אויף טייגט שאָק כפּרות, אַז דאָ קאָן מען ביי די קורטקעס און ביי די דייטשן בעסער לעבן, ווי דאָרטן?

אין דרויסן גייען די רעגנס אָן אויפהער; ס׳איז טריב און נעפּלדיק, און די גאַסן זענען פול מיט קויט און בלאָטע, אָבער די וועגעלעך הערן נישט אויף צו ציען צו דער גרענעץ; ס׳זענען דאָ הייזער, ווו ס׳שטייען שוין ליידיק דירות, אַנדערשוו קאָן מען דינגען אַ דירה און אַפילו מיט מעבל — בחצי חינם. אַ דירה, פאַר וועלכער מ׳האָט פאַר דער מלחמה גענומען ביז צוויי טויזנט גילדן אָפּטרעט=געלט, קריגט מען איצט פאַר דריי=פיר הונדערט גילדן. מ׳הערט שוין, אַז די גרענעץ איז כסדר פאַרמאַכט; די דייטשן לאָזן שוין נישט אַריבער, זיי ציען אָפּ די אָנגעטראָפענע וואָגלער, נעמען ביי זיי צו נישט נאָר ביז איין גראָשן, נאָר אויך די פּאַלטנס און די שטיוול און גיבן זיי צו אַלס צולאָג שווערע קלעפּ, הרגענען מכות=רצח און טרייבן צוריק.

דעם סחורה=עקספּעדיטאָרס זונדל, וואָס איז צוריקגעקומען פון ביאַליסטאָק, האָט שוין די ברילאַנטן, אין די פאַרנייטע, הוילע קנעפּ פון פּאַלטן, נישט צוריק=געבראַכט. די דייטשן האָבן דערקענט דעם פּאָרטל און ביי אים די קנעפּ אָפּגע=שניטן. ביים שכן, דעם פריזירער פון שכנותדיקן הויז, וואָס האָט געהאַט פאַר=זעצט אַ דימענט אונטער אַ פּלאָמבע פון אַ גאָלדענעם צאָן, האָט מען דעם צאָן אויסגעהאַקט, און ער איז צוריקגעקומען אַן אויסגעבלאַסטער, אַ חרובער, פול מיט קללות אויף די ליפּן פאַר די דייטשן. אָבער מע הערט פאָרט נישט אויף צו גיין אויף יענער זייט. די אויטאָבוסן קיין ביאַליסטאָק גייען שוין נישט, וואָס אַן אמת, אָבער מע דערשלאָגט זיך מיט צענדליקער וועגן.

ס׳וועטער ווערט אַלץ קעלטער; אויף „קיינעמס לאַנד“ זענען שוין פרעסט. פאַר לאָזן איבערנעכטיקן אין אַ סטאָדאָלע צי אין אַ קאַמער נעמען די פויערים פון אַרום דער גרענעץ פולע הויפנס געלט. פון דעם אַלעם ווייסט מען שוין דאָ, אָבער מע הערט נישט אויף צו גיין.

די ווירטין שטייט אין הויף און — רוימט שוין נישט, קערט נישט, רייניקט נישט — זי איז צוריק געוואָרן הויזווירטין... זי היט אָפּ יעדן אַדורכגייענדיקן לאָקאַטאָר און מאָנט דירה=געלט. אין אָנהייב מאַכט זי דאָס עפּעס אַזוי אומ=דרייסט, מיט אַ שמייכעלע, מיט שטילע רייד: נו, פּאַניע גרוימאַן, מ׳דאַרף דאָך צאָלן פאַר וואַסער, פאַר ארויספירן ס׳מיסט. דער ווירט איז דאָך אויך אַ מענטש, דאַרף דאָך אויך לעבן! ענטפערט מען איר אָפּ אויך אַזוי שטיל און לייטיש, איז זי צופרידן, באַנוגנט זיך מיט אַ צוזאָג, מיט אַ גוט וואָרט, און עס טוט איר מאָדנע הנאה; זי האָט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז ס׳וועט אַזוי גוט גיין. מיט צוויי חדשים צוריק וואָלט מען זי געווען פאַרשטיינען פאַר אַזאַ העזה.

צומאָרגנס איז זי שוין דרייסטער, די ווערטער פּלאָנטערן זיך שוין ביי איר נישט אַזוי אונטער דער צונג, זי רעדט שוין אַ ביסעלע העכער און וואָס אַ טאָג גייט עס בעסער. און אָט הערט מען זי שוין ווידער אין הויף זיך פֿאַרהערן מיט די „שקצים“; די ווייבער מיט פּיסקעס, וואָס לאָזן זיך נישט, זענען גרייט זיך מיט איר צו שלאָגן: ווי הייסט, דירה-געלט וועלן זיי איר צאָלן, איצט, אין דער מלחמה, דירה-געלט „ביים דייטש?“ אַזוי לאַנג קרענקט זי!

אָבער די ווירטין ווייסט אַלע פּראַוועס: ר'עט נישט צאָלן? וועט מען גיין אין „סאָנד“ אַריין, וועט עץ צאָלן ביים גרינעם טיש; עסן ווילט עץ, אַ ברויט קויפט עץ? מוז מען פֿאַרן דאַך איבערן קאָפּ אויך באַצאָלן; נישטאָ קיין דירה בחינם, נישט ביי מיר!

— קוקטס זי נאָר אָן, די שפלה, דאָס יוקס, — ענטפערט איר אָפּ די פּאַסערקע פֿון קעלער, — אַנדערש געפעלט איר דאָך נישט, צאָל איר געלט; ווייניק זיך אָנגעפּרעסן ביז איצט מיט אונדזער פּראַצע, קרענק על איך איר צאָלן!

— בחינם האָב יאַך איר געהיטן ס'הויז בעת דער באָמבאַרדירונג, געשטאַנען גאַנצע נעכט אין טויער, — זאָגט דער קצב. — דע, נגידותטע, אַ בראָך צו דיינע יאָר, דו מיינסט מע ווייסט נישט, מ'קען דיך נישט? מ'ווייס פֿון וואַנעט די האָסט ס'פֿאַרמעגן... „בענעזייערעס“... אַ געהרגעטע זאָלסטו ווערן... קלאַפּ דיר נישט אין דער מעכילע אַריין...

שוין איצט ווערט די ווירטין שטיל, לאָזט שטיין די פּאַסערקע מיטן קצב און גייט מיט גיכע טריט אַוועק אין שטוב אַריין.

פּערעלע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקל לעבן קאָרידאָר-פּענצטער און זיך באַלעקט פֿון גרויס נחת, הערנדיק די זלזולים, שרייט אַריין צו דער קירזשנערין: — זי האָבן געהערט איר בראָך? זאָל יאַך שוין אַזוי לעבן, ווי זיי האָבן דערלאַנגט — ס'איז מיר דערפֿון אַ שטיק האַרץ צוגעקומען; זי מיינט, אַז ס'עט איר אָפּגיין גלאַטיק, דעם טריפהנעם פּאָנץ, זי שרייט דאָך, אַז ז'עט גיין מיט מיר אין „סאָנד“ אַריין. נו. מעמיר טאַקע זען, צי ס'עט איר אַזוי גוט גיין, מעמיר זען.

דער מיליטער-שניידער איז צוריקגעקומען, האָט שוין אויסגעהיילט די אָפּגעפרוירענע הענט מיט די אָפּגעפרוירענע פֿיס און ער העלפֿט צו דעם ווייב זיך צו פֿאַרהערן מיט דער ווירטין: דעם הונדערטער, טענהט ער, האָט ער איר געגעבן גלאַט אַזוי, ס'האָט זיך איר נישט געלוינט איינצורייסן. אָבער באַצאָלן ס'גאַנצע דירה-געלט, וואָס ער איז שולדיק, ניין, דערפֿון מעג זי פֿאַרגעסן; ווען ס'עט זיין אויס מלחמה — עט מען זען.

דער זשעליכאָווער, וואָס האָט שוין ביים מיליטער-שניידער אויסגעהאָרכט אַלץ גענוי, קלאָר און באַריכות, ווי ס'איז אים דערגאַנגען אויף יענער זייט, לויפֿט אַרום אין הויף און לאָזט אָפּ יעדן שכן אַ סוד, אַז ווען ער, דער מיליטער-



שניידער, גנבעט זיך פֿון אים נישט אַוועק, נאָר זיי וואָלטן געווען אַריבער צוזאַמען אויף יענער זייט, וואָלט ער נישט געווען אַהיימגעקומען אין אַזאַ מצב, ער וואָלט אים שוין געווען געוויזן דעם ריכטיקן וועג; ער האָט דאָך אין ראָסיי אַ סך משפחה, מומעס, פֿעטערס און שוואָגערס, וואָס ס'גייט זיי אַלע גוט, האָבן אַ סך געלט און גוטע שטעלעס. אַזוי אָבער — וועט ער גיין אַליין. ער עט נאָך גיין, ער וואַרט בלויז אָפּ אויף אַ בריוול, וואָס אַ גוי זאָל אים אַ ליאַדע טאָג ברענגען פֿון יענער זייט, און מ'עט טאַקע זען, ווער ס'איז מער קנאַקער; ער האָט נישט ליב צו רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין. אָבער מ'עט שוין זען!...

און מ'האָט טאַקע געזען, ס'הייסט נישט אַזוי געזען, ווי געהערט, אַז דער זשעליכאָווער האָט פֿון די דריי ניי-מאַשינען פֿאַרקויפֿט צוויי און די דריטע האָט ער שפּילערהייט איבערגעפֿירט אויף אַ וועגעלע קיין זשעליכאָוו — און ואיננו,[13] אויס זשעליכאָווער.

— ווו איז דער זשעליכאָווער, דער זשעליכאָווער ווו איז? — פֿרעגט איין שכן ביים אַנדערן. — ער איז טאַקע אַריבער אויף יענער זייט? — אָבער אין אַ וואָך-צוויי אַרום קומט ער צוריק און מע ווערט געוויר, אַז די מאַשין האָבן די דייטשן ביי אים צוגענומען אויפֿן וועג; ער גייט שוין נישט אין שווערן ווינטער-מאַנטל מיטן בראַנקאָווע קעלנערל, נאָר טראָגט אַ גומענעם זומער-מאַנטל; אויך די באַקן האָט ער פֿאַרלוירן אויפֿן וועג. ער זאָגט, אַז ער איז צוריקגעקומען קיין וואַרשע האַנדלען און ער פֿאָרט באַלד ווידער צוריק; ער האַלט טאַקע וואָרט — ער פֿאָרט איינמאָל און קומט צוריק און פֿאָרט אַ צווייט מאָל, ביז ער פֿאַרקויפֿט מיט מזל די דירה דעם קלעזמער, וואָס שפּילט שוין ווידער אויף פּוילישע חתונות, ווי פֿאַר דער מלחמה. און — אַ סוף. איצט פֿאָרט שוין דער זשעליכאָווער אַוועק פֿון וואַרשע און באַזעצט זיך ווידער אין זיין זשעליכאָוו מיטן ווייב מיט די קינדער און אַ כּפּרה אַלע וואַרשעווער גליקן פֿאַר איין זשעליכאָווער קנאָבל-באָרשט מיט קאַרטאָפֿל!...

פּערעלע האַלט אָפּן די טיר פֿון איר נייער צורעכטגעמאַכטער, אויפֿגעפֿרישטער און העל-אויסגעמאָלטער דירה מיט רויטע געפֿאַרבטע און פּראָטערירטע פּאָדלאָגעס. זי שטייט מיט די הענט אויף די באָקעס און באַטראַכט יעדן אָנקומענדיקן שכן צי שכנה מיט איר שווער געמיט:

— וואָס זאָגט עץ נישט צו דעם געמיינעם שטיק, צו דער ווירטין; זי האָט דאָך אונדז איינגעקלאָגט אין „סאָנד“ אַריין, אַ בראָך צו אירע יאָרן, צען מאָל האָט זי איינגעקלאָגט. נו, מ'עט טאַקע זען צי מ'עט וואַרפֿן, אַז וואַרפֿן זאָל זי הייזער-הויך! פּאָטער איבער דער וועלט!...

[13] ער איז נישטאָ.

אויך די קירזשנערין שטייט אין דער אָפֿענער טיר; איר רויטער קאָפּ האָ־ אין שוין ווידער פֿיין פֿאַרקעמט, זי טראָגט אַ גאָלף פֿון „באַרדאָ“־קאָליר, וואָס מאַכט איר טאַליע נאָך שלאַנקער, אַט ווי זי וואָלט זיך ווידער געקליבן צו גיין טירגען אין „שטערן“, וואָרעם איר מאַן האָט שוין אַוועקגעוואָרפֿן די מלחמה־פּרנסות, זיי גייען שוין נישט קיין אָטוואָצק ברענגען מילך, זי שטייט שוין נישט אין דער ריי נאָך שאָקאָלאַד מיט צוקערלעך און האַנדלט שוין אויך נישט מיט קיין דייטשישע בלעטער — ער גייט שוין פּוטערנע קעלנערלעך, און דער שכן, דער בייטל־מאַכער, מאַכט נישט קיין בייטלען, נאָר לעבט פֿון פֿאַרקויפֿן דעם קירזשנערס קעלנערלעך אויף דער „וואָלוווקע“.

די קירזשנערין, וואָס איז אויך איינע פֿון די צען, וואָס דאַרף גיין אין „סאָנ־ אַ יין, טײַטשט אויס פֿערעלעס גערעכטע טענה:

— מ׳עט נישט צאָלן קיין דירה־געלט אין דער מלחמה. אַזאַ „האַנדלונג“ אי ן נישט „געזעצלעך“. אַנטשולדיקט, שכן, אויב זי וויל האָבן באַצאָלט פֿאַרן ווי ־ טער אין פֿאַר די צוויי זעראָס — זאָל זי וועלן, און אָפּטרעט־געלט פֿאַר דער מלחמה האָט זי געמעגט נעמען? אַרויסרייסן ביים אַרבעטאָרער דעם ביסן פֿון מ ל? מ׳עט נישט צאָלן; אַלע צוזאַמען — וועלן מיר זיך נישט לאָזן — אין איי־ נ קייט ליגט די מאַכט!...

פּלוצלינג קומט צוגיין חוהטשע די שוסטערין פֿון גאַס און זי ברענגט די ב שורה: אַ „פּאַרוווקע“.



# מגילת־„פּאַרוווקע“

לאַנגע וואָכן נאָך דעם, ווי די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, זענען נאָך אויף די גאַסן געלעגן די נעפֿגרטע פֿערד, די נישט אויפֿגעריסענע באָמבעס, די אויף גיך געמאַכטע באַריקאַדן, די שוט־גרובנס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויפֿגעריסענע שטיקער פֿונעם לייב פֿון דער ערד; דער כּוח־רעה פֿון צעשטערונג האָט זיך אַלץ נאָך געטראָגן אין דער לופֿט. מענטשן האָבן מער נישט געקאָנט אַריין אין פֿריערדיקן, פֿון דורות איינגעשטעלטן סדר־לעבן. אַלץ איז ווי מיט שנייד־מעסערס איבערגעהאַקערט געוואָרן, און געהערשט האָט דער הפקר.

ווער האָט דאָ געטראַכט וועגן אָנשטענדיקייט, דרך־ארץ, זיטן, מנהגים? מענטשן זענען צוריקגעגאַנגען צום אור־פּרימיטיוון מצב פֿון די אבות־אבותינו מיט טויזנטער יאָרן צוריק. זיי האָבן פֿאַרלוירן די צווימען, פֿאַרלוירן די בושה.

פֿון די גאַסן האָט זיך געטראָגן אַ מוראדיק געשטאַנק: פֿיל גאַסן פֿון צפֿון־טייל שטאָט, וואָס זענען געדיכט געווען באַוווינט פֿון יידישער אָרעמקייט, ווי די סטאַווקע, ניזקע, לובעצקע א. אַ., זענען געווען אַזוי חרוב ומוחרב, אַז צו דרייַ־פֿיר גרויסע הייזער־בלאָקן נאָכאַנאַנד זענען געשטאַנען מיט אָפּגעריסענע טרעפּ און פֿאַרברענטע אינגעווייידן. דאָס איינציקע איבערבלייבעניש פֿון די דאָזיקע הייזער איז באַשטאַנען פֿון די הוילע סקעלעטן, וואָס האָבן געהאַט דעם אָנבליק פֿון ריזיקע סטראַשידלעס; האָט דער עולם פֿון אַרום געמאַכט פֿון זיי אָפּטריטן און די פּלעצער אַרום פֿאַר מיסטקאַסטנס, וווּ מע האָט אָנגעוואָרפֿן דעם גאַנצן ברוד און אָפּפֿאַל פֿון די שמוציקע, אָפּגעלאָזענע שטובן.

נישט בלויז מאַנצלייט, נאָר אַפֿילו ווייבער האָבן זיך אַוועקגעזעצט פּראַנק און פֿריי מיט די הוילע „וויהייסטמענעסן“ — און עפּנטלעך... ווער בושה, וואָס בושה — אַז אַלץ איז געווען איבערגעקערט און פֿאַרדרייט...

די נאָכווייענישן פֿון די דאָזיקע „עפֿנטלעכע אָפּטריטן“, פֿון די נעפֿגרטע פֿערד אין די גאַסן, פֿונעם חזירישן לעבן אין די שוץ־באַהעלטענישן, וואָס זענען באַשטאַנען פֿון פֿייכטע, טונקעלע קעלערס — האָבן זיך אויך געלאָזט פֿילן: איבער דער שטאָט האָט גענומען שפּרייזן מיט אומהערבאַרע, פֿורכטיקע טריט דער מלאך־המות — טיפֿוס: בויך־טיפֿוס, קאָפּ־טיפֿוס און — דער ערגסטער שונא — פֿלעק־טיפֿוס.

דער דײַטש האָט זיך דערצו געהאַט זײַנע אָנגענומענע און אויסגעפּרוּווטע מיטלען נאָך פון דער ערשטער וועלט=מלחמה. פיל באַאַמטע פון דער אָקופּאַציע=מאַכט האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין וואַרשע נאָך בעת דער אָקופּאַציע פון 1915. זיי האָבן נאָך געדענקט דעם „נוסח“ און עס האָט זיך אָנגעהויבן די „רייניקונג“, ברוטאַל, אַכזריותדיק, ווילד, וואָס האָט געדאַרפט דערפירן צום פולשטענדיקן אָפּרייניקן און אָפּרידלען דאָס אָרט פון אַ מענטשלעכן פוס...

אי דער ציל איז געווען אַ נישט אויפריכטיקער, אי די מיטלען זענען געווען פאַלשע, גיכער פּאָליטישע, ווי סאַניטאַרע, אָבער ממזריש פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט, מיט אַ סך דעמאַגאָגישער, פּאָמפּעזער פּיסק=מלאכה, ווי די היטלעריסטן האָבן דאָס ליב, און מיט אַ סך ביליק פייערווערק פון יידן=העצע.

אויף די גרענעץ=פּונקטן פון אַרײַנפאָר פון די קריסטלעכע אין די יידישע גאַסן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן ריזיקע פּלאַקאַטן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס מיט דער אויפשריפט: „היט זיך, דאָ איז דער קוואַרטאַל פון טי=פוס“!

די דאָזיקע וואָרענונגס=פּלאַקאַטן און „וועג=ווייזער“ האָבן געהאַט אַ טאָפּלטן מיין: אי טיפער צו מאַכן דעם ריס צווישן יידן און פּאָליאַקן, אי צו פאַרהיטן, אַז קיין פוס פון אַ דייטשישן זעלנער זאָל נישט איבערטרעטן דעם יידישן תחום. דער לעצטער מאָמענט איז פאַר דער אַרמיי=אָנפירונג געווען באַזונדערס וויכטיק, מחמת דאָס געניטע אויג פון דעם היטלעריסטישן שפּיאָן האָט נישט געקאָנט נישט זען, אַז דער דייטשישער זעלנער גייט גערן אין די יידישע גאַסן. אַ סך זענען געגאַנגען מיט דער געמיינער אויסרעכענונג צו רויבן און די גערויבטע סחורות — אָנטועכץ און חפצים — אַהיימצושיקן צו די פאַמיליעס קיין דייטשלאַנד, אַנדערע זענען אָבער געגאַנגען צוליב אַ גאַנץ פּשוטן טעם: דאָס זענען על=פּי=רוב געווען ערלעכע פאָלקס=מענטשן, זין פון פּויערים און אַרבעטער, וואָס האָבן פון דער היטלעריסטישער תורה קיין שום השגה נישט געהאַט און ס'האָט זיך צו זיי גאָרנישט צוגעקלעפּט פון דער „אויפקלערונג“.

זיי פלעגן קומען צווישן די יידישע הענדלער אויף די האַנדלס=פּלעצער און באַזאַרן, זיך דורכגעשמועסט מיט די יידן אויף „יידיש=דייטש“ און, ווי ס'איז די טבע פון פאָלקס=מענטש, זיך גיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער פרעמדער מאַסן=ראַס, אַזוי ווייט, אַז טייל האָבן זיך אַפילו צערעדט וועגן פּאָליטיק און זיך נישט גע=פוילט אויסצורעדן אויף די היטלעריסטן און זייערע יוצר=משרתים וואָס אין דער קאָרט — און אָט די געפאַר האָט גיך דערשמעקט דער שפּיאָן...

בנוגע די ערשטע האָט מען אין תחילת געלאָזט באַקומען דעם יידן=רויב: מע האָט דעם זעלנער געוואָלט מיט עפּעס באַצאָלן פאַרן דערגרייכטן נצחון. שפּעטער אָבער האָט זיך די אַרמיי=פירונג מיישב געווען. דער יידן=רויב קאָן בע=סער געמאַכט ווערן אין מלוכהשן מאַסשטאַב, ווערן „פאַרשטאַטליכט“...



בנוגע די לעצטע — איז קיין צייט נישט געווען צו פאַרלירן, מ'האָט פאַר זיי דעם וועג געמוזט אָפּשניידן שאַרף און ראַדיקאַל, און דערצו האָט געטויגט די מגפה... — דער וואָרענונגס=פּלאַקאַט איז בלויז געווען מליצה. מע האָט ערשט די מגפה=געפאַר געמוזט פאַרבילדלעכן, בולט אילוסטרירן, און מע האָט זיך געוואָרפן צו דער „רייניקונג“ אין אַלע אירע עטאַפּן, וואָס זענען נישט מער געווען ווי איין גרויסע דעמאָנסטראַציע פון העצע, רשעות, ברוטאַלקייט און דער צונויפגעשפּילטער אָרקעסטער פאַר אַלע באַהאַלטענע צילן אינאיינעם.

די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין סאַניטאַרע רעווירן אונטער דער אויפזיכט פון „געניטע“ דאָקטוירים, מיט אַ דייטשישן הויפּט=דאָקטאָר אַלס גע=זונטהייטס=שעף בראש. און אין איינעם שיינעם העלן פרימאָרגן האָבן די רעוויר=דאָקטוירים גענומען גיין אין די הייזער צו קאָנטראָלירן די ריינקייט.

די ידיעה וועגן די דאָקטוירים=קאָנטראָלעס, סאַניטאַרע קאָמיסיעס און ריי=ניקונגען האָט זיך בליץ=שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. צי דערפאַר, וואָס די סאַניטאַר=קאָנטראָלעס זענען לכתחילה צום ערשטן אַרויספאָר דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרנעם אָנצוואַרפן אַן אימה, צי ווייל יידן האָבן אינסטינקטיוו דערשפירט די געפאַר — גענוג, אַז עס איז אין די הייזער אַנטשטאַנען אַ בהלה.

די דאָקטוירים זענען אין דער מלחמה נישט געווען געקנאָטן פון קיין אַנדער טייג ווי יעדער אַנדערער חי=וקים, וואָס ווייסט, אַז ער האָט אַ קישקע און מוז זי אָנשטאָפּן... זיי האָבן טאַקע באַלד נאָכן איבערנעמען זייערע אַמטן, אָן פיל נאָכ=טראַכטעניש, זיך אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון זייער „טועכץ“.

קודם=כל האָבן זיי צו וויסן געטאָן די הויז=קאָמיטעטן, אַז זיי קומען אויף אַ סאַניטאַר=קאָנטראָל... יידן דאַרף מען קיין פינגער אין מויל אַרײַן נישט לייגן: אַז דער דאָקטאָר איז קיין חזיר נישט און טוט צו ווייסן — ער קומט, טאָר מען אויך קיין חזירים נישט זיין, און מע מוז ווייסן אים שיין אָפּצודאַנקען... איז מען צו אים אַוועק אין אַ דעלעגאַציע זיך דערוויסן „מה=יקר“. דערנאָך האָט מען גע=נומען קלייבן געלט ביי די לאָקאַטאָרן און ערשט גאָר צום סוף האָט מען געפאָ=דערט פון יעדן צו רייניקן די שטובן, שייערן די הויז=טרעפּן (דער פּוילישער סטרוזש האָט עס נישט געוואָלט טאָן, און יידן האָבן צו אים קיין עצה נישט גע=האַט), לופטערן און רוימען, מיט איין וואָרט — מאַכן אין אַ מיטן מיטוואָך ערב פּסח. און דאָ האָבן די באַלעבאָסטעס פון די שטובן זיך איבערצייגט, וואָס פאַר אַ שווערע גזירה די סאַניטאַרע קאָנטראָלעס זענען, ווי זיי זענען עלול צום איבעריקן אַראָפּרייסן זייער געזונט, אויסצומאָרדן די שטוב=מענטשן, אויסצו=פּאָמפּען די לעצטע פאַר גילדן פון טאַש און ערשט נאָך אַלעמען ערגסט צו באַ=דראָען זייער הויז, נישט נאָר מיט צרות=צרורות, פּיין און מאַטערניש, נאָר אַפילו מיט טויט.

דער דייטש האָט זיך דערצו געהאַט זיינע אָנגענומענע און אויסגעפּרוּווטע מיטלען נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פיל באַאַמטע פון דער אָקופּאַציע־מאַכט האָבן געבאַלעבאַטעוועט אין וואַרשע נאָך בעת דער אָקופּאַציע פון 1915. זיי האָבן נאָך געדענקט דעם „נוסח“ און עס האָט זיך אָנגעהויבן די „רייניקונג“, ברוטאַל, אַכזריותדיק, ווילד, וואָס האָט געדאַרפט דערפירן צום פולשטענדיקן אָפּרייניקן און אָפּרידלען דאָס אָרט פון אַ מענטשלעכן פוס...

אי דער ציל איז געווען אַ נישט אויפריכטיקער, אי די מיטלען זענען געווען פאַלשע, גיכער פּאָליטישע, ווי סאַניטאַרע, אָבער ממזריש פאַרשטעלט, פאַרמאַסקירט, מיט אַ סך דעמאַגאָגישער, פּאָמפּעזער פּיסק־מלאכה, ווי די היטלעריסטן האָבן דאָס ליב, און מיט אַ סך ביליק פייערווערק פון יידן־העצע.

אויף די גרענעץ־פּונקטן פון אַריינפאָר פון די קריסטלעכע אין די יידישע גאַסן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן ריזיקע פּלאַקאַטן איבער דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס מיט דער אויפשריפט: „היט זיך, דאָ איז דער קוואַרטאַל פון טיפוס“!

די דאָזיקע וואָרענונגס־פּלאַקאַטן און „וועג־ווייזער“ האָבן געהאַט אַ טאָפּלטן מיין: אי טיפער צו מאַכן דעם ריס צווישן יידן און פּאָליאַקן, אי צו פאַרהיטן, אַז קיין פוס פון אַ דייטשישן זעלנער זאָל נישט איבערטרעטן דעם יידישן תחום. דער לעצטער מאָמענט איז פאַר דער אַרמיי־אָנפירונג געווען באַזונדערס וויכטיק, מחמת דאָס געניטע אויג פון דעם היטלעריסטישן שפּיאָן האָט נישט געקאָנט נישט זען, אַז דער דייטשישער זעלנער גייט גערן אין די יידישע גאַסן. אַ סך זענען געגאַנגען מיט דער געמיינער אויסרעכענונג צו רויבן און די גערויבטע סחורות — אָנטועכץ און חפצים — אַהיימצושיקן צו די פאַמיליעס קיין דייטשלאַנד, אַנדערע זענען אָבער געגאַנגען צוליב אַ גאַנץ פּשוטן טעם: דאָס זענען על־פּי־רוב געווען ערלעכע פאָלקס־מענטשן, זין פון פּויערים און אַרבעטער, וואָס האָבן פון דער היטלעריסטישער תורה קיין שום השגה נישט געהאַט און ס׳האָט זיך צו זיי גאָרנישט צוגעקלעפּט פון דער „אויפקלערונג“.

זיי פלעגן קומען צווישן די יידישע הענדלער אויף די האַנדלס־פּלעצער און באַזאַרן, זיך דורכגעשמועסט מיט די יידן אויף „יידיש־דייטש“ און, ווי ס׳איז די טבע פון פאָלקס־מענטש, זיך גיך אַריינגעפּאַסט אין דער פרעמדער מאַסן־ראַס, אַזוי ווייט, אַז טייל האָבן זיך אַפילו צערעדט וועגן פּאָליטיק און זיך נישט געפוילט אויסצורעדן אויף די היטלעריסטן און זייערע יוצר־משרתים וואָס אין דער קאָרט — און אָט די געפאַר האָט גיך דערשמעקט דער שפּיאָן...

בנוגע די ערשטע האָט מען אין תחילת געלאָזט באַקומען דעם יידן־רויב: מע האָט דעם זעלנער געוואָלט מיט עפּעס באַצאָלן פאַרן דערגרייכטן נצחון. שפּעטער אָבער האָט זיך די אַרמיי־פירונג מיישב געווען. דער יידן־רויב קאָן בעסער געמאַכט ווערן אין מלוכהשן מאַסשטאַב, ווערן „פאַרשטאַטליכט“...



בנוגע די לעצטע — איז קיין צייט נישט געווען צו פאַרלירן, מ׳האָט פאַר זיי דעם וועג געמוזט אָפּשניידן שאַרף און ראַדיקאַל, און דערצו האָט געטויגט די מגפה... — דער וואָרענונגס־פּלאַקאַט איז בלויז געווען מליצה. מע האָט ערשט די מגפה־געפאַר געמוזט פאַרבילדלעכן, בולט אילוסטרירן, און מע האָט זיך געוואָרפן צו דער „רייניקונג“ אין אַלע אירע עטאַפּן, וואָס זענען נישט מער געווען ווי איין גרויסע דעמאָנסטראַציע פון העצע, רשעות, ברוטאַלקייט און דער צונויפגעשפּילטער אָרקעסטער פאַר אַלע באַהאַלטענע צילן איניינעם.

די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין סאַניטאַרע רעווירן אונטער דער אויפזיכט פון „געניטע“ דאָקטוירים, מיט אַ דייטשישן הויפּט־דאָקטאָר אַלס געזונטהייטס־שעף בראש. און אין איין שיינעם העלן פרימאָרגן האָבן די רעוויר־דאָקטוירים גענומען גיין אין די הייזער צו קאָנטראָלירן די ריינקייט.

די ידיעה וועגן די דאָקטוירים־קאָנטראָלעס, סאַניטאַרע קאָמיסיעס און רייניקונגען האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט. צי דערפאַר, וואָס די סאַניטאַר־קאָנטראָלעס זענען לכתחילה צום ערשטן אַרויספאָר דורכגעפירט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרנעם אָנצוואַרפן אַן אימה, צי ווייל יידן האָבן אינסטינקטיוו דערשפּירט די געפאַר — גענוג, אַז עס איז אין די הייזער אַנטשטאַנען אַ בהלה.

די דאָקטוירים זענען אין דער מלחמה נישט געווען געקנאָטן פון קיין אַנדער טייג ווי יעדער אַנדערער חי־וקים, וואָס ווייסט, אַז ער האָט אַ קישקע און מוז זי אָנשטאָפּן... זיי האָבן טאַקע באַלד נאָכן איבערנעמען זייערע אַמטן, אָן פיל נאָכטראַכטעניש, זיך אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון זייער „טועכץ“.

קודם־כל האָבן זיי צוווייסן געטאָן די הויז־קאָמיטעטן, אַז זיי קומען אויף אַ סאַניטאַר־קאָנטראָל... יידן דאַרף מען קיין פינגער אין מויל אַריין נישט לייגן: אַז דער דאָקטאָר איז קיין חזיר נישט און טוט צו וויסן — ער קומט, טאָר מען אויך קיין חזירים נישט זיין, און מע מוז וויסן אים שיין אָפּצודאַנקען... איז מען צו אים אַוועק אין אַ דעלעגאַציע זיך דערוויסן „מה־יקר“. דערנאָך האָט מען גענומען קלייבן געלט ביי די לאָקאַטאָרן און ערשט גאָר צום סוף האָט מען געפאָדערט פון יעדן צו רייניקן די שטובן, שייערן די הויז־טרעפּן (דער פּוילישער סטרוזש האָט עס נישט געוואָלט טאָן, און יידן האָבן צו אים קיין עצה נישט געהאַט), לופטערן און רוימען, מיט איין וואָרט — מאַכן אין אַ מיטן מיטוואָך ערב פּסח. און דאָ האָבן די באַלעבאָסטעס פון די שטובן זיך איבערצייגט, וואָס פאַר אַ שווערע גזירה די סאַניטאַרע קאָנטראָלעס זענען, ווי זיי זענען עלול צום איבעריקן אַראָפּרייסן זייער געזונט, אויסצומאָרדן די שטוב־מענטשן, אויסצופּאָמפּען די לעצטע פּאָר גילדן פון טאַש און ערשט נאָך אַלעמען ערגסט צו באַדראָען זייער הויז, נישט נאָר מיט צרות־צרורות, פּיין און מאַטערניש, נאָר אַפילו מיט טויט.

אין אָוונט, ערבֿ דער סאַניטאַר־קאָנטראָל, פֿלעגן מיטגלידער פֿונעם הויז־קאָמיטעט גיין פֿון שכן צו שכן און אַליין קאָנטראָלירן די ריינקייט, נאָכדעם געבן די געהעריקע אָנווייזונגען וויאַזוי ריין צו מאַכן און וואָס ריין צו מאַכן און צום סוף געזאָגט, אַז דער דאָקטאָר האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיין שטרענג, אומרחמנותדיק און מ'זאָל זיך נישט פֿאַרלאָזן אויף נסים.

בלילה ההוא נדדה שנת ה... — [1]

נאָכן באַזוך פֿון הויז־קאָמיטעט האָט די באַלעבאָסטע פֿון שטוב שוין פֿון קיין שלאָף נישט געוווּסט — זי האָט תּיכּף פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צום גרינטלעכן רוימען. זענען געווען מיידלעך אין שטוב, האָט מען זיי אַלע איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, זענען זיי נישט געווען — האָט די באַלעבאָסטע אַליין געמוזט מבֿער זיין די שמוציקע וועש — און שמוציקע וועש איז אין דער מלחמה געווען אין יעדער שטוב בשפע, וואָרעם זייף האָט געקאָסט טייער. דאָס שטיקל „באָנע־זייף“, וואָס מע האָט געגעבן איינמאָל אין דריי חדשים, האָט נישט געקלעקט פֿון דאַנען ביז אַהין. איז עס געלונגען, האָט מען תּיכּף איינגעווייקט אַ באַליע וועש, מיט דער אויסרעכענונג ביז צו דער סאַניטאַר־קאָנטראָל זי פֿאַרטיק צו מאַכן. איז עס נישט געלונגען — האָט מען די שמוציקע וועש פֿאַר יעדן פּרייז געמוזט ערגעץ באַהאַלטן אָדער אַוועקטראָגן צו אַ קרובֿ אין אַן אַנדער הויז, אָפּטמאָל אַפֿילו אין אַן אַנדער גאַס. און אויב דער שלימזל האָט געוואָלט, איז אויף צומאָרגנס דאָרט אומגעריכט אויך געווען אַ „פּאַרוווקע“, און די וועש איז פֿון דאָרט מגולגל געוואָרן אין דעזינפֿעקציע־אויוון, פֿון וואַנען זי איז זעלטן צוריקגעקומען צום אייגנטימער אין פֿולן סכום...

נאָכדעם האָט מען געמוזט אָפּציִען דאָס בעטגעוואַנט און איבערציִען פֿריש איבערציִיג, לופֿטערן די מלבושים, אָפּקערן דעם שטויב פֿון די ווענט, פֿון די שענק, פּוצן די שויבן, שייערן די פּאָדלאָגעס, און אויב עס איז נאָך געבליבן צייט — זיך אַליין וואַשן און איבערטאָן, און דער סאַמע עיקר: וואַשן און צוואָגן די האָר פֿון קאָפּ...

דער מענטש איז אַ ראַפֿינירטע חיה. ער טוט ווי זיין שכן מיט אויסרעכענונג, מיט שׂכל, אויפֿן פֿילבאַרסטן אָרט. פֿאַר דער פֿרוי מיינט דאָס — די האָר פֿון קאָפּ... וואָס פֿאַר אַ קאַפּיטל ליידן עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די פֿרויען־האָר אין מגילת־פּאַרוווקע, וועלן מיר זען שפּעטער.

צומאָרגנס אין דער פֿרי איז דער עולם אויפֿגעשטאַנען פֿאַרטאָגס: ווייבער האָבן זיך געהיטן איינע פֿאַר דער אַנדערער, זיך געקליגלט איבערצושטייגן די שכנטעס אין הלכות־ריינקייט. אומלויפֿערקעס, מאַטלערינס האָבן געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו גיין באָרגן אַ טעפּל אָדער אַ באַרשט און אין איינוועגס כאַפּן אַ קוק

[1] „און אין יענער נאַכט האָט (דער קעניג) נישט געקענט איינשלאָפֿן“ — פֿון „מגילת אסתּר“.



ביי יענער, ביי דער שכנטע, ווי זי האָט עס געמאַכט, צי איז טאַקע ביי איר ריינער, צי ניין. און וויאַזוי קאָן ביי פֿערעלען זיין ריינער, ווען אירע טעכטער, די כּלה־מוידן, האָבן פֿולע קעפּ מיט ניס... האָסטו געזען!

ווער שמועסט נאָך, ווען זי, די אַרומלויפֿערקע, די רכילותניצע, האָט געהאַט דעם גילדן אין טאַש צו קאָנען אויפֿטאָן מיט אים, וואָס מע דאַרף און ווי מע דאַרף, איז דאָך צו איר באמת קיין גלייכן נישט געווען. דערמלט איז זי אונטערגעקומען דער שכנטע מיט דער אָרעמער טאַש, כאָטש מיט אַ ריינער שטוב, און איר מיט צוקער־זיסע ריידעלעך אַריינגעוואָרפֿן, אַזוי, מיר נישט, דיר נישט:

— זי הערן, חוהטשע, מע זאָגט, אַז מע דאַרף נאָך האָבן מזל, מ'ברויך גאָרנישט צו זיין אַזאַ רעגטלעך מענטש, דער עיקר, אַז מע טרעפֿט אָן אויפֿן ריכטיקן דאָקטאָר מיטן ריכטיקן פֿעלדשער...

חוהטשע האָט פֿאַרשטאַנען דאָס שטעכעלירעכץ, דעם באַהאַלטענעם מיין פֿון די זיסע ריידעלעך, און זי האָט שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: יוטקעלע, די שפֿלה, מיינט, אַז אַלע האַנדלען מיט מלבושים אַרויספֿאַרקויפֿטע פֿון די שטובן אויף ברויט, אַלע האָבן פֿולע טאַשן. אָבער נישקשה, מ'ווייסט נאָך נישט וועמען דאָס אָנשיקעניש קאָן טרעפֿן, מ'אָמיר אַ גרויסן גאָט...

אַלע ווייל פֿאַלט זיך אויף אַן אַנדערע טיר פֿון אַ שכן, און עמעץ לויפֿט אַרויס אַ קוק געבן, צי זיי גייען שוין, צי זיי קומען.

— דער דאָקטאָר איז שוין דאָ? — שרייט אַראָפּ אַ יידענע פֿון פֿינפֿטן שטאָק.

— ניין, נאָך נישט, ענטפֿערט מען פֿון אַ שטאָק נידעריקער, אָבער ער איז שוין אין שכנותדיקן הויז, נומער 29.

די ידיעה פֿאַרשפּרייט זיך גיך פֿון שטאָק צו שטאָק: „דער דאָקטאָר גייט שוין, ער איז שוין אין צווייטן הויז“.

דער סטרוזש דרייט זיך אויפֿן הויף מיט אַ בעזעם אין האַנט, אָבער ער קערט נישט, ער מאַכט זיך בלויז קערן. ער דאַרף גאָרנישט, ס'זאָל זיין ריין. אין דער מלחמה האָט ער נישט מורא פֿאַרן הויז־ווירט, ער קערט נישט און וואַשט נישט די הויז־טרעפּן. פֿאַרן ריינעקן דעם אָפּטריט הייסט ער זיך באַזונדער באַצאָלן און אַ פּאַרוווקע איז אים זייער צום האַרצן... ער גייט אַרום מיט פֿינקלדיקע אויגן און פֿון אונטער זיינע לאַנגע וואָנצעס גליטשט זיך אַראָפּ, ווי אַ שלענגעלע, אַ פֿאַרבאָרגענע שמייכל...

— ער גייט, ער גייט! — טראָגט זיך אַ געמורמל אין הויז. באַלד זעט מען אַ רירעוודיק יידל אין אַ ווייסן פֿאַרטעך אַריינגיין אין ערשטן אַריינגאַנג פֿון דער רעכטער אָפֿיצינע. אים באַגלייט דער „קאָמענדאַנט“ פֿון לופֿט־שוץ, דער ראש פֿון הויז־קאָמיטעט און נאָך אַ צוויי־דריי מאַכערס.

די שפּאַנונג אין די שטובן וואַקסט, מע וואַרט מיט אומגערולד אויפֿן באַזוך.

אין צווישן הייבן זיך אָן דערטראָגן נישט קיין גוטע בשורות: ביי דעם שוסטער פון נומער 51 האָט ער געזאָגט, אַז דאָס בעטגעוואַנט איז פּאַראַליזט; ביים שטעפּער האָט ער אַפילו בודק געווען די אונטערוועש אויפן לייב... ביים טריקאָטאַזשניק איז די פּאָדלאָגע געווען שמוציק.

פון מינוט צו מינוט מערן זיך די בשורות: זעכצן שטובן זענען שוין פאַרצייכנט, זיי מוזן ווערן געפּאַרעוועט, פינף און צוואַנציק שטובן — פופציק שטובן. די באַלעבאָסטעס, וואָס דער דאָקטאָר איז נאָך ביי זיי אין שטוב נישט געווען, טרייסלען זיך אין פיבער: אָט, אָט קומט ער אַריין, און — זאָל ער אויך ביי זיי נישט געפינען די שטוב גענוג ריין? נאָך דעם שייערן, רוימען, וואַשן און פוצן נאָכן פאַרנוצן די גאַנצע זייף, וואָס מע האָט געהאַט אין שטוב, נאָכן איבערציען דאָס בעסטע, ריינסטע און ווייס-בלאַנקענדסטע איבערציג? אויב אַזוי, איז מען דאָך פאַרלוירן, ווי וועט מען דאָס אויסהאַלטן?

נאָר אָט איז ער שוין דאָ דער דאָקטאָר. ער הייבט אויף די קאָלדרע פון בעט, באַטאַפּט די דעקן, די קישנס, קוקט, שמעקט, זוכט — ער האָט געפונען: די ליילעכער זענען שמוציק, די פענצטער-ראַמען פאַרשטויבט, די וועש ליגט צעוואָרפן אין דער שאַנק, אַן אומאָרדענונג — שרייט ער.

דער פעלדשער, דער סאַניטאַר [פאַרשרייבן] דעם מאַן, זיי פאַרשרייבן אין אַ פּאַפּיר, פאַרצייכענען. אויך די באַלעבאָסטע פאַרשטייט, ווי זי האָט אָפּגעשניטן, און זי רעדט שוין גאָרנישט. די אומגעדולדיקייט אין הויז וואַקסט כסדר. נאָך אַ שעה, נאָך אַ האַלבע שעה און שוין ווייסט מען דעם גזר-דין:

## אַ פּאַ—רוו—קע!

דאָס הויז קאָכט, דער ראש פון הויז-קאָמיטעט לויפט איבערן הויף און שרייט, געוואַלדעוועט: ער האָט געוואָרנט, ער האָט זיך געבעטן, מע זאָל ריין מאַכן, אָבער מ׳האָט זיך געוואָלט פאַרלאָזן אויף ניסים. איצט האָט מען...

דער סטרוזש גייט איבערן הויף מיט גיכע טריט: אַזוי רירעוודיק, ווי ער איז איצט, געדענקט אים שוין קיינער נישט זינט פון פאַר דער מלחמה, ער איילט זיך: איצט איז זיין צייט...

דורכן טויער הייבן אָן די שכנים גיין מיט פעקלעך אונטערן אָרעם. מע טראָגט אַוועק סחורות, גוטע מלבושים; דער, וואָס וואַגט אַרויסצוטראָגן אַ גרעסער פּעקל, ווער שמועסט אַ פּאַק בעטגעוואַנט, פאַרגעסט נישט פריער אַריינצוגיין צום סטרוזש און אים גוט משלם זיין אין יד אַריין... אַנדערע פאַרלאָזן זיך, אַז עס וועט נאָך צייט זיין דאָס צו טאָן מאָרגן, איבערמאָרגן. מע ווייסט דאָך גאָרנישט, ווען די „פּאַרוווקע“ וועט זיין!

אָבער צומאָרגנס, אַרום 5 פאַרטאָגס, קלינגט מען פּלוצלינג אין טויער ווילד, גיך, נערוועז, מע רייסט אָפּ דעם גלאָק. דער סטרוזש, לויט אַלטער געוווינהייט,



איז גראָד איצט ערשט נאָר וואָס איינגעשלאָפן. ער הערט נישט דאָס שאַרפע קלינגעריי, דערפאַר אָבער הערן עס טייל שכנים, וואָס שלאָפן אומרואיק, ווייל זיי ריכטן זיך דערויף.

דאָס טויער ווערט ענדלעך געעפנט, און שוין הערן זיך באַפעלערישע געשרייען פון די פּאָליציאַנטן. אין די פענצטער באַווייזן זיך פאַרשלאָפענע פנימער פון האַלב נאַקעטע מאַנצליט און ווייבער, מע כאַפּט אַ קוק און מע דערזעט די בראָד: אוי, אַ „פּאַרוווקע“.

דאָס טויער איז שוין פאַרמאַכט. די הענדלער, וואָס דאַרפן אין דער צייט אַרויסגיין אין גאַס אַריין, קלייבן זיך צוזאַמען אין טויער, רעדן הויך, מאַכן מיט די הענט און ווילן איבערצייגן דעם פּאָליציאַנט, אַז זיי קומען באַלד צוריק. אָט זיי וועלן נאָר אַזוי געבן אַ כאַפּ אַ ביסל גרינצייג אויפן מאַרק, אַ קיישל מייערן, ציבעלעס, אַ זעקל קאַרטאָפל. אָבער דער פּאָליציאַנט פאַרשטייט נישט זייער לשון, ער איז טויבלעך... פאַרשטענדלעך ווערט עס אים ערשט, ווען דאָס פּאַפּירל, וואָס מע רוקט אים אין האַנט אַריין, איז גענוג אָנזעעוודיק. דאַן גיט ער איבער די ממשלה דעם סטרוזש, אָבער יענער קאָן עפּעס אויף להכעיס נישט געפינען דעם שליסל. ער דרייט זיך, זוכט, נישטערט אַזוי לאַנג, ביז מע פאַרשטייט, וואָס אים פעלט, און ערשט דעמאָלט זוכט זיך אָפּ דער שליסל, און הענדלער קאָנען אַרויסגיין, איבערלאָזנדיק די „פּאַרוווקע“ מיט דער באָד מיט הכל-כל אויף דער מערכה פון ווייב.

## אין באָד אַריין

אין דרויסן אויפן טויער הענגט שוין אַ געלער פּלאַקאַט מיט דער אויפשריפט אין דייטש און פּויליש: „פלעק-פיבער“. שכנים פון די אַרומיקע הייזער און סתם דורכגייער, וואָס שטייען אויף פרי, צעטראָגן שוין די בשורה אויף ווייט און ברייט: סמאָטשע 10 — אַ „פּאַרוווקע“, וואָלינסקע 7 — אַ „פּאַרוווקע“, לובעצקע 12 — אַ „פּאַרוווקע“. אַך, יידעלעך קרוין, איז היינט אַ שחיטה אין שטאָט! האַלב וואַרשע האָט פאַרמאַכטע טויערן.

יידן הערן אויס די בשורה און זיפצן: וואָס וועט דאָס זיין, וואָס וועט פון דעם ווערן?

אַ יידענע מיט אַ פאַרפעדערטן קאָפּ, מיט פאַרשלאָפענע אויגן דערציילט דעם בשורה-ברענגער, אַז איר שוועסטערן-טאָכטער האָט זיך יענע וואָך פאַרקילט אין באָד, איז זי געלעגן 2—3 טעג אין בעט און, נישט דאָ געדאַכט, נעכטן איז זי פון דער וועלט אַוועק.

היינט וואָס פאַר אַ תל זיי מאַכן פון די מלבושים און בעטגעוואַנט — מע זאָל אָפּגעהיטן ווערן!

די לאָקאַטאָרן פון די שכנותדיקע הייזער ציטערן און פלאַטערן: ווער ווייס, צי מאָרגן וועט זיי נישט טרעפן דאָס אייגענע אומגליק.

— אָבער מ'זאָגט דאָך, אַז אויף וואָליגסקע 7 האָט מען גאָר קיין קראַנקן נישט אַרויסגענומען, ס'איז גאָר איבערהויפּט דאָס „קעמשל" נישט געווען?

— טאַקע אַזוי, הערסטו, דאָס איז דאָך דאָס געשריי: די דאָקטוירים ווילן געלט, הענגט מען אויף אַ צעטל: פלעק־טיפוס...

אין די פאַרמאַכטע הייזער לויפן אַרום די פּאָליציאַנטן אין אַלע איינגאַנגען, אויף אַלע טרעפּן, קלאַפּן אָן אין יעדער טיר און זאָגן אָן, אַז אַרום אַכט אַזייגער זאָלן אַלע זיך געפינען אויפן הויף גרייט צו גיין אין באָד אַריין. אין יעדער שטוב מעג בלויז איבערבלייבן איין שטוב־מענטש בייצוווינען די דעזינפעקציע...

פון יעדער שטוב קריכט מען נאָך דעם פּאָליציאַנט, אָבער נישט מיט יעדן וויל ער רעדן, ער רעדט דאָרט, ווו די שטוב זאָגט עדות, אַז ער מעג רעדן... דאָרט פאַרשליסט מען די טיר און... נו, ס'איז גאָרנישט, ס'איז גלאַט אַזוי...

— ווו איז דער פּאָליציאַנט?

— ביים קצב, גיין, ביים בעקער.

— אַזוי, איז שוין רעכט...

דער בעקער און דער קצב זיצן שפּעטער בעת דער גרעסטער אָבלאַווע, בעת יאָגן אין באָד אַריין, און קוקן זיך אַרויס דורך די פענצטער — אין זייערע שטובן גיסט מען נישט קיין קאַרבאָל ביז צום דערשטיקט ווערן, זייער בעטגעוואַנט וואַלגערט זיך נישט אויפן הויף אין בלאָטע און שניי ביז דער „פאַרוועקע"־וואָגן קומט און נעמט עס צו. זייערע ווייבער קריגן נישט געשלאָגן מיט קיין גומענע פּאַלקעס איבער די קעפּ, זייערע קינדער פירן נישט אין דער ריי, וואַרטנדיק אויפן אָפּמאַרשירן פונעם באָד־עטאַפּ.

— דער קצב און דער בעקער — בייגט אַראָפּ די קעפּ פאַר די פּאַרוועניום, פאַר דער מלחמה־אַריסטאָקראַטיע!...

די געשרייען, קולות און געוואַלדן אויפן הויף ווערן וואָס אַמאָל גרעסער. די פּאָליציאַנטן שטייען שוין נישט ביים טויער. דער סטרוזש איז איצט דער תקיף, ווייזט אויס, אַז ער איז בלויז דער פאַרמיטלער, ווען ער דאַרף, דאַן פאַרשווינדט אויף אַ מינוט אויך דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אין דרויסן פאַרן טויער. דער סטרוזש קריגט גראָבע פּאַפּירלעך און לאָזט פּאָרזיכטיק אַרויס פון טויער. נישט אַלע קאָנען אָבער צאָלן גראָב געלט. מילא, קאָנען זיי נישט, וועלן זיי טאַקע גיין אין באָד אַריין...

באַלד באַלאַגערן די פּאָליציאַנטן די איינגאַנגען. יעדער שטאָק איז פאַרנומען פון אַן אַנדערן פּאָליציאַנט. אונטן, ביים אַרויסגאַנג פון פּאַרטער, שטייט אויך אַ פּאָליציאַנט. יעדער, וואָס גייט אַראָפּ פון שטאָק, ווערט באַגלייט דורך זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן, צי ער שטעלט זיך אויס אין דער ריי פון די, וואָס זענען באַשטימט צו גיין אין באָד אַריין. די פּאָליציאַנטן רייסן אויף די בוידעמער, נישטערן אַדורך די קאַמערלעך, זוכן אַפילו אין די שענק, צי עמעץ האָט



זיך דאָרט נישט אויסבאַהאַלטן און טאָמער כאַפּן זיי אַ פאַרשטעקטן, איז אָך און וויי צו אים, דאַן גייען אויף זיינע קולות עד לב השמים.

אויפן הויף שטייען שוין אויסגעשטעלט צוויי ריזיקע רייען: מאַנצלייט און ווייבער מיט קינדער. די ווייבער זיפצן, רעדן זיך אַראָפּ פון האַרץ, באַקוקן איינע ביי דער אַנדערער די קעפּ און באַמיען זיך צו טרעפן, צי דראָט זיי עפּעס אַ געפאַר מצד די האָר אָדער נישט.

דערווייל שטייט דער עולם ווי אויף הייסע קוילן און גאָרנישט. וווהין צו אַנטלויפן איז נישטאָ, ווו צו באַהאַלטן זיך — אויך נישט; אַלע איינגענג זענען באַוואַכט. מע וועט דאָס פרוון טאָן שפּעטער, אין מיטן וועג, אויב דאָס וועט געלונגען.

פּלוצלינג עפנט זיך דאָס טויער און די שפּריצערס מיט זייערע דעזינפעקציע־מכשירים גיבן זיך אַ שאָט אַריין. דאָס זענען יונגע כוליגאַנעס, אָנגעטאָן אין קאָסטיומען פון לופט־פליער, אַזאַ מין געלע האַקי. זיי גייען מיט פעסטע טריט, מיט אַרויספאָדערנדיקע בליקן ווי צו אַ געשלעג, ענטפערן נישט קיינעם אויף קיין רייד און זענען שטרענג ווי די מלאכי חבלה. דאָס איז זייער ערשטער אַרויס־פאָר, און אַלץ איז טאַקע אָפּהענגיק פונעם ערשטן רושם.

— אוי, זענען די שפּריצערס הינט! אַזויגס האָט מען נאָך נישט געזען, זיי לאָזן גאָרנישט רעדן צו זיך — סודעט מען זיך פון אַלע זייטן און מ'באַשליסט אויף גיך, וויאַזוי צו מאַכן די הינט זאָלן נישט בילן...

עס דויערט נישט לאַנג, הייבן די שפּריצערס אָן אַרויסשלעפּן אויפן הויף די ערשטע שעניקעס, אַלע קאָסטקעס, ספרים, פלעדער־מויזן און אַפילו שוכוואַרג, וואַרפן דאָס אַלץ אָן אויף אַ קופּע און צינדן אונטער. די, וואָס גייען אין באָד אַריין, באַוויזן נאָך צו זען, ווי מע שרפעט זייער האָב און גוטס, מיט וואָס פאַר אַ נקמה מע וואַרפט שיך אין פייער אַריין, שיך, וואָס וועלן אין דריטן מלחמה־יאָר זיין מיט גאָלד אָפּצוּוועגן, ווערן לייכטזיניק און בייזוויליק פאַרברענט!

ענדלעך שטעלן זיך די פּאָליציאַנטן אויס אַרום די רייען, זיי קלויבן נאָך אויס עטלעכע פון די, וואָס גייען אין באָד אַלס ערבותניקעס, דראָען זיי מיט שיסן און מאַכן זיי פאַראַנטוואָרטלעך אויב עמעץ וועט פון וועג אין באָד אַריין אַנטלויפן... און דער עטאַפּ מאַרשירט אָפּ אויף „ספּאָקאָינע".

וווהין גייט מען? אין וועלכער באָד? קיינער ווייסט נישט. די פּאָליציי שווייגט. אוי, טאַטעלע פון הימל, מ'זאָל נאָר נישט פירן אויף „ספּאָקאָינע", וואָרעם דאָס איז דען אַ באָד? אַ שעכט־הויז איז עס! ס'זאָל אַזאַ צרה נישט געשען. מענטשן גייען פון דאָרט אַרויס נישט צום דערקענען, ווי אָפּגעשוירענע שעפּסן, און אַ ציטער קאָן מען דאָרט כאַפּן, שוין איינמאָל אַ ציטער.

דער שמועס קייקלט זיך מרה־שחורהדיק: יונגע מיידלעך, בחורים, כוואַטסקע ייִדן און ייִדענעס וואַרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן, כאַפּן אויף די רגע, ווען

— אָבער מ'זאָגט דאָך, אַז אויף וואָלינסקע 7 האָט מען גאָר קיין קראַנקן נישט אַרויסגענומען, ס'איז גאָר איבערהויפּט דאָס „קעסטל" נישט געווען?

— טאַקע אַזוי, הערסטו, דאָס איז דאָך דאָס געשריי: די דאָקטוירים ווילן געלט, הענגט מען אויף אַ צעטל: פלעק=טיפוס...

אין די פאַרמאַכטע הייזער לויפן אַרום די פּאָליציאַנטן אין אַלע איינגאַנגען, אויף אַלע טרעפּן, קלאַפּן אָן אין יעדער טיר און זאָגן אָן, אַז אַרום אַכט אַזייגער זאָלן אַלע זיך געפינען אויפן הויף גרייט צו גיין אין באָד אַריין. אין יעדער שטוב מעג בלויז איבערבלייבן איין שטוב=מענטש בייצוווינען די דעזינפעקציע...

פון יעדער שטוב קריכט מען נאָך דעם פּאָליציאַנט, אָבער נישט מיט יעדן וויל ער רעדן, ער רעדט דאָרט, וווּ די שטוב זאָגט עדות, אַז ער מעג רעדן... דאָרט פאַרשליסט מען די טיר און... נו, ס'איז גאָרנישט, ס'איז גלאַט אַזוי...

— ווו איז דער פּאָליציאַנט?

— ביים קצב, ניין, ביים בעקער.

— אַזוי, איז שוין רעכט...

דער בעקער און דער קצב זיצן שפּעטער בעת דער גרעסטער אָבלאַווע, בעת יאָגן אין באָד אַריין, און קוקן זיך אַרויס דורך די פענצטער — אין זייערע שטובן גיסט מען נישט קיין קאַרבאָל ביז צום דערשטיקט ווערן, זייער בעטגעוואַנט וואַלגערט זיך נישט אויפן הויף אין בלאָטע און שניי ביז דער „פּאַרווקע"=וואָגן קומט און נעמט עס צו. זייערע ווייבער קריגן נישט געשלאָגן מיט קיין גומענע פּאַלקעס איבער די קעפּ, זייערע קינדער פירן נישט אין דער ריי, וואַרטנדיק אויפן אָפּמאַרשירן פונעם באָד=עטאַפּ.

— דער קצב און דער בעקער — בייגט אַראָפּ די קעפּ פאַר די פּאַרוועניום, פאַר דער מלחמה=אַריסטאָקראַטיע!...

די געשרייען, קולות און געוואַלדן אויפן הויף ווערן וואָס אַמאָל גרעסער. די פּאָליציאַנטן שטייען שוין נישט ביים טויער. דער סטרוזש איז איצט דער תקיף, ווייזט אויס, אַז ער איז בלויז דער פאַרמיטלער, ווען ער דאַרף, דאַן פאַרשווינדט אויף אַ מינוט אויך דער פּאָליציאַנט, וואָס שטייט אין דרויסן פאַרן טויער. דער סטרוזש קריגט גראָבע פּאַפּירלעך און לאָזט פאָרזיכטיק אַרויס פון טויער. נישט אַלע קאָנען אָבער צאָלן גראָב געלט. מילא, קאָנען זיי נישט, וועלן זיי טאַקע גיין אין באָד אַריין...

באַלד באַלאַגערן די פּאָליציאַנטן די איינגאַנגען. יעדער שטאָק איז פאַרנומען פון אַן אַנדערן פּאָליציאַנט. אונטן, ביים אַרויסגאַנג פון פּאַרטער, שטייט אויך אַ פּאָליציאַנט. יעדער, וואָס גייט אַראָפּ פון שטאָק, ווערט באַגלייט דורך זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן, צי ער שטעלט זיך אויס אין דער ריי פון די, וואָס זענען באַשטימט צו גיין אין באָד אַריין. די פּאָליציאַנטן רייסן אויף די ביידעמער, נישטערן אַדורך די קעמערלעך, זוכן אַפילו אין די שענק, צי עמעץ האָט



זיך דאָרט נישט אויסבאַהאַלטן און טאָמער כאַפּן זיי אַ פאַרשטעקטן, איז אָך און וויי צו אים, דאַן גייען אויף זיינע קולות עד לב השמים.

אויפן הויף שטייען שוין אויסגעשטעלט צוויי ריזיקע רייען: מאַנצלייט און ווייבער מיט קינדער. די ווייבער זיפצן, רעדן זיך אַראָפּ פון האַרץ, באַקוקן איינע ביי דער אַנדערער די קעפּ און באַמיען זיך צו טרעפן, צי דראָט זיי עפּעס אַ געפאַר מצד די האָר אָדער נישט.

דערווייל שטייט דער עולם ווי אויף הייסע קוילן און גאָרנישט. וווּהין צו אַנטלויפן איז נישטאָ, ווו צו באַהאַלטן זיך — אויך נישט; אַלע איינגאַנגען זענען באַוואַכט. מע וועט דאָס פּרוון טאָן שפּעטער, אין מיטן וועג, אויב דאָס וועט געלונגען.

פלוצלינג עפנט זיך דאָס טויער און די שפּריצערס מיט זייערע דעזינפעקציע=מכשירים גיבן זיך אַ שאָט אַריין. דאָס זענען יונגע כוליגאַנעס, אָנגעטאָן אין קאָסטיומען פון לופט=פּליער, אַזאַ מין געלע האַקי. זיי גייען מיט פעסטע טריט, מיט אַרויספאָדערנדיקע בליקן ווי צו אַ געשלעג, ענטפערן נישט קיינעם אויף קיין רייד און זענען שטרענג ווי די מלאכי חבלה. דאָס איז זייער ערשטער אַרויספאָר, און אַלץ איז טאַקע אָפּהענגיק פונעם ערשטן רושם.

— אוי, זענען די שפּריצערס היגע! אַזוינס האָט מען נאָך נישט געזען, זיי לאָזן גאָרנישט רעדן צו זיך — סודעט מען זיך פון אַלע זייטן און מ'באַשליסט אויף גיך, וויאַזוי צו מאַכן די היגע זאָלן נישט בילן...

עס דויערט נישט לאַנג, הייבן די שפּריצערס אָן אַרויסשלעפּן אויפן הויף די ערשטע שעניקעס, אַלע קאָסטקעס, ספרים, פּלעדער=מויזן און אַפילו שוכוואַרג, וואַרפן דאָס אַלץ אָן אויף אַ קופּע און צינדן אונטער. די, וואָס גייען אין באָד אַריין, באַווייזן נאָך צו זען, ווי מע שרפעט זייער האָב און גוטס, מיט וואָס פאַר אַ נקמה מע וואַרפט שיך אין פייער אַריין, שיך, וואָס וועלן אין דריטן מלחמה=יאָר זיין מיט גאָלד אָפּצוּוועגן, ווערן לייכטזיניק און ביזווויליק פאַרברענט!

ענדלעך שטעלן זיך די פּאָליציאַנטן אויס אַרום די רייען, זיי קלויבן נאָך אויס עטלעכע פון די, וואָס גייען אין באָד אַלס ערבותניקעס, דראָען זיי מיט שיסן און מאַכן זיי פאַראַנטוואָרטלעך אויב עמעץ וועט פון וועג אין באָד אַריין אַנטלויפן... און דער עטאַפּ מאַרשירט אָפּ אויף „ספּאָקאָינע".

וווּהין גייט מען? אין וועלכער באָד? קיינער ווייסט נישט. די פּאָליציי שווייגט. אוי, טאַטעלע פון הימל, מ'זאָל נאָר נישט פירן אויף „ספּאָקאָינע", וואָרעם דאָס איז דען אַ באָד? אַ שעכט=הויז איז עס! ס'זאָל אַזאַ צרה נישט געשען. מענטשן גייען פון דאָרט אַרויס נישט צום דערקענען, ווי אָפּגעשוירענע שעפּסן, און אַ ציטער קאָן מען דאָרט כאַפּן, שוין איינמאָל אַ ציטער.

דער שמועס קייקלט זיך מרה=שחורהדיק: יונגע מיידלעך, בחורים, כוואַטסקע ייִדן און ייִדענעס וואַרפן מיט די אויגן אין אַלע זייטן, כאַפּן אויף די רגע, ווען

דער פּאַליציאַנט איז נישט אַזוי וואַכזאַם, און זיי פאַרשווינדן ביי די ראָגעס, אַרויס פון דער ריי. עלטערע זיפצן און גייען אין שפּאַן. און פּלוצלינג — מען פאַרקירעוועט אויף ביזקע — אוי, אַ קלאָג, מע דערקענט שוין, מע פירט אויף ספּאָקאָינע... די דורכגייער, וואָס באַגעגענען אין וועג די פּאַרטיע, זאָגן אָן דאָס גוטס, ווי לאַנג מע וועט זיך דאָרט דאַרפן אָפּמוטשען. ס'איז אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי און די הורכגייער זענען מבטיח, אַז מאָרגן אַרום פיר נאָכמיטאָג וועט מען זיין צוריק פון באָד...

אַ שרעק באַפאַלט דעם עולם. העכער אַ מעת=לעת אין באָד! אַנדערע טרייסטן זיך: מילא, מע וועט איבערקומען. מיר וועלן זיין פריער אָפּגעבאָדן, יענע, וואָס זענען געבליבן אין די שטובן, וועלן ערשט מאָרגן מוזן דורכמאַכן דאָס גלות און — מע גייט, מע טאָפּטשעט אין די בלאָטעס און מע הערט זיך צו די סטראַשונקעס פון די פּאָליציאַנטן, אַז דער, וואָס וועט אַנטלויפן פון וועג, וועט מאָרגן בגוואַלד נאָכאַמאָל געטריבן ווערן אין באָד, און דער, וואָס וועט קיין צעטל פון באָד נישט האָבן, וועט קיין „באָנע"=ברויט נישט קריגן:

— קאָנסט עפּעס מאַכן? זיי קאָנען דיר דאָס שטיקל באָנע=ברויט אויך צונעמען. שפּיל זיך מיט יעקען...

בעת די ערשטע גרויסע פּאַרטיע פון הויז גייט דאָ אין געהאַקטע צרות אין באָד, קומט פאָר דאָרט אין די שטובן די „רייניקונג". דער דאָקטאָר האָט געהייסן פאַרצייכענען יעדע שטוב, צו וואָס פאַרא מין רייניקונג זי האָט די זכיה, אָבער נאָכן דאָקטאָרס אוועקגיין באַלעבאַטעווען די שפּריצערס: זיי דרייען איבער די יוצרות און גיבן אַרויס זייער אייגענעם פּסק=דין: אין שטוב, וווּ ס'בעטגעוואַנט בלאַנקט ממש פון ווייסקייט, וווּ די באַלעבאָסטע האָט באַהאַלטן די בעסטע איבערצייג, וואָס זי פאַרמאָגט, פאַר דער קאָנטראָל, באַפעלן די שפּריצערס איינצופּאַקן ביזן לעצטן קישעלע און צוצוגרייטן צו דער „פּאַרוווקע". אויף דער טענה, אַז אַ בלינדער זעט דאָך אויך ס'בעטגעוואַנט, אַז ס'איז ריין, געפינט זיך שוין תמיד אַ שפּריצערקע מיט בייזווילקע אויגן, וואָס ווייסט צו זאָגן דעם ריכטיקן תירוץ: יאָ, די ציכן זענען ריין, אָבער די פעדערן זענען פול מיט שטויב... —

— איר זעט — טוט זי אַ פּעסטן זעץ מיט דער האַנט אין דער דעק אריין — איר זעט, וואָס פאַרא שטויב דאָ איז אָנגעזאַמלט?

די באַלעבאָסטע פון שטוב שטייט און קוקט מיט האַרצווייטיק, זי איז שוין גרייט צו געבן עטלעכע גילדן אַ שמעק, כאָטש זי פאַרמאָגט דאָס נישט, אַבי אָפּצוראַטעווען די טייערע ציכן, דאָס בעטגעוואַנט, וואָס מען איז דערמיט איינגעלעבט פון דער חתונה אָן, ווי מיט אַ לעבעדיקער זאַך, אָבער די שפּריצערקע וויל דערפון נישט הערן. די שפּריצער נעמען נישט קיין געלט... ס'הייסט נעמען, נעמען זיי, עולם, יאָ, נאָר וואָס דען, גראָב געלט. אַ צענער גילדן איז ביי זיי קיין מטבע נישט: פּופּציקערס, הונדערטערס...



נאָכן בעטגעוואַנט לאָזט זיך די שפּריצערקע, די מבינטע, צו דער שאַנק: — אַ, אַ, דאָ האָט זי שוין געפּאַקט בלויז טריפהנע סחורה: — אַ סוועטער, וואָס איז פאַרשטויבט, אַ שוואַרצן פּאַלטן, אויף וועלכן ס'געפינט זיך עפּעס אַ פּגימה, אַ פעדערל. ס'איז גענוג, זי זוכט מער נישט, זי נעמט שוין כסדר אַלע מלבושים און אפילו ריינע וועש פון שאַפע. ווען ס'וואַקסט אויס אַ נייער פּאַק, וואָס ווערט באַצייכנט מיט אַ נומער און אַראָפּגעטראָגן אין הויף צו דער קופּע, הייבט זי ערשט אָן זוכן די שמוציקע וועש.

— וואָס, דו האָסט גאָרנישט קיין שמוציקע וועש? נו, וועלן מיר באַלד זען. מסתמא באַהאַלטן...

זי פוילט זיך נישט און צוזאַמען מיט די שפּריצערס נעמט מען גיישטערן, זוכן, איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און באין בריחה, אויב מע געפינט פאָרט גאָרנישט מער אין שטוב, סטראַשעט מען, אַז מע וועט שוין געפינען, מ'וועט זיך שוין דערוויסן, וווהין מע האָט די שמוציקע וועש אַוועקגעטראָגן און דאַן — מעגסטו זיך היטן די ביינער, באַלעבאָסטעשי.

אַראָפּגעטראָגן פון שטוב אַלע מלבושים, די ריינע און אומריינע וועש, דאָס בעטגעוואַנט, דאַרף מען ערשט וואַרטן אויף די שפּריצער מיט די עמערס.

## מע שפּריצט...

דאַרפן, דאַרפן זיי לעולם נישט מער ווי באַשפּריצן די פּאָדלאָגעס, אַ ביסל אויך די ווענט מיט קאַרבאָל צי ליזאָל, אָבער די „שפּריצער" זענען אויך נישט מער ווי בשר=ודם. זיי האָבן ליב אַ כוסה, האָבן ליב „לאַפּוווקע" און האָבן פיינט... דעם ייד. וואָרעם קיין שום זאַך האָט דער כוליגאַן נישט אַזוי גיך און גוט תופס געווען ווי די תורה פון די דייטשן, אַז פאַר יידן דאַרף מען זיך נישט שעמען, פאַר זיי איז נישט פאַראַן קיין אָפּהאַלט, קיין יושר, קיין איינזעעניש, פאַרקערט — וואָס אַכזריותדיקער, פרעכער, פּאָדלער מע באַהאַנדלט דעם ייד, אַלץ גלייכער איז עס, אפילו ווען מע האָט שוין ביים יידן גענומען „לאַפּוווקעס", פאַרדריסט עס אויך, וואָס עס גייט אַזוי גלאַטיק אָפּ, און מע שיקט אונטער אַנדערע שפּריצער, יענע זאָלן אים מאַכן שוואַרץ=שבת...

איז דען אַ ווונדער, אַז אָנשטאָט צו באַשפּריצן די פּאָדלאָגעס, גיסט מען אויס גאַנצע צעבערס מיט וואַסער, נישט חלילה מיט ליזאָל — כאָטש אויך דאָס פעלט נישט אין טייל שטובן, און דער שאַרפער ריח עסט אויף נאָכדעם די לונגען אין פאַרלויף פון לאַנגע וואָכן — ליזאָל קאָן מען אַראָפּלקחענען און פאַרקויפן...

נאָכן פאַרגיסן די פּאָדלאָגעס מיט די ווענט זאָגט מען „טהור הוא"... מע הייסט פאַרשליסן די שטוב און דער איינציק געבליבענער שטוב=מענטש ווערט אויך אויפגעפאָדערט צו גיין אין באָד.

דער פּאָליציאַנט איז נישט אַזוי וואַכזאַם, און זיי פאַרשווינדן ביי די ראָגעס, אַרויס פון דער ריי. עלטערע זייפצן און גייען אין שפּאַן. און פּלוצלינג — מען פאַרקירעוועט אויף נייזקע — אוי, אַ קלאָג, מע דערקענט שוין, מע פירט אויף ספּאָקאָינע... די דורכגייער, וואָס באַגעגענען אין וועג די פּאַרטיע, זאָגן אָן דאָס גוטס, ווי לאַנג מע וועט זיך דאָרט דאַרפן אָפּמוטשען. ס'איז אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי און די דורכגייער זענען מבטיח, אַז מאָרגן אַרום פיר נאָכמיטאָג וועט מען זיין צוריק פון באָד...

אַ שרעק באַפאַלט דעם עולם. העכער אַ מעת=לעת אין באָד! אַנדערע טרייסטן זיך: מילא, מע וועט איבערקומען. מיר וועלן זיין פריער אָפּגעבאָדן, יענע, וואָס זענען געבליבן אין די שטובן, וועלן ערשט מאָרגן מוזן דורכמאַכן דאָס גלות און — מע גייט, מע טאָפּטשעט אין די בלאָטעס און מע הערט זיך צו די סטראַשונקעס פון די פּאָליציאַנטן, אַז דער, וואָס וועט אַנטלויפן פון וועג, וועט מאָרגן בגוואַלד נאָכאַמאָל געטריבן ווערן אין באָד, און דער, וואָס וועט קיין צעטל פון באָד נישט האָבן, וועט קיין „באָנע"=ברויט נישט קריגן:

— קאָנסט עפּעס מאַכן? זיי קאָנען דיר דאָס שטיקל באָנע=ברויט אויך צונעמען. שפּיל זיך מיט יעקען...

בעת די ערשטע גרויסע פּאַרטיע פון הויז גייט דאָ אין געהאַקטע צרות אין באָד, קומט פאָר דאָרט אין די שטובן די „רייניקונג". דער דאָקטאָר האָט געהייסן פאַרצייכענען יעדע שטוב, צו וואָס פאַרא מין רייניקונג זי האָט די זכיה, אָבער נאָכן דאָקטאָרס אַוועקגיין באַלעבאַטעווען די שפּריצערס: זיי דרייען איבער די יוצרות און גיבן אַרויס זייער אייגענעם פּסק=דין: אין שטוב, ווו ס'בעטגעוואַנט בלאַנקט ממש פון ווייסקייט, ווו די באַלעבאָסטע האָט באַהאַלטן די בעסטע איבערצייג, וואָס זי פאַרמאָגט, פאַר דער קאָנטראָל, באַפעלן די שפּריצערס איינצופּאַקן ביזן לעצטן קישעלע און צוצוגרייטן צו דער „פּאַרוווקע". אויף דער טענה, אז א בלינדער זעט דאָך אויך ס'בעטגעוואַנט, אַז ס'איז ריין, געפינט זיך שוין תמיד א שפּריצערקע מיט בייזוויליקע אויגן, וואָס ווייסט צו זאָגן דעם ריכטיקן תירוץ: יאָ, די ציכן זענען ריין, אָבער די פעדערן זענען פול מיט שטויב...—

— איר זעט — טוט זי א פּעסטן זעץ מיט דער האַנט אין דער דעק אַריין — איר זעט, וואָס פאַרא שטויב דאָ איז אָנגעזאַמלט?

די באַלעבאָסטע פון שטוב שטייט און קוקט מיט האַרצווייטיק, זי איז שוין גרייט צו געבן עטלעכע גילדן אַ שמעק, כאָטש זי פאַרמאָגט דאָס נישט, אַבי אָפּצוראַטעווען די טייערע ציכן, דאָס בעטגעוואַנט, וואָס מען איז דערמיט איינגעלעבט פון דער חתונה אָן, ווי מיט א לעבעדיקער זאַך, אָבער די שפּריצערקע וויל דערפון נישט הערן. די שפּריצער נעמען נישט קיין געלט... ס'הייסט נעמען, נעמען זיי, לעולם, יאָ, נאָר וואָס דען, גראָב געלט. א צענער גילדן איז ביי זיי קיין מטבע נישט: פּופּציקערס, הונדערטערס...



נאָכן בעטגעוואַנט לאָזט זיך די שפּריצערקע, די מבינטע, צו דער שאַנק: — א, א, דאָ האָט זי שוין געפּאַקט בלויז טריפהנע סחורה: — א סוועטער, וואָס אין פאַרשטויבט, א שוואַרצן פּאַלטן, אויף וועלכן ס'געפינט זיך עפּעס א פּגימה, אַ פעדערל. ס'איז גענוג, זי זוכט מער נישט, זי נעמט שוין כסדר אַלע מלבושים און אפילו ריינע וועש פון שאַפע. ווען ס'וואַקסט אויס א נייער פּאַק, וואָס ווערט באַצייכנט מיט אַ נומער און אַראָפּגעטראָגן אין הויף צו דער קופּע, הייבט זי ערשט אָן זוכן די שמוציקע וועש.

— וואָס, דו האָסט גאָרנישט קיין שמוציקע וועש? נו, וועלן מיר באַלד זען. מסתמא באַהאַלטן...

זי פּוילט זיך נישט און צוזאַמען מיט די שפּריצערס נעמט מען נישטערן, זוכן, איבערקערן אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און באין ברירה, אויב מע געפינט פאָרט גאָרנישט מער אין שטוב, סטראַשעט מען, אַז מע וועט שוין געפינען, מ'וועט זיך שוין דערוויסן, וווהין מע האָט די שמוציקע וועש אַוועקגעטראָגן און דאַן — מעגסטו זיך היטן די ביינער, באַלעבאָסטעשי.

אַראָפּגעטראָגן פון שטוב אַלע מלבושים, די ריינע און אומריינע וועש, דאָס בעטגעוואַנט, דאַרף מען ערשט וואַרטן אויף די שפּריצער מיט די עמערס.

## מע שפּריצט...

דאַרפן, דאַרפן זיי לעולם נישט מער ווי באַשפּריצן די פּאָדלאָגעס, א ביסל אויך די ווענט מיט קאַרבאָל צי ליזאָל, אָבער די „שפּריצער" זענען אויך נישט מער ווי בשר=ודמס. זיי האָבן ליב א כוסה, האָבן ליב „לאַפּוווקע" און האָבן פיינט דעם ייד. וואָרעם קיין שום זאַך האָט דער כוליגאַן נישט אַזוי גיך און גוט תופס געווען ווי די תורה פון די דייטשן, אַז פאַר יידן דאַרף מען זיך נישט שעמען, פאַר זיי איז נישט פאַראַן קיין אָפּהאַלט, קיין יושר, קיין איינזעעניש, פאַרקערט — וואָס אַכזריותדיקער, פּרעכער, פּאָדלער מע באַהאַנדלט דעם ייד, אַלץ גלייכער איז עס, אפילו ווען מע האָט שוין ביים יידן גענומען „לאַפּוווקעס", פאַרדריסט עס אויך, וואָס עס גייט אַזוי גלאַטיק אָפּ, און מע שיקט אונטער אַנדערע שפּריצער, יענע זאָלן אים מאַכן שוואַרץ=שבת...

איז דען א וווּנדער, אַז אָנשטאָט צו באַשפּריצן די פּאָדלאָגעס, גיסט מען אויס גאַנצע צעבערס מיט וואַסער, נישט חלילה מיט ליזאָל — כאָטש אויך דאָס פעלט נישט אין טייל שטובן, און דער שאַרפער ריח עסט אויף נאָכדעם די לונגען אין פאַרלויף פון לאַנגע וואָכן — ליזאָל קאָן מען אַראָפּלקחענען און פאַרקויפן...

נאָכן פאַרגיסן די פּאָדלאָגעס מיט די ווענט זאָגט מען „טהור הוא"... מע הייסט פאַרשליסן די שטוב און דער איינציק געבליבענער שטוב=מענטש ווערט אויך אויפגעפּאָדערט צו גיין אין באָד.

אויפן הויף ברענען נאָך די אַרויסגעטראָגענע זאַכן פון די שטובן, וואָס זענען דורך די „שפּריצער־מומחים“ אָנערקענט געוואָרן, אַז זיי טויגן מער צו גאָרנישט ווי פאַרברענט צו ווערן. דער רויך שטייגט הויך אַרויף צום הימל, פונקען פליען אין אַלע זייטן און פון צייט צו צייט לויפט צו צום פייער אַ דרייסטער בחור און שלעפּט אַרויס אַן אָנגעסמאַליעטן שיך, צי אַן אַנדער חפץ, אויב עס געלונגט אים צו כאַפּן אַ מינוט, ווען דער פּאָליציאַנט ווערט מיד צו היטן.

אין אַנדערן עק הויף וואַקסט כסדר די קופּע פון די פּעק מיט בעטגעוואַנט. ס'ליגן אָנגעלייגט הונדערטער פּעק בעטגעוואַנט. דער הויף איז אַ גרויסער — הונדערט מיט פופציק וווינונגען מיט העכער זעקס הונדערט לאָקאַטאָרן. ס'גייט אַ שניי, און דאָס בעטגעוואַנט ווערט פון שעה צו שעה נאַסער, אָבער עס וועט נאָך ליגן אויפן הויף גענוג לאַנג. היינט וועט דאָס קעטשל נישט קומען, אין שטאָט זענען הונדערטער הייזער פאַרמאַכט.

טויזנטער פּעק בעטגעוואַנט דאַרפן אָפּגעפירט ווערן צו די דעזינפעקציע־אויוונס, און די קעטשלעך באַווייזן נישט אין איין טאָג אַלץ צוצונעמען. אויב מע וועט האָבן מזל, וועט מען דאָס בעטגעוואַנט צונעמען מאָרגן, און אויב מע וועט ווייטער האָבן מזל, וועט מען עס מיט אַ דריי־פיר טעג שפּעטער צוריק האָבן אין שטוב. דערווייל וועט מען שלאָפן אויף די הוילע שעניקעס און מאַטראַצן, דאָ, וווּ זיי זענען געבליבן אין שטוב, און דאָ, וווּ זיי זענען פאַרברענט — וועט מען מוזן דורכקומען ווי ס'איז. אין שטוב זענען אַפילו קיין לאַכעס נישט געבליבן. מע וועט זיך מוזן צודעקן מיטן איינציקן פּאַלטן, וואָס מע טראָגט אויפן לייב.

אַלע ווייל גייט אַרויס אויפן הויף אַן אַנדערע יידענע, פאַרלייגט די הענט אויף די בריסטן און שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויפן בעטגעוואַנט, וואָס ליגט אונטערן שניי: ווי, ווי, וואָס פאַר אַ גזלנים, וואָס פאַר אַ רוצחים דאָס זענען... ווייכהאַרציקע האַלטן דאָס נישט אויס, זיי מוזן עס איבערקרענקען, זיי האָבן רויטע אויגן, געשוואָלענע פון טרערן, פאַרבראָכן די הענט און עס גייט זיי נישט אָן נישט קיין עסן, נישט קיין טרינקען. די „פּאַרוווקע“ ווערט פאַר זיי פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן תענית.

נאָכן אַוועקגיין פון דער ערשטער גרויסער פּאַרטיע אין באָד אַריין, ווערט דער רעזשים ביים טויער שוואַכער. אין דרויסן שטייט בלויז איין פּאָליציאַנט, און די גאַנצע מאַכט ליגט אין די הענט פון סטרוזש. דאָס טויער איז כסדר באַלאַגערט פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. די אויסנווייניקסטע דערלאַנגען אַריין ברויט, קאַרטאָפל און אַלץ, וואָס מע האָט נייטיק פון געוועלבל. די, וואָס וווינען אין פּראָנט, לאָזן אַראָפּ פון די פענצטער קוישלעך, צוגעבונדענע צו שטריק; אונטן שטייט אַ קרובה צי אַן אַנטרונענער שטוב־מענטש, פילט אָן דאָס קוישל, און מע ציט עס אַרויף.



די פּראָנט־איינוווינער זענען בכלל די גליקלעכע בעת דער „פּאַרוווקע“. זיי קאָנען מציל זיין זאַכן פון זייער האָב און גוטס פון די „פּאַרוווקע־אויוונס“. יעדעסמאָל ווען דער פּאָליציאַנט דרייט זיך אַוועק אויף אַ רגע פון טויער, גייט אַ פלי דורכן פענצטער אַ פּעקל מיט מלבושים צי בעטגעוואַנט און עס ווערט תיכף אונטערגעכאַפּט פון אייגענעם, וואָס שטייט אונטן, און בליץ־שנעל אַוועקגעטראָגן צו אַ שכן, אַ קרוב פון אַן אַנדער הויז. צו די פּראָנט־איינוווינער איז דער פּאָליציאַנט ווייניקער שטרענג, דאָ לאָזט ער זיך גיכער און ביליקער אָפּקויפן, ווייל ער ווייסט, אַז ער וועט נישט זיין אימשטאַנד דאָ אָנצוגיין מיט דער גאַנצער האַרבקייט. אָבער אויך דער סטרוזש דערלייגט נישט צו די פּראָנט־איינוווינער. מען איז געוווינט פון אַלטע צייטן, אַז דער סטרוזש איז דער „מענטש“ פון דער מאַכט, איר שטילער ממזר און איר איבערגעגעבענער שומר אין הויז, און מע וויל מיט אים נישט איינרייסן. היינט זיצט ער אין טויער מיטן שליסל אין האַנט ווי מיט אַ שאַרף כלי־זין און האָט רויטע אויגן פון בראָנפן. פון צייט צו צייט קלייבן זיך ביי אים צוזאַמען עטלעכע פּאָליציאַנטן, שפּריצערס. מע שניידט אָן אַ פולן טיש מיט פעטע שטיקער „קעלבאַס“ מיט ברויט און מע פאַרטרינקט מיט גלעזער אָקאָוויט. עס קלעקט אויף אַלץ. די יידן דאַרפן נאָר האָבן אַ בייטש, אַ שטעקן, דאַן טראָגן זיי שוין אונטער די גראָבע מטבעות פון אַלע זייטן.

דער ווינטער־טאָג גייט זיך שוין צו ענד. די נאַכט פאַלט צו. אין הויז ווערט וואָס אַמאָל שטילער און שטילער. אַלע איינוווינער — יעדנפאַלס די אַלע, וואָס האָבן זיך נישט באַוויזן „אויסצוקויפן“ פאַר גוט געלט — זענען אין באָד. געבליבן זענען בלויז אַ פּאָר קאָכלעפל פון הויז־קאָמיטעט, דער „קאָמענדאַנט“, אפשר אויך אַ שוואַכע קימפּעטאָרן, צי אַ טויבע, קראַנקע זקנה. אָבער עס שאַט נישט, מע וועט נאָך די קימפּעטאָרין מיט דער זקנה אויך נעמען אין באָד אַריין, מע וועט די קאַליקעס אויך נעמען. צומאָרגנס וועט קומען נאָך זיי אַ באַזונדער קעטשל און טויט צי לעבעדיק זיי אַהין אַוועקפירן... אַזוי פאַרלאַנגט דאָס פאַך... למען ישמעו ויראו... וואָס האַרבער די „פּאַרוווקע“, וואָס אכזריות־דיקער, אַלץ פרוכטבאַרער איז זי, מער ריווח גיט זי...

אין הויז געפינען זיך נאָך עטלעכע מוצלחים. דאָס זענען די געציילטע קריסטלעכע לאָקאַטאָרן.[2] זיי גייען נישט אין דער „פּאַרוווקע“. צו זיי קומט נישט דער יידישער דאָקטאָר אויף קיין סאַניטאַר־קאָנטראָלעס. זיי טשעפּען נישט די פּוילישע פּאָליציאַנטן, זיי האָבן נישט קיין מורא פאַר די שפּריצער.

דער פּאָליציאַנט און דער סטרוזש, דער שפּריצער און דאָס יידישע דאָקטאָרל מיט די באַוועגלעכע תנועות און שוואַרצע, לויפנדיקע אייגעלעך ווי מייזלעך

[2] דער מחבר באַשרייבט דאָ די צייט, איידער עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ געטאָ.

— אַלע כאַפּן זיי אויף די „פּאַרוואָקע" ווי אַ שטראָף, וואָס די דײַטשן האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף די ייִדן... די גאַנצע אײַנרעדעניש מיט די סאַניטאַרע פֿאַרהיטונגס־מיטלען, מיטן קאַמף קעגן מגפֿות, מיטן אויסראָטונגס־מאַרש קעגן די באַצילן פּלאַצט ווי אַ זייפֿן־בלאָז, אַנטרעפֿנדיק אויף דער דאָזיקער אײַנפֿאַכער אויספֿאַסונג. נו, אויב אַזוי, פֿאַרוואָס זאָל זי נישט וויינען, די ייִדענע, ווען זי זעט אַז דער זייגער ווײַזט שוין צוועלף בײַנאַכט און דער מאַן מיט די קינדער, וואָס זענען אין דער פֿרי אַוועק אין באָד, זענען נאָך נישטאָ אין דער היים? זיי האָבן הײַנט קיין לעפֿל וואַרעמס נישט געגעסן, און גאָט הער לעבעדיקער ווייסט, צי זיי וועלן זיך, חלילה, נישט פֿאַרקילן, צי די גומענע פּאַלקעס וועלן זיי דעם מוח נישט רירן?

זי דרייט זיך אַ גאַנצע נאַכט, די ייִדענע, איבער דער שטוב, זי טוט קיין אויג נישט צו, ווײַל סײַווי האָט זי נישט קיין אָרט וווּ זיך צוצולייגן, מיט וואָס זיך צוצודעקן. עס גרויט שוין אויף טאָג, מע הערט שוין שליסן ס'טויער, ס'ווערט זעקס—זיבן—ניין פֿרי. די ערשטע פּאַרטיע איז נאָך פֿון באָד נישטאָ. אַרום צוויי בײַטאָג קומען זיי ענדלעך צוגיין פֿאַרחלשטע, אויסגעפֿרוירענע, הונגעריקע, נישט ווי פֿון קיין באָד, נאָר ווי פֿון אַ פֿינצטערער גרוב, און דאָ הייבט מען אָן אין יעדער שטוב דערציילן. די ניסים פֿון דער באָד, אַז עס ווערט פֿינצטער פֿאַר די אויגן. ווער עס הערט די דאָזיקע באָד־געשיכטע, דער ווייסט און פֿאַרשטייט, אַז וואָס־וואָס, אָבער קיין פֿאַרהיטונגס־מיטלען קעגן קראַנקהייטן זענען דאָס נישט. זיכער זענען דאָס האַפֿיגירטע פּײַניקונגען, מאַטערנישן־קוואַלן, אויסגעטראַכטע פֿון דעגענערירטע, קראַנקע קעפּ צו פֿאַרמוטשען אין אַ מאָדערנער אינקוויזיציע אַ שוצלאָזע באַפֿעלקערונג. דערווײַל גייען ערשט די געשלאָסענע רייען פֿון הונגעריטער מענער און פֿרויען, אַלע אָנגעטאָן אין אָרעמע, אָפּגעטראָגענע מלבושים, מיט געלע פֿאַרמאַטערטע פּנימער, געשוואָלענע פֿון הונגער, ביסלעכווײַז אַרײַן אין באָד־הויף. בײַם דורכגיין דאָס טויער ווערן זיי געציילט דורך אַ פּאָליציאַנט, און ווען די לעצטע ריי איז אינעווייניק, פֿאַרשליסט זיך הינטער זיי דאָס טויער. עס ווערט אומעטיק אויפֿן האַרצן. נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך דער תּפֿיסה־הויף. דוכט זיך, סך־הכּל נאָר אַ באָד, און דאָך שוידערט אַזוי און ס'גרוילט אַזוי דאָס אומזיכערע, וואָס עס דערוואַרט דאָ.

מע גייט צו מיט פּאַמעלעכע, נישט ניחאדיקע שריט צום באָד־אײַנגאַנג. דאָרט שטייען שוין לאַנגע רייען געקומענע פֿון פֿריער. די טירן זענען ממש באַקלעבט ווי פֿון פֿליגן. איינער ליגט אויפֿן אַנדערן, מע שטויסט זיך, מע שטופּט זיך, יעדער וויל וואָס פֿריער אַרײַן אינעווייניק, און ווען ס'קומט ענדלעך דער מאָמענט, בעת אַ פּאַרטיע דאַרף פֿאַרלאָזן די באָד און אַ צווייטע זאָל פֿאַרנעמען איר אָרט, ווערט אַזאַ שרעקלעך געדראַנג, אַז מע צעדריקט פּשוט איינער דעם אַנדערן.



אַלע ווײַלע דערהערט זיך אַן אַנהערער פֿאַרצווייפֿלטער קוויטש פֿון אַ ייִנגל, וואָס שטייט אין דער מיטן און האַלט נישט אויס דאָס שטופּעניש, מע זידלט זיך און מע קריגט זיך מיט די מיאוסטע קללות און זלזולים: ח........ יאַט, אַ רוח אין דײַן מאַמען — ער וויל זײַן אַ „מורנו".

אָבער ווען די שטאַרקע, וואָס האָבן באַוויזן זיך צוצושטופּן צו דער טיר, שטייען שוין מיט אַ פֿעסטן פֿוס אויף דער שוועל, גיט זיך פּלוצלינג אַ פֿאַל אויף די טיר און אַ באָד־יונג גיט אַ כאַפּ אַראָפּ די היטלען בײַ די ערשטע אין דער ריי און גיט זיי אַ שלײַדער ערגעץ ווײַט אין דער בלאָטע אַרײַן, העלפֿט דאָס נישט, דאַן נעמט ער אַ בעזעם און וואַליעט איבער די קעפּ, איבער די פּנימער, וווּ ער טרעפֿט.

די, וואָס שטייען שוין בײַ דער שוועל, מוזן פֿאַרלאָזן זייער פּלאַץ, ווער ס'זאָל זײַן די ערשטע — דאָס איז אָפּהענגיק פֿונעם באָד־יונג. מע גיט צו אים אַ וווּנק, און ער פֿאַרשטייט שוין, וואָס דאָס מיינט. פֿאַר געלט קאָן מען אויך דאָ זײַן פֿון די ערשטע: פֿאַר געלט וועט אײַך דער פֿעלדשער, דער דאָקטאָר — דער רוח ווייסט אים, ווער ער איז באמת — נישט צו שטאַרק בודק זײַן די האָר, ער וועט נישט הייסן אָפּשערן ווי אַ שעפּס, ער וועט אַפֿילו דאָס אָנטועכץ באַפֿרײַען פֿון דער „פּאַרוואָקע". געלט, געלט — דער נידעריקסטער און העכסטער פּרינציפּ אין דער מלחמה, די העסלעכע פֿלעדערמויז, וואָס פֿלאַטערט אַ גאַנצן טאָג איבערן קאָפּ און טשאַטשעוועט זיך אײַנצובײַסן אין מאַרך.

דער באָד־יונג ציילט אָפּ אַ דרײַסיק־פֿערציק מענטשן און — סטאָפּ. מער, זאָגט ער, קאָנען נישט אַרײַנגיין. דער עולם דרייט זיך נישט ווילנדיק אויס און קוקט זיך אַרום איבער די רייען: מע זעט שטיין הונדערטער מענטשן און יעדע עטלעכע שעה קומען צו פֿרישע הונדערטער צום באָדן. אויב מע זאָל אַרײַנלאָזן צו דרײַסיק־פֿערציק מענטשן צו יעדער באָד, דאַן קאָן מען, דוכט זיך, דאָ אָפּשטיין אַ פּאָר טעג אין דער ריי. צום גליק זענען אָבער נאָך פֿאַראַן הינטער־טירן, און ס'זענען פֿאַראַן ייִדן, וואָס האָבן געהאַט וואָס מיטצונעמען אין דער טאַש אַרײַן... זיי באַוויזן דערפֿאַר, אַז אויף איינמאָל קאָן מען באָדן מער ווי צו פֿינף מאָל דרײַסיק־פֿערציק מענטשן.

די, וואָס קריגן זיך אַרײַן דורך דער ערשטער טיר, זענען נאָכנישט אין באָד; זיי זענען ערשט קוים אין דער פֿאָדער־שטוב. דאָרט באַלאַגערט מען אויפֿסניי אַ טיר, וואָס פֿירט שוין גלײַך אין באָד אַרײַן. מע קלעפּט דאָרט ווידער איינער אויפֿן אַנדערן, מע פֿאַרעוועט זיך און מע שוויצט בעת מעשה, מע דערבעט שווער מיטן האַרץ, ווײַל מע ווערט דערדריקט פֿונעם שטופּעניש און געדראַנג. די שעהן לויפֿן: מען איז אַרויס פֿון שטוב אַכט אין דער פֿרי, אָבער איצט איז שוין דרײַ־פֿיר נאָכמיטאָג און מע שטייט אַלץ בײַ דער טיר. ענדלעך ווערט מען געהאָלפֿן, מע שטופּט זיך אַרײַן אינעווייניק.

— אַלע כאַפּן זיי אויף די „פּאַרוואַקע“ ווי אַ שטראָף, וואָס די דייטשן האָבן אַרויפגעלייגט אויף די ייִדן... די גאַנצע אייַנרעדעניש מיט די סאַניטאַרע פאַרהיטונגס־מיטלען, מיטן קאַמף קעגן מגפות, מיטן אויסראָטונגס־מאַרש קעגן די באַצילן פּלאַצט ווי אַ זייפן־בלאָז, אַנטרעפנדיק אויף דער דאָזיקער אייַנפּאַכער אויספּאַסונג. נו, אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָל זי נישט וויינען, די ייִדענע, ווען זי זעט, אַז דער זייגער ווייזט שוין צוועלף בייַנאַכט און דער מאַן מיט די קינדער, וואָס זענען אין דער פרי אַוועק אין באָד, זענען נאָך נישטאָ אין דער היים? זיי האָבן הייַנט קיין לעפל וואַרעמעס נישט געגעסן, און גאָט הער לעבעדיקער ווייסט, צי זיי וועלן זיך, חלילה, נישט פאַרקילן, צי די גומענע פּאַלקעס וועלן זיי דעם מוח נישט רירן?

זי דרייט זיך אַ גאַנצע נאַכט, די ייִדענע, איבער דער שטוב, זי טוט קיין אויג נישט צו, ווייל סיידוי האָט זי נישט קיין אָרט וווּ זיך צוצולייגן, מיט וואָס זיך צוצודעקן. עס גרויט שוין אויף טאָג, מע הערט שוין שליסן ס'טויער, ס'ווערט זעקס—זיבן—ניין פרי. די ערשטע פּאַרטיע איז נאָך פון באָד נישטאָ. אַרום צוויי בייטאָג קומען זיי ענדלעך צוגיין פאַרחלשטע, אויסגעפּרוירענע, הונגעריקע, נישט ווי פון קיין באָד, נאָר ווי פון אַ פינצטערער גרוב, און דאָ הייבט מען אָן אין יענער שטוב דערציילן די ניסים פון דער באָד, אַז עס ווערט פינצטער פאַר די אויגן. ווער עס הערט די דאָזיקע באָד־געשיכטע, דער ווייסט און פאַרשטייט, אַז וואָס־וואָס, אָבער קיין פאַרהיטונגס־מיטלען קעגן קראַנקהייטן זענען דאָס נישט, גיכער זענען דאָס האַפּיגירטע פּייניקונגען, מאַטערנישן־קוואַלן, אויסגעטראַכטע פון דעגענערירטע, קראַנקע קעפּ צו פאַרמאַטערן אין אַ מאָדערנער אינקוויזיציע אַ שוצלאָזע באַפעלקערונג. דערווייל גייען ערשט די געשלאָסענע רייען פון הונדערטער מענער און פרויען, אַלע אָנגעטאָן אין אָרעמע, אָפּגעטראָגענע מלבושים, מיט געלע פאַרמאַטערטע פּנימער, געשוואָלענע פון הונגער, ביסלעכווייז אַרייַן אין באָד־הויף. ביים דורכגיין דאָס טויער ווערן זיי געציילט דורך אַ פּאָליציאַנט, און ווען די לעצטע ריי איז אינעווייניק, פאַרשליסט זיך הינטער זיי דאָס טויער. עס ווערט אומעטיק אויפן האַרצן. נישט ווילנדיק דערמאָנט זיך דער תפיסה־הויף. דוכט זיך, סך־הכל נאָר אַ באָד, און דאָך שוידערט אַזוי און ס'גרוילט אַזוי דאָס אומזיכערע, וואָס עס דערוואַרט דאָ.

מע גייט צו מיט פּאַמעלעכע, נישט ניחאַדיקע שריט צום באָד־אייַנגאַנג. דאָרט שטייען שוין לאַנגע רייען געקומענע פון פריער. די טירן זענען ממש באַקלעבט ווי פון פליגן. איינער ליגט אויפן אַנדערן, מע שטויסט זיך, מע שטופּט זיך, יעדער וויל וואָס פריער אַרייַן אינעווייניק, און ווען ס'קומט ענדלעך דער מאָמענט, בעת אַ פּאַרטיע דאַרף פאַרלאָזן די באָד און אַ צווייטע זאָל פאַרנעמען איר אָרט, ווערט אַזאַ שרעקלעך געדראַנג, אַז מע צעדריקט פּשוט איינער דעם אַנדערן.



אַלע ווײַלע דערהערט זיך אַן אַנגעהערער פאַרצווייפלטער קוויטש פון אַ ייִנגל, וואָס שטייט אין דער מיטן און האַלט נישט אויס דאָס שטופּעניש, מען זידלט זיך און מע קריגט זיך מיט די מיאוסטע קללות און זלזולים: ח......... יאָט, אַ רוח אין דייַן מאַמען — ער וויל זיין אַ „מורנו“.

אָבער ווען די שטאַרקע, וואָס האָבן באַוויזן זיך צוצושטופּן צו דער טיר, שטייען שוין מיט אַ פעסטן פוס אויף דער שוועל, גיט זיך פלוצלינג אַ פּראַל אויף די טיר, און אַ באָד־יונג גיט אַ כאַפּ אַראָפּ די היטלען ביי די ערשטע אין דער ריי און גיט זיי אַ שלײַדער ערגעץ ווייט אין דער בלאָטע אַרייַן, העלפט דאָס נישט, דאַן נעמט ער אַ בעזעם און וואַליעט איבער די קעפּ, איבער די פּנימער, וווּ ער טרעפט.

די, וואָס שטייען שוין ביי דער שוועל, מוזן פאַרלאָזן זייער פּלאַץ, ווער ס'זאָל זיין די ערשטע — דאָס איז אָפּהענגיק פונעם באָד־יונג. מע גיט צו אים אַ ווונק, און ער פאַרשטייט שוין, וואָס דאָס מיינט. פאַר געלט קאָן מען אייך דאָ זיין פון די ערשטע: פאַר געלט וועט אייך דער פעלדשער, דער דאָקטאָר — דער רוח ווייסט אים, ווער ער איז באמת — נישט צו שטאַרק בודק זיין די האָר, ער וועט נישט הייסן אָפּשערן ווי אַ שעפּס, ער וועט אפילו דאָס אָנטועכץ באַפרייען פון דער „פּאַרוואַקע“. געלט, געלט — דער נידעריקסטער און העכסטער פּרינציפּ אין דער מלחמה, די העסלעכע פלעדערמויז, וואָס פלאַטערט אַ גאַנצן טאָג איבערן קאָפּ און משאַטעוועט זיך אייַנצובייסן אין מאַרך.

דער באָד־יונג ציילט אָפּ אַ דרייסיק־פערציק מענטשן און — סטאָפּ. מער, זאָגט ער, קאָנען נישט אַרייַנגיין. דער עולם דרייט זיך נישט ווילנדיק אויס און קוקט זיך אַרום איבער די רייען: מע זעט שטיין הונדערטער מענטשן און יעדע עטלעכע שעה קומען צו פרישע הונדערטער צום באָדן. אויב מע זאָל אַרייַנלאָזן צו דרייסיק־פערציק מענטשן צו יעדער באָד, דאַן קאָן מען, דוכט זיך, דאָ אָפּשטיין אַ פּאָר טעג אין דער ריי. צום גליק זענען אָבער נאָך פאַראַן הינטערטירן, און ס'זענען פאַראַן ייִדן, וואָס האָבן געהאַט וואָס מיטצונעמען אין דער טאַש אַרייַן... זיי באַווייזן דערפאַר, אַז אויף איינמאָל קאָן מען באָדן מער ווי צו פינף מאָל דרייסיק־פערציק מענטשן.

די, וואָס קריגן זיך אַרייַן דורך דער ערשטער טיר, זענען נאָכנישט אין באָד; זיי זענען ערשט קוים אין דער פאָדער־שטוב. דאָרט באַלאַגערט מען אויפסניי אַ טיר, וואָס פירט שוין גלייך אין באָד אַרייַן. מע קלעפּט דאָרט ווידער איינער אויפן אַנדערן, מע פאַרעוועט זיך און מע שוויצט בעת מעשה, מע דערבעט שווער מיטן האַרץ, ווייל מע ווערט דערדריקט פונעם שטופּעניש און געדראַנג. די שעהן לויפן: מען איז אַרויס פון שטוב אַכט אין דער פרי, אָבער אַצינד איז שוין דריי־פיר נאָכמיטאָג און מע שטייט אַלץ ביי דער טיר. ענדלעך ווערט מען געהאָלפן, מע שטופּט זיך אַרייַן אינעווייניק.

די, וואָס קריגן זיך אַריין, געפינען שוין דרינען אַ היבש ביסל עולם, וואָס איז אָנגעקומען דורך די היגמעריטירן, דורך די פענצטער, דורך די שפּאַ־עס און לעכער. יענע האָבן שוין פאַרנומען די בענק און ס'איז שוין צומאָל נישטאָ ווו זיך אַוועקצוזעצן אויסצוטאָן. די באָד־משרתים יאָגן אָבער, טרייבן וואָס גיכער זיך אויסצוטאָן און פאַרבינדן דאָס אָנטועכץ צום פּאַרעווען. ס'העלפט, בכ׳, גאָרנישט. מע מוז זיך זעצן איינער אויפן אַנדערן, אויסמישן דאָס אָנטועכץ און שטעמען דעם שווייס פון פרעמדע לייבער, און אָט שטייט מען שוין נאַקעט, דאָס אָנטועכץ איז פאַרפּאַקט און — מע וואַרט. מע נעמט נאָך נישט דאָס אָנטועכץ צום פּאַרעווען. צוערשט מוז מען זיך לאָזן שערן.

אין מיטן שטוב שטייט אַ „שערער“ מיט אַ פאַרפּאַקטער גראָבער שער־מאַשין און שנײַדט די האָר. עפּעס איינער, דער כמו־דאָקטאָר, לויפט אַרום און שרייט, אַז קיין איינער זאָל נישט האָבן די העזה זיך אַרויסצודרייען פון שערערס האַנט, ער וועט קיין קוויטל פון באָד נישט אַרויסגעבן, אויב מע וועט נישט האָבן קיין אָפּגעשוירענע קעפּ. דער איינער זעט אויס ווי אַ קיילער, מיט רויטע באַקן און שוואַרצע, שטייפע וואָנצעס. דאָס, וואָס ער זאָגט — זאָגט ער מיט אַ מין זשעסט, מיט בייזע בלישטשענדיקע אויגן, ווי ער וואָלט מיט די אַלע געהאַט דאָ אַלטע חשבונות, ער קען זיי, ער האָט זיך גענוג פון זיי אָנגעליטן און ער וועט איצט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט, זיי זאָלן אים אַנטרינען... אָ, ניין, איצט זענען זיי ביי אים אין די הענט.

דער עולם גייט מיט געבראָכענע געמיטער צו צום שערער. יונגעלייט, שטיקלעך פראַנטן מיט פיין פאַרשוירענע גזשיוועס, שוואַרצע בלאַנקענדיקע האָר, פאַלן די ערשטע קרבנות. דער שערער גיט אַ לאָז אַריין אין די דאָזיקע ווייכע האָר זיין גראָבע שער־מאַשין, און אָט־אָט באַווייזט זיך די ערשטע אַש־קאָלירטע בייט אינעם שוואַרצן האָר־פעלד. כדי יוצא צו זיין, כאַפּט דער שערער ווי אַ געניטער פאַכמאַן, פריער אַ בליק אויף די שיינע שוואַרצע האָר און טראָגט זיך אַרום זיין אורטייל: אַ שיין פנים, אָבער אַ מיאוס האַרץ... ס'זענען דאָ, זאָגט ער, באַהאַלטן אַ סך גנידעס. פאַרפאַלן, מיט גנידעס צו קעמפן איז באמת שווער, און די יונגעלייטלעך בייגן אַראָפּ די קעפּ. נאָכדעם שערט ער אָפּ די האָר פון די אַנדערע ערטער אויפן קערפּער. ער ציערעמאָנירט זיך נישט, מאַכט נישט קיין איידעלע אָנשטעלן. גיט אַ שטאָך, אַ קניפּ מיט דער מאַשין. דער געשוירענער גיט אַ שפּרונג, אַ קוויטש און הײַדאַ — שוין שטייט אַן אַנדערער אויף זיין אָרט.

די שערן לויפן. די גאַנצע פּאַרטיע איז שוין געשוירן. דער זאַל איז נישט באַהייצט.

די צעמענטענע פאָדלאָגע קילט די פיס. פון צייט צו צייט גיט אַ באָד־יונג אַ פּראַל־אויף אַ פענצטער און ס'גיט זיך אַ וואַליע אַריין אַ שטראָם קאַלטע לופט פון דרויסן. עס ווערט אַ גרויסע פּאַרע און עס פריסקעט אַריין דער שניי. דורכן



אָפענעם פענצטער נעמט דער באָד־יונג אָפּ די געבראַכטע מלבושים פון דער דעזינפעקציע־מאַשין. אין דרויסן איז שוין לאַנג טונקל. די נאַכט איז קאַלט און שיידיק. ווער ס'האָט געהאַט שכל זיך מיטצונעמען אַ שטיקל ברויט, איז אַ גליקלעכער. פאַר אַנדערע באַזאָרגן די מאַמעס אַריין דורך די פענצטער — פאַר באַזונדערע „לאַפּוווקע“, אַ שטיק ברויט, אַ בייגל, אַ לאַטקע. אָבער דער גרעסטער טייל גייט אַרום נאַקעט אויף דער צעמענטענער פאָדלאָגע און גענעצט פון הונגער. די דערכשוויצנע הערן נישט אויף צו הוסטן און שפייען, און זייערע איינגעפאַלענע פאַרחלשטע גופים ברעכן צוזאַמען אונטער דער לאַסט.

ענדלעך שטעלט מען זיך ווידער אויס אין אַ ריי לעבן אַ טיר. דאָ שטייט דער „דאָקטאָר“ מיט שוואַרצע שטייפע וואָנצעס. ער באַקוקט יעדנס געשוירענעם קאָפּ, די געשוירענע האָר אונטער די פאַכוועס און פון „אותו מקום“, און אויב ער האָט נישט וואָס צוצוגעבן, גייט מען צו צו אַ טישל, וווּ עס זיצט אַ באַאַמטער און ער פאַרשרייבט דעם נאָמען. איצט האָסטו האָפענונג, אַז נאָכן אָפּבאָדן זיך, נאָכן פּאַרעווען, זאָלסטו אַרויסבאַקומען דעם באָד־צעטל. נישט שטענדיק אָבער געפעלט דעם דאָקטאָר, ווי מען איז געשוירן, דאַן זאָגט ער „אודר“, און הייסט מוחל זיין צוריקגיין צום שערער אויף אַ „פּאָפּראַווקע“.

דורכגעקוקט און בודק געווען די גאַנצע פּאַרטיע, גיט מען אַ באַפעל צו גיין ווייטער, פון איין קאַלטן קאָרידאָר אין אַן אַנדערן. דער נאַקעטער גוף שרומפּט צוזאַמען פון דער קעלט. עס גלויבט שוין קיינער נישט פון דער דאָזיקער באָד אַהיימצוקומען אַ געזונטער, און ווען מע גייט אַזוי אַדורך אַ פיר־פינף קאַלטע שטובן און קאָרידאָרן, קומט מען סוף־כל־סוף אַריין אין באָד־זאַל, וווּ ס'געפינען זיך טושן, אָבער דאָ דערוויסט מען זיך באַלד, אַז עס פעלן אויס קוילן. ס'איז נישטאָ קיין וואַרעם וואַסער. באָדן וועט מען זיך קאָנען ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום...

מילא, מאַ, זאָגט עמעץ, זאָל זיך אייך דוכטן, אַז איר זענט שוין געבאָדן, וועט איר דאַן סיווי מוזן וואַרטן אויפן אָנטועכץ פון דער „פּאַרוווקע“...

נאָר דאָ דערמאָנט מען זיך ערשט, אַז בעת מען איז אַרויס פון דער שטוב, וווּ מע האָט זיך אויסגעטאָן און געשוירן, איז דאָס אָנטועכץ נאָך געבליבן ליגן פאַרפּאַקט אין פּעק, מע האָט עס נאָך צום פּאַרעווען נישט געהאַט אַוועקגעטראָגן, ווייל די מאַשין איז נישט געווען פריי...

דער זייגער שלאָגט שוין 12. מע ציטערט פון קעלט און מע גענעצט אומאויפהערלעך פון הונגער. פון צווייטן שכנותדיקן זאַל, וווּ ס'געפינען זיך די פרויען, צעטראָגן זיך יעדעס מאָל היסטערישע געוויינען, געשרייען, ספּאַזמען. דאָרט איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ קיין באָד־יונג, נאָר אַ בעדערין, אָבער זי קען די מלאָכה נישט ערגער פונעם באָד־יונג. די בעדערין שמעלצט און רײַסט נאָך צו איר אייפּירעכץ מיט באַזונדערער ווייבערישער שאָדן־פרייד, דערפון, וואָס יענע, די חנעוודיקע „זשידוווקעס“, וועלן בלייבן מיט גאָלע קעפּ...

די, וואָס קריגן זיך אַריין, געפינען שוין דרינען אַ היבש ביסל עולם, וואָס איז אָנגעקומען דורך די הינטערטירן, דורך די שפּאַרעס און לעכער. יענע האָבן שוין פאַרנומען די בענק און ס'איז שוין צומאָל נישטאָ ווו זיך אויסצוזעצן אויסצוטאָן. די באָד־משרתים יאָגן אָבער, טרייבן וואָס גיכער זיך אויסצוטאָן און פאַרבינדן דאָס אָנטועכץ צום פאַרעוועון. ס'העלפט, בכן, גאָרנישט. מע מוז זיך זעצן איינער אויפן אַנדערן, אויסמישן דאָס אָנטועכץ און שטעמען דעם שווייס פון פרעמדע לייבער, און אָט שטייט מען שוין נאַקעט, דאָס אָנטועכץ איז פאַרפּאַקט און — מע וואַרט. מע נעמט נאָך נישט דאָס אָנטועכץ צום פאַרעוועון. צוערשט מוז מען זיך לאָזן שערן.

אין מיטן שטוב שטייט אַ „שערער“ מיט אַ פאַרפּאַקטער גראָבער שער־מאַשין און שניידט די האָר. עפּעס איינער, דער כמו־דאָקטאָר, לויפט אַרום און שרייט, אַז קיין איינער זאָל נישט האָבן די העזה זיך אַרויסצודרייען פון שערערס האַנט, ער וועט קיין קוויטל פון באָד נישט אַרויסגעבן, אויב מע וועט נישט האָבן קיין אָפּגעשוירענע קעפּ. דער איינער זעט אויס ווי אַ קיילער, מיט רויטע באַקן און שוואַרצע, שטייפע וואָנצעס. דאָס, וואָס ער זאָגט — זאָגט ער מיט אַ מין זשעסט, מיט בייזע בלישטשענדיקע אויגן, ווי ער וואָלט מיט די אַלע געהאַט דאָ אַלטע חשבונות, ער קען זיי, ער האָט זיך גענוג פון זיי אָנגעליטן און ער וועט איצט נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט, זיי זאָלן אים אַנטרינען... אָ, ניין, איצט זענען זיי ביי אים אין די הענט.

דער עולם גייט מיט געבראָכענע געמיטער צו צום שערער. יונגעלייט, שטיקלעך פראַנטן מיט פיין פאַרשוירענע גזשיוועס, שוואַרצע בלאַנקענדיקע האָר, פאַלן די ערשטע קרבנות. דער שערער גיט אַ לאָז אַריין אין די דאָזיקע ווייכע האָר זיין גראָבע שער־מאַשין, און אָט־אָט באַווייזט זיך די ערשטע אַש־קאָלירטע בייט אינעם שוואַרצן האָר־פעלד. וכדי יוצא צו זיין, כאַפּט דער שערער ווי אַ געניטער פאַכמאַן, פריער אַ בליק אויף די שיינע שוואַרצע האָר און טראָגט גיך אַרויס זיין אורטייל: אַ שיין פּנים, אָבער אַ מיאוס האַרץ... ס'זענען דאָ, זאָגט ער, באַהאַלטן אַ סך גנידעס. פאַרפאַלן, מיט גנידעס צו קעמפן איז באמת שווער, און די יונגעלייטלעך בייגן אַראָפּ די קעפּ. נאָכדעם שערט ער אָפּ די האָר פון די אַנדערע ערטער אויפן קערפּער. ער צערעמאָנירט זיך נישט, מאַכט נישט קיין איידעלע אָנשטעלן. גיט אַ שטאָך, אַ קניפּ מיט דער מאַשין. דער געשוירענער גיט אַ שפּרונג, אַ קוויטש און היידאַ — שוין שטייט אַן אַנדערער אויף זיין אָרט.

די שעהן לויפן. די גאַנצע פאַרטיע איז שוין געשוירן. דער זאַל איז נישט באַהייצט.

די צעמענטענע פאָדלאָגע קילט די פיס. פון צייט צו צייט גיט אַ באָד־יונג אַ פראַל־אויף אַ פענצטער און ס'גיט זיך אַ וואַליע אַריין אַ שטראָם קאַלטע לופט פון דרויסן. עס ווערט אַ גרויסע פאַרע און עס פריסקעט אַריין דער שניי. דורכן



אָפענעם פענצטער נעמט דער באָד־יונג אָפּ די געבראַכטע מלבושים פון דער דעזינפעקציע־מאַשין. אין דרויסן איז שוין לאַנג טונקל. די נאַכט איז קאַלט און שניידיק. ווער ס'האָט געהאַט שכל זיך מיטצונעמען אַ שטיקל ברויט, איז אַ גליקלעכער. פאַר אַנדערע באַזאָרגן די מאַמעס אַריין דורך די פענצטער — פאַר באַזונדערער „לאַפּוווקע“, אַ שטיק ברויט, אַ בייגל, אַ לאַטקע. אָבער דער גרעסערער טייל גייט אַרום נאַקעט אויף דער צעמענטענער פאָדלאָגע און גענעצט פון הונגער. די דערכוויצנע הערן נישט אויף צו הוסטן און שפּייען, און זייערע איינגעפאַלענע פאַרחלשטע גופים ברעכן צוזאַמען אונטער דער לאַסט.

ענדלעך שטעלט מען זיך ווידער אויס אין אַ ריי לעבן אַ טיר. דאָ שטייט דער „דאָקטאָר“ מיט שוואַרצע שטייפע וואָנצעס. ער באַקוקט יעדנס געשוירענעם קאָפּ, די געשוירענע האָר אונטער די פאַכוועס און פון „אותו מקום“, און אויב ער האָט נישט וואָס צוצוגעבן, גייט מען צו צו אַ טישל, ווו עס זיצט אַ באַאַמטער און ער פאַרשרייבט דעם נאָמען. איצט האָסטו האָפענונג, אַז נאָכן אָפּבאָדן זיך, נאָכן פאַרעוועון, זאָלסטו אַרויסבאַקומען דעם באָד־צעטל. נישט שטענדיק אָבער געפעלט דעם דאָקטאָר, ווי מען איז געשוירן, דאַן זאָגט ער „אודר“, און הייסט מוחל זיין צוריקגיין צום שערער אויף אַ „פּאָפּראַווקע“.

דורכגעקוקט און בודק געווען די גאַנצע פאַרטיע, גיט מען אַ באַפעל צו גיין ווייטער, פון איין קאַלטן קאָרידאָר אין אַן אַנדערן. דער נאַקעטער גוף שרומפּט צוזאַמען פון דער קעלט. עס גלויבט שוין קיינער נישט פון דער דאָזיקער באָד אַהיימצוקומען אַ געזונטער, און ווען מע גייט אַזוי אַדורך אַ פיר־פינף קאַלטע שטובן און קאָרידאָרן, קומט מען סוף־כל־סוף אַריין אין באָד־זאַל, ווו ס'געפינען זיך טושן, אָבער דאָ דערוויסט מען זיך באַלד, אַז עס פעלן אויס קוילן. ס'איז נישטאָ קיין וואַרעם וואַסער. באָדן וועט מען זיך קאָנען ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום...

מילא, מאַ, זאָגט עמעץ, זאָל זיך אייך דוכטן, אַז איר זענט שוין געבאָדן, וועט איר דאַן סייווי מוזן וואַרטן אויפן אָנטועכץ פון דער „פאַרוווקע“...

נאָר דאָ דערמאָנט מען זיך ערשט, אַז בעת מען איז אַרויס פון דער שטוב, ווו מע האָט זיך אויסגעטאָן און געשוירן, איז דאָס אָנטועכץ נאָך געבליבן ליגן פאַרפּאַקט אין פּעק, מע האָט עס נאָך צום פאַרעוועון נישט געהאַט אַוועקגעטראָגן, ווייל די מאַשין איז נישט געווען פריי...

דער זייגער שלאָגט שוין 12. מע ציטערט פון קעלט און מע גענעצט אויפהערלעך פון הונגער. פון צווייטן שכנותדיקן זאַל, ווו ס'געפינען זיך די פרויען, צעטראָגן זיך יעדעם מאָל היסטערישע געוויינען, געשרייען, ספּאַזמען. דאָרט איז, פאַרשטייט זיך, נישטאָ קיין באָד־יונג, נאָר אַ בעדערין, אָבער זי קען די מלאָכה נישט ערגער פונעם באָד־יונג. די בעדערין שמעלצט און רייסט נאָך צו איר אייפערעכץ מיט באַזונדערער ווייבערישער שאָדן־פרייד, דערפון, וואָס יענע, די חנעוודיקע „זשידווקעס“, וועלן בלייבן מיט גאָלע קעפּ...

די בעדיערין, וואָס בדקענט, האָט אַן אומבאַגרענעצטע ממשלה — איר וואָרט איז אַ געזעץ. ווען זי זאָגט, אַז די האָר זענען נישט ריין, איז פאַרפאַלן — מוז מען שערן. אַמאָל זאָגט זי דאָס וועגן די האָר פון אַ באַלעבאָסטע, אַ מאַמע פון קינדער, און אַמאָל וועגן אַ כלה-מיידל. ווען מע פּרוּווט איר דערלאַנגען אין יד אַרײַן, בייזערט זי זיך מיקלאָמפּערשט שטאַרק אָן און איז גרייט אײַנצוזעצן אין תפיסה. זי ווייסט, ווען זי דאַרף נעמען געלט און ווען זי דאַרף זיך באַלײַדיקן פון אַן ענלעכן פאָרשלאָג...

אָפּטמאָל איז גענוג, זי זאָל כאַפּן אַ קוק בלויז אויף דער פּאַציענטקע, באַטראַכטן אַ ווײַל איר אָנטועכץ, איר זיידענע אונטער-וועש — און שוין ווייסט זי, וואָס זי האָט צו טאָן, ווי צו באַהאַנדלען, סאַראַ פּרייז צו באַקומען.

די ספּאַזמען פונעם כלה-מיידל אין דער קאַלטער, שניידיקער נאַכט וואַרפן אָן אַן אימה. עס ווײַנט אַרויס פונעם מיידל אַן אַלטער ווײ, נישט בלויז דער ווײ אויפן פאַרלוסט פון אירע שיינע האָר, וואָס זענען געפאַלן ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע, נאָר דער ווײ פון טויזנטער שוצלאָזע, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה, באַגלייט פון אַ פרעך און טעמפּ געלעכטער פון זייערע פּייניקער.

די מאַנצלייט אין צווייטן זאַל קאָרטשען זיך איין אין שרעק, האָט מען עס נישט אַמאָל בײַ זײַן ווײַב אָפּגעשוירן די האָר, בײַ זײַן טאָכטער?

וואַרט. עס עפנט זיך די טיר, עס לויפט אַרײַן אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען מיט אַ נאַקעט, אויסגעדאַרט קערפּערל און פאַרברעכט די הענט, דער פאָטער לויפט צו צו אים: זעליק, וואָס איז געשען, וואָס וויינסטו?

— די מאַמע, די מאַמע, — העשעט ער און קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן.

— וואָס איז מיט דער מאַמען? — ווערט דער פאָטער נאָך מער דערשראָקן.

— מ'האָט דער מאַמען אָפּגעשוירן די האָר... — דאָס ייִנגל האָט קיין רו אויפן האַרצן נישט געהאַט. ער האָט עפּעס אויף אַ קונציקן אופן זיך צוגעקריגן צו דער טיר פון דער ווייבערישער באָד און דאָרט האָט ער זיך דערוווּסט, וואָס מיט דער מאַמען האָט פּאַסירט.

דער פאָטער, אַ מאַנצביל פון אַ יאָר פערציק, גיט זיך אויף אַ ווײַל אַ פאַרטראַכט. ער שטעלט זיך פאָר זײַן ווײַב מיט די בלאָנדע ווייכע האָר, באַרויבט פון איר צירונג, ווי זי שטייט איצט מיט אַן אָפּגעשוירענעם קאָפּ מיט טרעפּעס. אָט אַזוי ווי זײַן קאָפּ זעט איצט אויס, און עס צוקן בײַ אים די אויגן. ער איז הונגעריק, געפרוירן, מיד פונעם טרײַבן פון איין אָרט אויפן צווייטן, פון איין נוגש צום אַנדערן פון פאַרמאָג אָן. ס'איז שוין איינס בײַנאַכט, צוויי בײַנאַכט — מע לאָזט דיך נישט אָפּ. פאַרוואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין שטראָף? ווער האָט די ענויים אויסגעטראַכט? אויסגעטאָן פון אַלץ, אָפּגעצויגן ווי אַ גנב און געשטעמפּלט דעם קאָפּ ווי אַ פאַרברעכער...



אַ נידערגעשלאָגנקייט באַפאַלט דעם ייִד, אַ יאוש און אַ גרינגשעצונג צו אַלעמען און צו זיך אַליין: פע, וואָס פאַראַ ווערעמדיק באַשעפעניש ס'איז דער מענטש!?...

מיטאַמאָל ווערט אַ באַוועגונג אין זאַל. די באָד-משרתים לויפן אַהין און אַהער, דערלאַנגען יעדן איינעם אַ פּיצל שיטערע זייף און די באָד-רערן רוישן, אָט באַלד, אָט ענדלעך וועט מען אַרויפקריגן אויפן געפרוירענעם גוף אַ ביסל וואַרעם וואַסער.

שוין שפּריצט דאָס וואַסער פון די טושן. דער עולם קרעכצט פון תענוג: אַ, אַ, אַ, מע דערוואַרעמט זיך די אויסגעפרוירענע ביינער, אָבער איידער מע באַווײַזט דאָס צו טאָן, הייבט אָן צו גיין קאַלט וואַסער פון די טושן. גיך אַנטלויפט מען אין דער זײַט, מע וויל נישט אָפּקילן די ליבע וואַרעמקייט. אָבער ס'איז נישט באַשערט. עס לויפן אַרײַן די באָד-משרתים און טרײַבן אַרײַן אַלעמען אין אַן אַנדערן זאַל. דאָ אַהער קומט איצט אַ פרישע פּאַרטיע.

ווידער לויפט מען דורך עטלעכע קאַלטע שטובן, ביז מע קריגט זיך אַרײַן אין לעצטן זאַל. דאָ דאַרף מען וואַרטן אַזוי לאַנג, ביז מע וועט ברענגען די מלבושים פון דער „פּאַרוווקע“.

דערווײַל קריגט מען אַרויס די שיך און מע דאַרף שוין נישט שטיין באָרוועס אויפן קאַלטן צעמענט, אָבער צו די מלבושים איז נאָך ווײַט. עס גייט שוין אַ נײַער ווינטער-טאָג און מע ווינטשט זיך, אַז כאָטש צום מעת לעת זאָל מען זײַן צוריק אין די שטובן, אָבער ס'איז אַ פאַלשע האָפענונג.

אַרום צוועלף בייטאָג ברענגט מען ענדלעך די מלבושים. דער עולם הייבט אָן נאָכקאָנטראָלירן די זאַכן און דאָ שטעלט זיך אַרויס, אַז בײַ דעם פעלט אַ העמד, בײַ יענעם — די הויזן, בײַ אַ דריטן — אַ שאַל; בײַ דעם איז דער סוועטער פאַרברענט, בײַ יענעם דער פּאַלטן, אַלץ איז צעקנייטשט און צעקנאָדערט געוואָרן. פון אַלעם טראָגט זיך דער באַזונדערער איבלדיקער, שאַרפער דעזינפעקציע-ריח...

אָבער מע נעמט שוין אַלץ פאַר ליב. אַ כפּרה די זאַכן, אַבי מ'זאָל שוין זײַן אין שטוב.

מע שטעלט זיך אויס בײַם טישל פון באַאַמטן און מע באַקומט אַרויס דעם לאַנג-געגאַרטן באָד-צעטל, דעם אַטעסטאַט אויף באָנע-ברויט, דעם ריינקייטס-פּאַספּאָרט, מיט וועלכן מע קאָן אָפּגיין אַ מהלך-רב, אַ שטיק וועלט, אַזש העט ביז... צו דער נאָענטער „פּאַרוווקע“...

דער פיבער וואַקסט מיט יעדער מינוט. מ'איז שוין געשוירן, געבאָדן, געפּאַרעוועט, מ'האָט שוין דעם באָד-צעטל אין טאַש, אָבער אַהיימגיין קאָן מען אַלץ נישט; דאָס טויער איז פאַרשלאָסן, איינציקווײַז לאָזט מען נישט אַרויס. עס מוז זײַן אַ גאַנצע פּאַרטיע.

יעדער שטעלט זיך פאָר, אַז באַלד ווי ער וועט אַהיימקומען, וועט ער עפּעס

אָפּעס, טרינקען אַ ביסל וואַרעמס און תּיכּף זיך לייגן אין בעט אַרײַן. אָבער ווען ער קומט מיט מזל אַרײַן דורכן פֿאַרמאַכטן טויער אין זײַן הויף און דערזעט ליגן אונטערן שניי די פּעק בעטגעוואַנט, וואָס מע האָט נעכטן אַראָפּגעטראָגן, און די פּאַרוועקע-וואָגנס האָבן זיי נאָך ביז הײַנט נישט צוגענומען, פֿאַרשטייט ער, אַז פֿון קיין לייגן זיך אין בעט אַרײַן קאָן שוין קיין רייד נישט זײַן, סײַדן — אויף דער גאָלער פּאָדלאָגע.

## דער פּאַרוועקע-וואָגן איז דאָ

אין די שטובן איז אַ גרויסע שׂמחה: דאָס פֿרייען זיך אַזוי די מאַמעס, די ווײַבער, די אײַנציק-געבליבענע היטערס, וואָס האָבן די אויגן אויסגעקוקט פֿון נעכטן אָן, ביז זיי האָבן דערלעבט צוריק צו זען די זייעריקע אין שטוב. עטלעכע פֿרויען פֿון די, וואָס זענען געווען אין באָד, גייען איצט מיט פּאַטשיילעס אויף די קעפּ, ווי קופּקעס. אין דער לעצטער צײַט באַגעגנט מען אָפֿט אין די גאַסן אַזאַ סאָרט פֿרויען. זייערע ליידיקע שטערנס און אָפּגעהיבלעוועטע פּאות זאָגן עדות, אַז די ווײַבער טראָגן נישט די דאָזיקע פּאַטשיילעס אויף די קעפּ פֿון נחת. יעדער „פּאַרוועקע-טאָג" פֿאַרגרעסערט די צאָל פֿרויען מיט די פֿאַרדעכטיקע פּאַטשיילעס אויף די קעפּ. זיי טראָגן זייער שאַנד ווי אַנוסים, מאַרטירער פֿאַר אַ פֿאָלקס-זאַך...

פּלוצלינג ווערט אויפֿן הויף אַ גרויס געהודער. מע גייט צו צו די פֿענצטער און דאָ דערזעט מען, ווי מע הייבט אָן אַרויסטראָגן די פּעק מיט בעטגעוואַנט צו די „פּאַרוועקע"-וואָגנס. עטלעכע כוליגאַנעס שטייען אויפֿן וואָגן און סדרן אויס אַזוי די פּעק, אַז דער וואָגן זאָל וואָס מער קאָנען אויפֿנעמען. ווען די ערשטע פּעק-שיכט איז אויסגעלייגט געוואָרן, לייגן זיי פֿון אויבן אַרויף אַ צווייטע; זיי שטעלן זיך אַרויף מיט די פֿיס אויף די פּעק בעטגעוואַנט און טאָפּטשען, טרעטן זיי אָן פֿעסט. זיי אַרט נישט, וואָס זייערע פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול טראַטעווען אויף ריינע לײַלעכער, אויף די ציכן. זיי ווייסן, אַז די ייִדישע ווײַבער שטייען און קוקן מיט האַרצווייטיק אויף דעם חורבן, אָבער עס לאַכט פֿון זיי אַרויס די ווילדסטע נקמה, און זיי טוען וואָס זיי טוען.

דער וואָגן ווערט וואָס אַמאָל אַלץ העכער און העכער, אָבער אויפֿן הויף ליגן נאָך אַ סך פּעק. זיי וועלן דאָ אַזוי ליגן נאָך אַ מעת-לעת אונטערן שניי און רעגן, און צוריקבאַקומען פֿון דער „פּאַרוועקע" וועט מען זיי אויך שוין נישט אַלע אייגענעם, נאָר ווער פֿרײַער, ווער שפּעטער.

צומאָרגנס ווערט ענדלעך דער הויף אָפּגעליידיקט פֿון די פּעק בעטגעוואַנט. די, וואָס זענען נעכטן און אייערנעכטן נישט געווען אין באָד, ווערן געטריבן מיט אַ טאָג, מיט צוויי טעג שפּעטער; עס העלפֿט גאָרנישט. די פּאָליציאַנטן ווערן אָפּגעהורשט און — אין באָד מוז מען גיין.



ס'קומט אַ שפּיטאָל-קעטשל, און די שפּיטאָל-דינער טראָגן אַרויס אויף די הענט אַלטע, זיבעציקיעריקע, האַלב-פּאַראַליזירטע ווײַבער, דעכעוויצנע זקנים, אַ קאַליקע, אַ הויף-נאַר, עס מיידט נישט קיינעם.

מע האָט שוין אַלע געטריבן אין באָד, דאָס בעטגעוואַנט איז צוגענומען געוואָרן אין דער „פּאַרוועקע" אַרײַן, די שטובן זענען באַגאָסן געוואָרן מיט קאַרבאָל און ליזאָל. דעם ריח שפּירט מען אין גאַנצן הויז, אָבער דאָס טויער איז כּסדר פֿאַרמאַכט און פֿון דרויסן וואַכט אַ פּאָליציאַנט. מע האָט געפּרוּווט אָפּקויפֿן דאָס הויז, געבן אַ פּאָר הונדערט גילדן, אָבער דאָס דאָקטאָרל האָט זיך נישט געשעמט צו פֿאַרלאַנגען צוועלף הונדערט גילדן, דאָס איז אַ געוואַלדיקער סכום פֿאַר אַ הויז אויף סמאָטשע, וואָס איז באַוווינט פֿון נײַנציק פּראָצענט אָרעמע-לײַט. אַזויפֿיל געלט האָט מען נישט געקאָנט צונויפֿקלײַבן, און דאָס הויז איז ווײַטער פֿאַרמאַכט. דער דאָקטאָר ברויך עס צום „געשעפֿט", ס'ברויכן עס אויך פֿאַרן זעלביקן צוועק די פּאָליציאַנטן, די שפּריצער, דער סטרוזש און די אַלע, וואָס מאַכן אַ לעבן פֿון יענעמס אומגליק; זיי מוזן ווײַזן דער מאַכט, ווי שטרענג און אָנפּשרותדיק זיי פֿירן דעם קאַמף קעגן שמוץ, קעגן אומריינקייט און אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, כּדי עס זאָל אויף זיי נישט פֿאַלן קיין חשד, ווען זיי לאָזן אַדורך אַ סך אַנדערע הײַזער, וואָס זיי פֿאַרמאַכן בכלל נישט, זיי נעמען דאָרט בלויז לאַ-יחרץ-געלט, אָדער זיי פֿאַרמאַכן זיי יאָ, אָבער נאָר אויף עטלעכע שעה. דאָ, אויף סמאָטשע, לוינט זיך עקשנותדיק צו האַלטן פֿאַרמאַכט דאָס הויז צוויי וואָכן דורכאַנאַנד און אַמאָל אפֿילו דרײַ און פֿיר וואָכן.

אָבער אויך דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דאָס אייגענע הויז אויף סמאָטשע, ליבעצקע, סטאַווקע, צי קראָכמאַלנע קאָן דער דאָקטאָר פֿאַרגינען צו פֿאַרמאַכן אין אַ חודש אַרום ווידער אויף צוויי וואָכן צײַט. די אײַנוווינער זענען אָרעמע, דערשלאָגענע מענטשן — פֿאַר וועמען צו באַקלאָגן זיך איז נישטאָ. צו דער היטלעריסטישער מאַכט וועט מען נישט אײַנשטעלן זיך גיין פֿאַרמסרן אפֿילו די עקלהאַפֿטסטע מיסברויכן, די געמיינסטע עוולות; צו דער ייִדישער מאַכט, צו דער „גמינע"[3] — אוי, זי האָט מען אַזוי פֿײַנט, ערגער ווי אַ פֿרומער ייִד חזיר. אויף די גמינע-לײַט קוקט מען ווי אויף תּקיפֿים, געלט-פּרעסער, מאַרעוויכער, און מנוולים.

מע פֿאַרמאַכט נישט בלויז הײַזער, מע פֿאַרמאַכט אפֿילו גאַנצע צי האַלבע גאַסן, צו צוואַנציק-דרײַסיק הײַזער אויף אַמאָל. אויף ביידע עקן שטעלט מען אַוועק פּלויטן, נעבן די פּלויטן — פּאָליציי, וואָס לאָזט אַרויס די אַרבעט- און האַנדלס-מענטשן אין דער פֿרי צו דער באַשעפֿטיקונג פֿאַר גוט געלט.

[3] צום יודענראַט.

די שכנים אין הויז זיפצן און קרעכצן. די קינדער האַלטן כסדר באַלאַגערט דאָס טויער און פּילן זיך ווי פייגעלעך אין אַ שטייג. ביי יעדעם מאָל אויפמאַכן דאָס טויער גנבענען זיך אַרויס אַ פּאָר קינדער; דער פּאָליציאַנט שילט, זידלט, שרייט, אָבער קעגן יונגוואַרג איז ער אָנמעכטיק.

...באַלד אַ וואָך דאָס טויער פאַרמאַכט, און דאָס בעטגעוואַנט זעט מען אַלץ נאָכנישט צוריק פון דער „פּאַרוּווקע". גאַנץ אומגעריכט געשעט דער נס. אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ פאַרפאָרט פאַרן הויז און וואַרפט אַראָפּ אַ פּאָר צענדליק פּעק בעטגעוואַנט מיט מלבושים און וועש. דאָס בעטגעוואַנט איז באַצייכנט מיטן נומער פון דער וווינונג, די מאַכערס פון הויז רופן אויס די נעמען פון די גליקלעכע, די וואָס האָבן די זכיה צו זען צוריק זייער רעק און זייער קישן, זענען מלא פרייד. גיך טראָגן זיי אַוועק אין שטוב די פּעק און נעמען זיי אויפפּאַקן, אָבער באַלד ווערן זייערע פּנימער פאַרפינצטערט: די נייע, די בעסטע ציכן פון שטוב האָבן גוואַלד־ריסן, אַנדערע זענען פאַרשמירט, פאַרפּעצט מיט אַלטע פלעקן, די מלבושים פאַרברענט, טייל זאַכן פעלן אינגאַנצן פון פּאַק אַרויס. אָבער וואָס קאָן מען דאָ זאָגן, פון וועמען פאָדערן יושר?

די, וואָס זייער בעטגעוואַנט געפינט זיך נאָך אין דער „פּאַרוּווקע", ווינטשן זיך, הלוואי זיי זאָלן נישט ערגער אָפּשניידן. ליידער שניידן זיי טאַקע יאָ ערגער אָפּ. זיי וואַרטן צוויי וואָכן אויפן בעטגעוואַנט מיט די מלבושים, דריי וואָכן, זייער שתדלנים, מאַכערס, גיבן געלט און ווידער געלט און אַלץ איז ווי אין וואַסער אַריין.

די, וואָס שטעלן זיך איין און גייען אַוועק אין דער „פּאַרוּווקע" פאָדערן זייערע זאַכן, קומען צוריק מיט געשפּאָלטענע קעפּ.

אַ יידענע האָט איינער אַ פּאָליציאַנט מכבד געווען מיט אַזאַ פעסטן זעץ איבערן קאָפּ פון זיין גומענער פּאַלקע, אַז זי האָט תיכף פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין און לאַנגע חדשים אַרומגעגאַנגען פאַרמיהשהורהט. אַן אַנדערע האָט געבראַכט אַ בייל אויפן שטערן, אַ דריטע — אַן אויסגעלענקטע האַנט. נאָך אַ חודש וואַרטן האָבן דאָך אַלע צוריקבאַקומען די זאַכן, אָבער זעלטן ווער אין דער פולער צאָל — ביי איינעם האָט געפעלט אַ ביסל, ביי אַן אַנדערן — אַ סך און ביי אַ דריטן — דריי פערטל.

עס איז געווען קשה, ווי די „פּאַרוּווקע־מאַכער לויטן דאָס דורכצופירן אָט אַזעלכע געפערלעכע „פּאַרוּווקעס", סיידן דאָס זענען נאָר געווען פראָבע־„פּאַרוּווקעס" אין איינצלנע הייזער, כדי פאַר זיך אויסצוטרעטן דעם וועג צו גוטער „לאַפּוּווקע", דורכן שם פון קיילער... אַ סברא, אַז דאָס לעצטע איז טאַקע דער ריכטיקער טעם, וואָרעם ווען אין הויז דאַרף אין אַ פּאָר וואָכן אַרום ווידער אַמאָל פאָרקומען אַ „פּאַרוּווקע", באַפאַלט די איינוווינער אַזאַ ווילדע שרעק,



אַז דער דאָקטאָר קאָן שוין ביטן סאַרע סומע געלט אים געפעלט, וועט מען שוין די תחתונים פאַרזעצן, באַדיי זיך אויסצוקויפן.

נאָך דריי וואָכן פאַרשפּאַרט זיין דערוואַרט מען זיך מיט מזל און ברכה — מע מאַכט אויף דאָס טויער.

אַלע אָטעמען אָפּ לייכטער, גייען אַרויס אין גאַס, אָבער אַ שטילקייט, אַ דערשלאָגנקייט זעט זיך אויף יעדנס פּנים. אַזוי שטיל און דערשלאָגן גייען מענטשן, וואָס זייער מענטשלעכע ווירדע ווערט געטרעטן מיט די פיס, וואָס ווייסן, אַז רעכט עקזיסטירט נישט פאַר זיי, אַז זיי שטייען מחוץ דעם געזעץ. די גרויזאַמע „פּאַרוּווקעס" האָבן נישט בלויז רויאינירט דאָס געזונט, גורם געווען הונדערטער און טויזנטער טויט־פאַלן, קראַנקהייטן און געמאַכט מענטשן פאַר קאַליקעס. אויך דאָס איז גענוג שרעקלעך, אָבער דאָס שרעקלעכסטע, וואָס זיי האָבן געבראַכט, איז געווען דער מוראַדיקער יאוש, די אָפּהענגיקייט, די געפאַלנקייט. זיי האָבן נאָך דער דאָזיקער אינקוויזיציע פאַרלוירן דעם חשק צו לעבן, האָבן אויפגעהערט צו גלויבן אין אַ גליקלעכן סוף, אין טריומף פון דער גערעכטיקייט, אינעם ענדגילטיקן זיג פון פרייהייט איבער קנעכטשאַפט און באַרבאַריזם. מע האָט שוין געמוזט האָבן אַ גענוג פעסטן כאַראַקטער, אַ קלאָרן וועלט־בליק, פּאָליטישע אָריענטאַציע, כדי פולשטענדיק פון די דאָזיקע מאַטערנישן נישט צעבראָכן צו ווערן.

די „פּאַרוּווקעס" זענען אין תוך געווען נישט מער ווי אַן אַנדער מין סיסטעם פון פייניקונגען אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דאַכט אין אַן אַנדערער אויפלאַגע.

דעם דאָזיקן חותם האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויף אַלע „פּאַרוּווקע"־עטאַפּן, ווי די סאַניטאַרע קאָנטראָלעס, פאַרמאַכן דאָס טויער, גיין אין באָד, צונעמען און אָפּברענגען דאָס בעטגעוואַנט פון דער „פּאַרגוּווקע" א.א.וו., נישט נאָר די דייטשן. די פּוילישע שפּריצער, באָד־יינגען, פּאָליציאַנטן און סטרוזשעס האָבן אויך דעם אַנטיסעמיטיזם נייטיק געהאַט ווי לופט צו אָטעמען, כדי פאַר זיך אַליין צו באַרעכטיקן זייער רשעות. דערפאַר אָבער האָבן שוין דעם אַנטיסעמיטיזם נישט נייטיק געהאַט די יידישע פּאָליציאַנטן פון געטאָ, די יידישע באָד־יינגען, שפּריצער, די יידישע סטרוזשעס. זיי זענען שוין געקומען צום גרייטן, אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. הינטער זייערע פּלייצעס איז אָפּטמאָל געשטאַנען נאָר איין פּוילישער פּאָליציאַנט, איין איינציקער, וואָס האָט געמאַכט דעם נייטיקן אַריינפיר, די שטימונג, מיט זיין גומענע פּאַלקע... ס'איבעריקע האָבן שוין פאַרענדיקט די יידישע פּאָליציאַנטן, די שמענדריקלעך, שמינטעליגענטן און סתם ווילע יונגען, וואָס האָבן גאַנץ גוט געקאָנט די מלאכה צו שלאָגן פרויען איבער די קעפּ מיט גומענע פּאַלקעס און אומצוגיין זיך מיט חסד מיט יעדן איינעם, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף געשעפט און געגעבן אין יד אַריין...

דער ציניזם פון די דאָזיקע יידישע מנוולים איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ס'האָט שוין נישט געאַרט דער אַנטיסעמיטיזם פון די פּוילישע „פּאַרוווקע"־מאַכער מער פון דער תּקיפות פון דער יידישער פּאָליציי, וועלכע האָט דאָס שוחד־געשעפט דערפירט צו העסלעכער פרעכקייט, צו קאָנסעקווענטן שאַכער־מאַכער. אָן דער מינדסטער בושה האָט מען געפרעגט אין די שטובן: איר ווילט זיך לאָזן קאָסטן אַ פּאָר גילדן? וועט מען בײַ אײַך נישט שפּריצן, נישט פּאַרשוווען, וועט איר נישט גיין אין באָד.

די וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער רײַ אויפן וועג צום באָד, האָט די יידישע פּאָליציי געשלאָגן מכות רצח, אָבער די, וואָס האָבן פּראַנק און פרײַ אין מיטן גאַס געגעבן געלט, האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן אַרויסגעלאָזט פון דער רײַ גיין וווהין זיי ווילן.

אין באָד האָט די יידישע פּאָליציי גענומען באַזונדערס געלט פאַרן אַרונגיין האָס טויער...

ווען מע זאָל וועלן אויסרעכענען בפּרטיות אַלע נבלות, וואָס פּילן אויס די דאָזיקע שרעקלעכע „פּאַרוווקע"־פּראָצעדור, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע קען שוין פון די ערשטע וואָכן נאָך דער מלחמה מיט פּוילן ביז איצט, פאַר ניי־יאָר 1942, דאַן וועט מען מוזן ווידמען אַ באַזונדער גרויס קאַפּיטל דער נעבעכדיקער, מנוולדיקער עקזיסטענץ פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָט מיט ווינציקע אויסנאַמען צו זיך אַוודאי קיין גלײַכן נישט אין קיין שום פּאָליציי אין דער וועלט.

דאָס לעבן אין יעדער מלחמה איז מיאוס און נישט איבערצוטראָגן פאַר מענטשן, וואָס האָבן נישט אָנגעוווירן דעם עטישן צלם־אלקים — נאָר אויב דאָס איז געווען אַזוי תּמיד, און אין אַלע מלחמות האָבן מענטשן אַראָפּגעזונקען אין זייער מאָראַלישן ניוואָ צו דער תּקופה פון מאַלפּעס, איז עס אין דער היטלעריסטישער מלחמה דערפירט געוואָרן ביז צו אַן אומדערהערטער שטופע. מאַלפּע־מאָראַל אין אייגנטלעך אַ צו שוואַכע באַצייכענונג פאַרן דאָזיקן „גייסט"...

(דער סוף פון כתב־יד פעלט)

וואַרשע. געטאָ. דעצעמבער 1941.



# קינדער אויפן ברוק

...[1] נויט וואָלט זיך אפשר געלאָזט פאַרענטפערן, פאַר די טויטע אין די גאַסן וואָלט מען אפשר געקאָנט געפינען אַ תּירוץ: אַן איבערקערעניש, אַ מגפה, אַ שריפה צי אַן אַנדערער חורבן, אָבער די קינדער אויפן ברוק — דאָס איז דער שוואַרצער פלעק פון מלחמה.

ווען עמעץ זאָל קומען מעבר לים און צוזען, ווי מיר לעבן דאָ, וואָלט ער אָן ספק דערשיטערט געוואָרן, אָבער ווען ער וואָלט זיך אָנגעזען די גרויליקע בילדער פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער אין די גאַסן — וואָלט ער שטום געוואָרן פאַר שרעק.

קינדער אויפן ברוק איז אַן אויסטערלישע טראַגעדיע, עס איז מער ווי האַרצרײַסנד, עס איז עפּעס אַזויגס, וואָס רירט דעם מוח, מע פאַרמאַכט די אויגן פון שווינדער, מ'איז עס גאָרנישט מסוגל איבערצוטראָגן, עס דערגרייכט צו אונדזער אינטימסטן אָרט, צו אונדזער דם התמצית, צו אונדזער מאַרך, צו אונדזער טבע.

פון אייביק אָן זענען קינדער געווען עפּעס אַ הייליקע זאַך פאַרן מענטש; פאַרן קינד האָט מען נישט בלויז געהאַט ליבשאַפט, נאָר אויך פּיעטעט. דער נאָכוווקס האָט אין זיך געהיימניספול־שײַנס, אַ שטראַל פון אַן אומבאַקאַנטן מאָרגן, דעם טוי און די צאַרטקייט פון אַ לעבן־בליונג און דעם צויבער פון אַ מיסטעריע.

ווען מע זעט קינדער שטאַרבנדיקע אין די ראָגעס פון הונגער — ווערט מען פאַרשעמט: אַזאַ שפלות, אַזאַ געזונקענקייט פון מענטשלעכע מידות קאָן ברענגען מיט זיך נאָר אַזאַ קאַטאַקליזם ווי מלחמה, די גרעסטע טראַגעדיע, די מיאוסטע פון אַלע מענטשלעכע חרפּות. עס וועט פאַרשריבן ווערן אין דער מענטשלעכער געשיכטע מיט שוואַרץ בלוט אויף ווײַס פּאַפּיר: „מולך־נאַצי האָט

[1] דער אָנהייב פון כתב־יד איז נישטאָ. דעם רעפּאָרטאַזש דרוקן מיר אין אַ געקירצטער פאָרם.

געפּרעסן קינדער, געטרונקען זייער בלוט"; נאַצי בשנת 1941 האָט מאַסנווייז אויסגעשאָכטן יידישע קינדער. צו קיין גרעסערע אַכזריות האָבן קאַניבאַלן זיך אויך נישט דערשלאָגן. זאָל עס בלייבן דער נאַציס קראַנקער רום.

* * *

עס האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין סעפּטעמבער 1939. באָמבעס פון דייטשישע אַעראָפּלאַנען, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן נישט אָן אויסרעכענונג אין געדיכט־באַוווינטע אָרעמע יידישע געסלעך, וואָס האָבן פון מיליטערישן קוק קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט, האָבן דערהרגעט טויזנטער יידישע מאַמע־מאַמעס........ [2] קינדער, צעהושטע, דערשראָקענע, צעטראַמפּעטע, אַריינגעוואָרפענע אין פאַרעיפּושטע שוץ־קעלערס; זייערע אייגעלעך זענען געווען אויפגעריסן און גרויס; זיי האָבן געקוקט און נישט פאַרשטאַנען, געזוכט אין פיבער די מאַמעס און אויסגעשטרעקט די הענטלעך ווי הונגעריקע לעמער נאָך א טרונק, נאָך א ביסן.

נאָכדעם האָט דאָ די מלחמה אויפגעהערט, די קעלער־באַהעלטענישן זענען געוואָרן געעפנט און מ'האָט די קינדער אַרויסגעלאָזן אויף דער „פריי“... אויף גאָטס באַראָט: געכטיקן אין די הויפן, אויף די טרעפּן פון די הייזער, אין די גאַסן, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער הונגער־מאַרש פון יידישן מלחמה־קינד.

ווו מע גייט און ווו מע שטייט, זעט מען זיי, די הונגעריקע הפקר־קינדער מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך בעטן:

— „האַרציקע יידן, האָט מיטלייד מיט מיר, ס'הונגערט מיך!“

ווען מע גייט אַדורך און מ'הערט דאָס מיושבדיקע לשון פון די קינדער, דעם געזעצטן טאָן, די אַלטע רייד, מע זעט זייערע תנועות און העוויות, ווייס מען נישט, וואָס מע זאָל פריער טאָן: צי באַוווּנדערן דעם כוח פון דער נויט, וואָס מאַכט פון קינדער זקנים, צי די חכמה פון די קינדער, וואָס זענען נאָך אַליין קיין מבינים נישט אויף זייער קלוגשאַפט, זייער טוגנטלעכקייט און זייער גבורה אין דער פינצטערער מלחמה פאַרן שטיקל ברויט.

— אַ קר־ר־י־ש־קעלע ב־ר־ר־ויט! אַ זש־אַ־ר־ק־עלע ב־ר־ר־ויט! — אַ סקורקעלע!

אין היץ און שטויב, אין רעגן און קעלט, אין שנייען און ווינטן שטייען זיי, די קינדער...... בעטן, בעטן......

[2] די פּינטעלעך דאָ און ווייטער באַדייטן, אַז דער דאָזיקער פּאַסוס אָדער ווערטער זענען אינעם כתב־יד פאַרריבן אָדער לחלוטין נישט לייענבאַר.



פונוואַנען נעמט זיך צו פּיצעלעך קינדער פון זעקס־אַכט יאָר אַזאַ זעלטענע גבורה, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די הערצלעך פון די דאָזיקע קליינע יידעלעך, וואָס זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין אַזאַ פרעמדער, ווייטער נישט קינדערשער וועלט, אין אַזאַ מיושבדיקער וועלט, וווּ קיין שמייכל, קיין שטיף, קיין שפּיל איז גאָרנישט בנמצא, נאָר הוילער טונקעלער ערנסט, ווי כמורנע וואָלקנס, וואָס פאַרדעקן זייערע פּנימלעך נישט אַרויסצוזען מער קיין איין קינדערשן שטריך?

אין די נאַסע ווינטערדיקע נאָוועמבער־טעג שטייען זיי אונטער רעגן, שניי און האָגל, קאָרטשען און טרייסלען זיך פון קעלט; זייערע...... ינגע...... לידער, זייערע........ די פאַרמעט־הויט פון זייערע פּנימלעך — יאָגן אָן די אימה פון טויט, אָבער יידן גייען אַדורך און מאַכן זיך נישט וויסנדיק: וואָס זאָל מען טאָן, ער האָט דאָך אייגענע קינדער אין די שטובן, וואָס הונגערן! זאָל זאָרגן דער כלל, די קהילה, די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס!

דער כלל. דער כלל, דער קראַנקער, מאָראַליש אַטראָפּירטער און טויבער ציבור, וואָס מיט דער מלחמה זענען זיינע כלל־אינטערעסן געבליבן שטיין אויף דער שוועל פון זיין אייגענער דירה; יעדנס כלל־פאַראינטערעסירונג האָט זיך פאַרענדיקט אין די פיר ווינקלען פון זיין היים, אין דער זאָרג וועגן אייגענעם חומר; ער מוז נעמען, שלעפּן פונוואַנען עס לאָזט זיך. אָפּט..... פון.....געריקע קינדער גופא.....אַליין צו בלייבן.

פון וועמען באַשטייט די קהלה?[3] פון יחידים, פון פּיפּיקע יחידים, וואָס ווייסן גוט, אַז עס טויג נישט צו זיין הונגעריק, נאָר זיי ווייסן עס קודם כל פאַר זיך, פאַרן אייגענעם......הויז־געזינד, און אַ הויז־געזינד אין דער...... די זאָרג פאַר אים — איז שוין גלייכבאַדייטנד מיט דער זאָרג פאַר אַ כלל......

עס איז די טראַגעדיע פון די פּוילישע יידן, וואָס די מלחמה האָט זיי אָנגעטראָפן אַזוי נישט צוגעגרייט, נישט אָרגאַניזירט, נישט דערוואַקסן צו דער ראָל פון דער צייט. יידן — אַ גרויסע עדה יידן, וואָס איז צעטיילט אין אַ סך טויזנטער עדהלעך. יעדער ייד — אַן עדה און סטאָפּ!

וואָס האָבן פּוילישע יידן אָרגאַניזירטערהייט נישט (אַלץ) געקאָנט אויפטאָן? וואָס האָט מען נישט געקאָנט אויפטאָן אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע?

מע האָט געקאָנט באַזאָרגן מיט שפּייז אויף לאַנגע חדשים, אויב נישט טאָקע אויף יאָרן, צענדליקער טויזנטער יידן; מע האָט געקאָנט באַשיצן און באַקליידן צענדליקער טויזנטער נשרפים, נאַקעטע, באָרוועסע, אָבער מע האָט עס נישט געטאָן. מ'האָט אַלץ געהאָפט, ס'הייסט יעדער בעל־יכולת האָט געהאָפט ביי זיך אין האַרץ, אַז אפשר, אפשר וועט אים געלינגען צו דערהאַלטן, אויסצובאַ־

[3] דער יודענראַט.

האַלטן זיין אָנגעקליבן פאַרמעגן, זייגע זאַפּאַסן שפּייז, מלבושים, וועש — אַזוי לאַנג, ביז ס'איז געקומען דער דייטש, אָנגעוויזן פון אייגענע צי פרעמדע מוסרים, און האָט צוגענומען ביז אַ דרים, ביזן לעצטן לויט שפּייז.....געלאָדעוועט אויף...... לאַסט-אויטאָס, און עס אַוועקגעפירט אין אויסגעהונגערטן רייך........

וויפיל צענדליקער טויזנטער יתומים און פאַרוואָרלאָזטע קינדער וואָלט מען געקאָנט פאַרזאָרגן אויף אַ שטיק מלחמה-צייט מיט דעם דאָזיקן צוגערויבטן יידישן פאַרמעגן? ווו איז געווען די יידישע חכמה, די באַרימטע יידישע וויטזעוודיקייט, וואָס האָט נאָך דער לעקציע אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין טשעכיי נאָך אַלץ צומאָל נישט פאַרשטאַנען, וואָס אונדז דערוואַרט אונטער אַ היטלעריסטישן אָקופּאַציע-רעזשים, און אַזוי בידים דערלאָזט, אַז אַלץ זאָל גיין לאַבוד, מע זאָל ווערן אויסראַבירט, אויסגעלייִדיקט ווי אַ חמצדיק חדר אין אסרו-חג?

טויזנטער יידישע קינדער וואַלגערן זיך אַרום אין די גאַסן אָן אַ היים, אָן אַ לעפל געקעכטס, אָן אַ העמדל און אַ שיכל; טויזנטער יידישע קינדער — אַ גאַנצער לעגיאָן...

וואָס פאַר אַ קללה ליגט אויף דער דאָזיקער וואַרשעווער קהלה, וואָס איז אַזוי שווער-לייביק אין אירע באַוועגונגען, אַזוי אָן איניציאַטיוו, אַזוי בלינד צו אַלע סימנים פון דער צייט און אַלע אויערן-לעכערנדיקע געשרייען פון טאָג.

פאַרוואָס האָט נישט די דאָזיקע קהלה איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אָנגענומען מיט כח און אָפּגעטאָן פון זיך די דאָזיקע פּרעכע שאַנד פון די טויזנטער הונגעריקע קינדער אין די גאַסן?

ווי קאָנען עס יידן, טאַטעס פון קינדער, אַרויסגיין אין דער פרי אין גאַס, ווו זיי געפינען ליגן אויף די טראָטואַרן טויטע קינדער, פאַרדעקטע מיט בויגנס פּראָסט פּאַק-פּאַפּיר, פון אונטער וועלכע........ פאַרשטייגטע קינדערשע פיסלעך, — ווי קאָנען עס די דאָזיקע יידן אַהיימגיין אין שטוב אַריין און זעצן זיך אָנבייסן, זאָל זיין אַפילו איין כזית ברויט, ווייסנדיק, אַז די חרפה פון הונגעריקן קינד איז נישט אָפּגעטאָן פון זייער און פון אונדזער אַלעמענס קעפּ?

די דערוואַקסענע — ווי די דערוואַקסענע; פאַרפאַלן! עס שטאַרבן זיבן טויזנט יידן אַ חודש אין געטאָ — איז טאַקע ביטער, עס איז אויך אונטערגאַנג, אָבער קינדער — צען צי פופצן טויזנט קינדער אויף אַן עדה פון אַ האַלבן מיליאָן יידן, איז דאָך נישט קיין סך, מע האָט דאָך זיי געקאָנט באַזאָרגן און פאַרזאָרגן!

וואָלט דען געווען אַן אָכעניש צום יידישן בעקער, וואָס פאַרדינט פינף-זעקס טויזנט גילדן אַ וואָך ביים באָנע-ברויט, ווען ער וואָלט טאָגטעגלעך אָראָפּגעגעבן אַ צאָל ברייטלעך פאַרן הונגעריקן יידישן קינד?.......... די לעבנסמיטל-קראָמען, וואָס ז.......בן אין דער מלחמה, די האָלץ- און קוילן-סוחרים, וואָס ווערן נתעשר,



די שמוגלער, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיטן אָנגעקליבענעם געלט, — נישט געקאָנט אַראָפּגעבן זייער אַן אָנזעעוודיקן מעשר צו פאַרזאָרגן דאָס הונגעריקע יידישע קינד?

אַן ערך דריי טויזנט קינדער בעטלען אין די גאַסן, ווייטערע צען טויזנט, האַלבע צי גאַנצע יתומים, זענען הפקר, און נאָך אַנדערע צוואַנציק טויזנט קינדער קלאַפּן אָפּ די טירן פון די פאָלקס-קיכן און קינדער-היימען, זיי זאָלן באַקומען דאָרטן כאָטש דאָס בידנע ביסל עסן; אָבער די אַלע ציפערן זענען באַוועגלעכע, וואָרעם די שטערבלעכקייט צוליבן הונגער און די מגפות איז אַ מוראדיקע. זי וואַקסט כסדר, און קיינער ווייס נישט היינט, ווי גרויס עס וועט זיין די צאָל געשטאָרבענע אין קומענדיקן חודש. שטאַרבט אַ פאַרוואָרלאָזט קינד איז וויל אים. שטאַרבן אָבער די עלטערן — קומען צו ווייטערע פאַרוואָרלאָזטע קינדער. אַזוי אַרום ווערט דאָס קינדער-פּראָבלעם די וויכטיקסטע פראַגע פון טאָג אין געטאָ, מע קאָן זאָגן: די צענטראַלע פראַגע פון יידישן קיום אין געטאָ. אָבער וואָס ווערט געטאָן די דאָזיקע ברענענדיקע פראַגע צו פאַרענטפערן?

„צענטאָס“ האָט עפּעס געשאַפן אַ „צענטראַלן פּאַטראָנאַט איבער די קינדער פון גאַס“, האָט געשאַפן צענדליקער קינדער-אינסטיטוציעס פון פאַרשידענע טיפּן: אינטערנאַטן, האַלב-אינטערנאַטן, היימען א. א. אָבער פון די אַלע אינסטיטוציעס זענען באמת ראוי צו דעם נאָמען נאָר די אינטערנאַטן (14 אין צאָל), אין וועלכע עס געפינען זיך העכער צוויי טויזנט קינדער. דאָ ווערן די קינדער אויסגעהאַלטן מיט עסן, שלאָפן און הלבשה; אין די איבעריקע אינסטיטוציעס קריגן זיי בלויז דאָס ביסל מלחמה-עסן, העכסטנס פאַרברענגען זיי דאָרט אַ פּאָר שעה אין טאָג, נאָכדעם מוזן זיי אַהיימגיין, אין די קאַלטע שטובן — אויב זיי האָבן אַזוינע, און אויב נישט — איז אין גאַס.

אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע קינדער, וואָס קומען אָן אין די אינסטיטוציעס, האָבן שוין אין זיך היבשע סימנים פון שווינדזוכט, אַ טייל — פון פאַרשידענע אַנדערע קראַנקהייטן, און אין געוויסע פאַלן אַפילו שקאָרבוט — אָט די שרעקלעכע הונגער-קראַנקהייט, פון וועלכער עס האָבן געוווסט נאָר די צו אייביקער תפיסה פאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן פון דער שליסלבורגער פעסטונג אין צאַרישן רוסלאַנד.

שקאָרבוט — שקאָרבוט!

אָבער צי איז די שרעקלעכע סצענע אויף סמאָטשע, ווו אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף זיצט אויף אַ שטול אויפן טראָטואַר, זיצט האַלב אָנגעלענט, ווייל זיצן גלייך קאָן ער נישט, מחמת דאָס ברייט צעקנעפּלטע העמדל ווייזט, אַז ער איז געשוואָלן ביז איבערן נאָפּל, און פון אויפגעשפּאָלטענעם קראָק זעט זיך אַרויס דער אָנגעשוואָלענער כיס..... צי איז דאָס דאָזיקע פיינלעכע בילד בעסער פון שקאָרבוט?

צי איז דאָס בילד פֿונעם מיידל אויף נאַוואָליפּיע, וואָס זיצט און קלייבט פֿון זיך אַראָפּ די לייז און לייגט זיי מיט פֿאַרביסענער, טעמפּער, אידיאָטישער רואיקייט אין מויל אַריין, — ווייניקער שרעקלעך ווי שקאָרבוט?

און, ענדלעך, צי זענען די באָרוועסע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדער אויף דער „וואָלוווקע" אין די רעגנדיקע, שנייאיקע, ווינטיקע נאָוועמבער=טעג, וואָס ליגן איינס אויפֿן רוקן פֿון אַנדערן, כּדי זיך אַזוי אַרום אָנצוּוואַרעמען, און בעטלען דערביי, שטאַמלענדיק פֿון אויפֿטרייסלענדיקער דורכנעמענדיקער קעלט — בעסער פֿאַר שקאָרבוט?

וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָבן די פֿיר הונדערט פּאָרציעס ברויט מיט קאַווע, צי טאַקע קאַווע אָן ברויט, וואָס די „געסלעך=אַקציע" פֿון „צענטאָס" האָט געגעבן פֿאַר די הונדערט טויזנט בעטלענדיקע קינדער פֿון גאַס?

וואָס פֿאַר אַ באַטרעף האָט דאָס ביסל היילזלעך און וועש, וואָס די נאָר וואָס געענדיקטע וועש=שניידעריי פֿון „צענטאָס" האָט באַוויזן צו געבן פֿאַר די פֿיל טויזנטער און צענער טויזנטער האַלב צי גאַנץ נאַקעטע קינדער?

יעדן טאָג געפֿינט מען אונטערגעוואָרפֿענע קינדער. מע קאָן זיין זיכער, אַז די מאַמעס מוזן האָס נישט אויס לייכטזין; מע קאָן זיין זיכער, אַז דאָס האַרץ ווערט ביי זיי צעשניטן ביים אָוועקגעבן זיך פֿון די עופֿהלעך, וואָס זיי לאָזן איבער ערגעץ אויף די שטיגן אין טונקעלן קאָרידאָר פֿון „צענטאָס" צי פֿון דער קהלה, צי ענדלעך אין גאַס. די קהלה האַלט אויס בשותּפֿות מיט „צענטאָס" אַן אַנשטאַלט פֿאַר אונטערגעוואָרפֿענע קינדער, אָבער זייער צאָל האַלט כּסדר אין איינשטייגן, און די אינסטיטוציע ווערט וואָס אַמאָל ענגער און איבערפֿולטער. דער ווינטער, וואָס האָט היי=יאָר פֿרי זיך איינגעשטעלט און זאָגט קיין גוטס נישט אָן, וועט די מאַמעס נאָך מער טרייבן צום דאָזיקן פֿאַרצווייפֿלטן שריט; זיי וועלן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און פֿאַרשלאָסענע הערצער פֿון זיך אַוועקוואַרפֿן און אונטערוואַרפֿן זייערע קינדער — און וואָס וועט ווייטער זיין? מע וועט ווייטער אויפֿשטיין אין דער פֿרי, אַרויסגיין אין גאַס און געפֿינען ליגן אויף די טראָטואַרן די טויטע קינדער מיט פֿאַרגליווערטע פֿרעג=צייכנס אויף די פּנימלעך: פֿאַרוואָס?...

קאָן אַ כּלל אַזוי מורהדיק גלייכגילטיק זיך צוקוקן צו זיין אייגענעם אונטערגאַנג, צו דער פֿאַרשניידונג פֿון זיין נאָכוווקס!

מע האָט געדאַרפֿט זען, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿרייד די קינדער עסן דאָס ביסל קאַשע אין די פֿאָלקס=קיכן, ווער שמועסט נאָך אַ שטיקעלע ברויט מיט „מאַרמעלאַד", כּדי צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ ווערט עס האָט די מי צו פֿאַרזאָרגן די הונגעריקע קינדער מיטן אָרעמען ביסל עסן.

ווען אַ דערוואַקסענער עסט אַ שטיקל ברויט צו שטילן דעם הונגער, דערקענט מען אין אים נישט קיין באַזונדערע איבערלעבעניש, ווען אָבער דאָס אייגענע געשעט מיט אַ קינד — איז עס פֿאַר אים מער ווי עסן אַ שטיקל ברויט, עס איז



פֿאַר אים אַ געשעעניש, עס איז אַ קוואַל פֿון קינדער=פֿרייד, פֿון שפּיל, פֿון שטיפֿעריי. אַ קינד פֿאַרוואַנדלט אַלץ אין שפּיל. ווען עס קומט זיך צונויף מיט זיינס גלייכן אין די פֿאָלקס=קיכן אָדער קינדער=היים איז עס פֿאַר אים אַ שטיק יום=טוב.

לאָמיר אויף אַ ווייל ביטן דעם טאָן און איבערגיין צום טרוקענעם נוסח פֿון סטאַטיסטיק.

לויטן אָפֿיציעלן „צענטאָס"=באַריכט זענען צום ערשטן סעפּטעמבער 1941 פֿאַראַן געווען אין געטאָ 26 פֿאָלקס=קיכן און 9 קינדער=היימען, צוזאַמען 35 אינסטיטוציעס, אין וועלכע עס האָבן געגעסן 29.518 קינדער. דאָ ווערן, נאַטירלעך, נישט אַריינגערעכנט די קינדער פֿון די אינטערנאַטן, האַלב=אינטערנאַטן, וואַרעמשטובן אָדער האַלב=קאָלאָניעס (אין זומער). אַרום און אַרום האָבן אין דער דערמאָנטער צייט געגעסן פֿון דער „צענטאָס"=הילף אין די אינסטיטוציעס מיט פֿאַרשידענע נעמען און לויט פֿאַרשידענע טיפּן — 44,941 קינדער און ווייטערע 4,391 קינדער פֿון די א. ג. הויז=ווינקלען.

צום 1=טן סעפּטעמבער ה. י. זענען אין געטאָ געווען 164 הויז=ווינקלען, מיט וועלכע עס האָט אָנגעפֿירט די יוגנט פֿון די הייזער.[4] די הויז=ווינקלען באַשטייען פֿון די קינדער פֿון הויז, וועלכע ווערן באַזאָרגט מיט אַ ביסל עסן פֿון די פֿאָלקס=קיכן, און דאָ, ווו די אָרגאַניזאַציע איז אַ בעסערע, — אויך מיט אָנבייסנס און אָנבט=ברויט, אויב דער יוגנט=קאָמיטעט פֿון הויז האָט גענוג איניציאַטיוו צו זאַמלען די דערויף נויטיקע פֿאָנדן.

די אידעע פֿון די הויז=ווינקלען איז געווען זייער אַ גוטע און געזונטע; מע האָט די הויז=ווינקלען געקאָנט פֿאַרוואַנדלען אין אמתע היימען פֿאַר די קינדער. דאָרט האָבן זיי געקאָנט באַקומען נישט נאָר אַ לעפֿל געקעכטס, נאָר אויך אַלץ, אין וואָס אַ קינד נייטיקט זיך. די יוגנט פֿון די הייזער האָט זיך מיט די קינדער אָפּגעגעבן בלב ונפֿש. אין דער ערשטער צייט האָט דער דאָזיקער גוטער איינפֿאַל אַרויסגערופֿן ממש אַ באַגייסטערונג, באַזונדערס אין די אָרעמע געסלעך. יונגע מיידלעך און בחורים פֿלעגן די קינדער אויסמושטירן און מיט זיי אַוועקשפּאַצירן אויפֿן פּלאַץ אויף גענשע (די היינטיקע „וואָלוווקע") און דאָרט מיט זיי מאַכן גימנאַסטיק, זינגען, שפּילן און טאַנצן. די עלטערע קינדער האָט מען דערציילט מעשהלעך און אַפֿילו זיי געהאָלפֿן מאַכן אַ לעקציע. (די שולן זענען דאָך נאָך ביז היינט נישט מעטיק).

פֿאַר די קינדער פֿון הויז זענען די „ווינקלען" געווען אַן אומדערשעפּלעכער קוואַל פֿון פֿרייד, לעבנס=לוסט, ענערגיע, צום טייל אַפֿילו אַ שול פֿאַר אַנטוויקלען דעם קאָלעקטיוון, געזעלשאַפֿטלעכן חוש, וואָרעם אָפֿט האָבן די קינדער גופֿא

[4] די קינדער=ווינקלען זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די יענע הויז=קאָמיטעטן, וואָס אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען פֿאָלקישע, דעמאָקראַטישע עלעמענטן.

געפירט די זאַמל=אַקציע פאַר זיך. אין די אָרעמע יידישע גאַסן פלעגן, למשל, די קינדער צונויפזאַמלען די שאָלעכץ פון קאַרטאָפל און אַלטע פלאַשן און זיי פאַרקויפן, און דאָס געלט אָפּגעבן פאַר די „ווינקלען". די „ווינקלען" פלעגן אויך איינאָרדנען פאַרווײַלונגען און אָוונטן אין די הייזער, און דאָס האָט זיי אויף עטלעכע שעה געמאַכט פאַרגעסן אין די זיפצן פון די עלטערן און אין אַלע מלחמה=[צרות]...

צווישן די קינדער=קרבנות פון דער שרעקלעכער מלחמה איז פאַראַן אַ באַזונדערער מין, וואָס מע טאָר נישט פאַרשווײַגן, רעדנדיק וועגן די קינדער אויפן ברוק: דאָס זענען די קינדער פון די „אָבאָזניקעס", דאָס מיינט: קינדער פון די טאַטעס, וואָס זענען געגאַנגען אויף צוואַנגס=אַרבעט.

די איבערלעבענישן פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער צוואַנגס=אַרבעט, שטעלט מיט זיך פאָר אַזאַ טראַגיש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידישע מלחמה=לײַדן, אַז עס איז כּדאַי וועגן דעם באַזונדער צו שרײַבן און טאַקע גאַנץ באַריכות אויפן יסוד פון צונויפגעקליבענעם און קאָנטראָלירטן מאַטעריאַל. אָבער אין עטלעכע ווערטער מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער אופן וויאַזוי יידן זענען אין דער מלחמה געשיקט געוואָרן צו די דײַטשן אויף צוואַנגס=אַרבעט, שיידט זיך מיט גאָרנישט נישט אונטער פון דער טרויעריק באַרימטער תקופה פון די „כאַפּערס" אין רוסלאַנד אין דער צײַט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וואָס עס האָט אַזוי געשילדערט יהודה שטיינבערג אין זײַן „בימים ההם".[5]

וואָס פאַר אַ ראָל עס האָבן דאָ געשפּילט די לעפּל=לײַט פון דער קהלה, די קאָרומפּירטע באַאַמטע, וואָס האָבן געקאָנט באַפרײַען יעדן איינעם, ווער עס האָט נאָר געגעבן גוט געלט, און געשיקט אין די צוואַנג=מדבריות בלויז יענע, וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט, — וועט נאָך אַמאָל אויפגעדעקט ווערן אין העלסטן ליכט.

עס וועט אויך נישט קאָנען פאַרשוויגן ווערן די טרויעריקע ראָל פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס פלעגט קומען בײַנאַכט אין די שטובן און אַרויסנעמען די שלאָפנדיקע פון די בעטן, סיידן — ווען מע האָט זיי בשותפות מיט די פּוילישע פּאָליציאַנטן געגעבן דעם ריכטיקן מתנת=יד, האָבן זיי די שלאָפנדיקע נישט געפונען אין דער היים... און זענען אַוועק מיט גאָרנישט.

אָבער די יעניקע, וואָס זיי האָבן יאָ מיט זיך מיטגענומען, זענען אָפט געווען הויל=נאַקעט, אָן אַ פּרוטה אין טאַש, און שוין צום ערשטן אָנבײַסן האָבן זייערע ווײַבער נישט געוווּסט וואָס צו פאַרקויפן פון שטוב אַרויס, כּדי צו קאָנען געבן זייערע קינדער דאָס שטיקעלע ראַזאָווע ברויט. פאַרן אַוועקגיין אויף צוואַנגס=אַר=

[5] אויך אַלעקסאַנדער הערצען שילדערט אין זײַנע זכרונות „בילאָע אי דומי" דעם טראַגישן גורל פון די יידישע קינדער, די א. ג. „קאַנטאָניסטן" אונטער ניקאָלײַ דעם ערשטן.



בעט פלעגן די דאָזיקע יידן גאַנץ נישקשהדיק צוהונגערן, און אַלץ, פון וואָס מע האָט נאָר געקאָנט מאַכן אַ גראָשן, איז שוין געווען פאַרקויפט. די ווײַבער האָבן זיך תּיכף פאַרלוירן, באַזונדערס די יעניקע, וואָס זענען געבליבן מיט צוויי=דרײַ קליינע קינדער און פיל אויך מיט קינדער אין וועג...

די לעצטע, די מעוברתע פרויען זענען געוואָרן וואַנזיניק פון פאַרצווייפלונג; זיי האָבן געפּרוּווט לויפן אין דער קהלה, צום „דזשוינט", צו די הויז=קאָמיטעטן, אָבער דאָס האָט זעלטן ווען געהאָלפן. לכל היותר האָט מען זיי אָפּגעפּטרט מיט עטלעכע צענדליק גילדן, וואָס האָבן געקאָנט קלעקן אויף אַ שטיקל שוואַרץ ברויט פון ערגסטן מין אויף אַ צוויי=דרײַ טאָג.

וואָס איז זיי געבליבן צו טאָן? אונטערוואַרפן די קינדער, צי זיי אַוועקוואַרפן? הייסן גיין בעטלען? זיי האָבן אַלע אופנים געפּרוּווט. עס ווענדט זיך ווער. עס זענען דאָך געבליבן פיל פון די דאָזיקע לעבעדיקע יתומים, וואָס זענען פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאַן האָט זיך אין זיי דערמאָנט „צענטאָס" און גענומען זיי צונויפזאַמלען אין באַזונדערע ערטער, אָפּטמאָל צוזאַמען מיט די פּליטים=קינדער, אָט די געהאַרטעוועטע קליינע יידעלעך, וואָס האָבן דורכגעמאַכט שבעה מדורי גיהנום, וואַנדערנדיק צוזאַמען מיט די עלטערן אין ווינטער, אין די גרעסטע פרעסט פון זייערע שטעטלעך, פונוואַנען זיי זענען געוואָרן פאַרטריבן קיין וואַרשע.

צו די דאָזיקע אויסגעפּרוּווטע קינדער אין דער נויט האָט מען, נאַטירלעך, געהאַט אַן אַנדערע באַציִונג, ווי צו די היימישע, וואַרשעווער, שוין דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין די „פּונקטן", יענע באַרימטע פּונקטן פון די פּליטים אין די ריזיקע הײַזער אויף דזשיקע (פון נומער 1 ביז 19), גיזשע, סטאַווקע אאַ. וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די ערגסטע נעסטן פון אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן.

די פּליטים=קינדער אין די דאָזיקע פּונקטן האָבן בלויז געדאַרפט צונויפגעקליבן ווערן אין באַזונדערע צימערן אַרײַן, און שוין האָבן זיי געהאַט זייער „היים", וווּ זיי האָבן געקריגן גראָד ווי די דערוואַקסענע דאָס מאָגערע ביסל זופּ, מיטן שטיקל שוואַרץ ברויט, מיט שוואַרצע קאַווע אָפּגעזיסט מיט סאַכאַרין.

צו אָט די דאָזיקע פּליטים=קינדער האָט מען איצט צוגעטיילט אויך די קינדער פון די טאַטעס, וואָס זענען אַוועק אין די צוואַנגס=לאַגערן.

אָבער אויך צום דאָזיקן חסד האָבן נישט אַלע ווײַבער פון די „אָבאָזניקעס" געקאָנט דערגרייכן. און ווען איר גייט אַרויס אין גאַס און זעט יונגע פרויען מיט פאַרוויינטע אויגן, שטיין אויף בעטלען מיט קינדער אויף די הענט מיט אַזוינע רירנדיקע, האַרצרײַסנדיקע רייד, טאָ זייט וויסן, אַז דאָס זענען ווײַבער, וואָס זייערע מאַנען געפינען זיך שוין זייט לאַנגע חדשים אין די צוואַנגס=לאַגערן, און אויב זיי ווילן שוין דערלעבן דאָס גרויסע גליק צו דערזען זייערע מענער צוריק

אין דער היים, וועלן זיי פריער דארפן אָנגרייטן זאלבן מיט באנדאזשן צו פאַרבינדן זיי זייערע געשוואָלענע, אייטערדיקע פיס פון דער ארבעט ביז איבער די קני אין וואַסערן און זומפּן.

איצט איז דאָס נאָכגעיאָגט געשען, שטייען זיי און בעטלען אין די גאַסן אין נאָמען פון זייערע קינדער.

דאָס קינד איז דאָ אַ שילד, אָבער אַ ריכטיקע שילד. עס זענען אָבער פאַראַן פיל פאַלן, ווען דאָס קינד, אָט דאָס עלנטע הילפלאָזע באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך נישט ווערן און לאָזט מיט זיך טאָן אַלץ, וואָס די דערוואַקסענע מנוולים ווילן, איז נישט מער ווי אַ פאַלשע שילד, אַ דעק־מאַנטל פאַר שנאָרערישע, פאַרברעכערישע געליסטן.

אויב מענדעלע מוכר ספרים האָט אין זיין „פישקע דעם קרומען" שוין אין שלום־צייטן אנטדעקט און דעמאַסקירט די דאָזיקע הענדלער מיט קינדערישע פרייהייט, האָט מען דעם אטענטאט אויף די רעכט פון קינד אין מלחמה־צייט אַזוי ווייט געבראַכט, אַז טויזנטער קינדער זענען געוואָרן ווי די שפּיל־באַלעמס אין די הענט פון אויסוואורפן, אָפטמאָל אייגענע מאַמעס, וואָס האָבן זיי פאַרמאַטערט צום טויט, שטייענדיק מיט זיי פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אין די גרעסטע היצן און בעטלענדיק אונטער זייער פירמע.

דאָס דאָזיקע ליידנס־קאַפּיטל פון פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד איז אפשר דאָס טראַגישסטע, ווייל דאָ איז קיינער נישט געווען, וואָס זאָל זיך פאַראינטערעסירן און אָננעמען פאַרן גורל פון די דאָזיקע קינדער־שקלאַפן, פיצלעך־קינדער, וואָס האָבן נאָך לויטן הערשנדן אָנגענומענעם רעכט קיין „רעכט" נישט...

מיר קומען דאָ צו אַ פּונקט פון געזעלשאַפטלעכער מאָראַל אין מלחמה־צייט, וואָס גיט אַ ברייט פעלד פאַר פאָרשער פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, פונעם ווינקל פון די קרימינעלע פאַרברעכנס און אַנדערע דערשיינונגען פון דעגענערירטן מין.

אָבער מיר ווילן בלויז פאַרצייכענען, אַז דאָס קינד, דאָס אָרעמע, פאַרוואָרלאָזטע קינד, איז געוואָרן דער קרבן, אויף וועמען עס האָבן אין מלחמה־צייט געטשאַטעוועט כלערליי אַפּעריסטן.

ווען דאָס אָרעמע קינד האָט געטראָגן אין הענטל אַ שטיקל ברויט, האָט שוין צו אים געטראָפן דער „כאַפּער" און עס ביי אים אויסגעריסן; ווען דאָס אָרעמע קינד האָט אויף די פיסלעך נאָך געהאַט אַ פּאָר לייטישע שיכלעך, נאָך געטראָגן אַ מער־ווייניק לייטיש פאַלטנדל — האָט עס שוין באַמערקט די גוטע מומע מיט די מכשפהשע הונגעריק־דרינגענדע אויגן, און זי האָט שוין אָנגעווענדעט אַזויגע תחבולות, אַז זי זאָל אויף אַ שווינדלערישן אופן אַראָפּציען פונעם קינד זיינע מלבושימלעך.



קינצן, פאָרטלען, גנבהשע איינפאַלן פעלן די דאָזיקע לייט קיינמאָל נישט, בפרט אַזאַ אַלטע מומע צי באָבע מיט זיסע ריידעלעך.

אָט דערזעט אַזאַ אַלטע מומע מיט אויגן פון אַ סאָווע אַ ייִנגעלע און מיט איין בליק דערקענט זי, אַז דאָס איז אַ פּליטים־קינד; לויטן קוק פונעם קינד דערקענט זי עס, און דער ערשטער ענטפער אויף איר פראַגע באַשטעטיקט עס תיכף: דאָס קינד רעדט נישט ווי קיין וואַרשעווער מיטן באַריימטן „יאָך". זי נעמט זיך תיכף צו דער אַרבעט.

— ייִנגעלע, ייִנגעלע, — זאָגט זי צו אים, — ווילסט, מע זאָל דיך אַרייננעמען אין אַ קינדער־„סמראָגניסקע"? איאָ, דו ווילסט? וועסט דאָרט קריגן גוט צו עסן און צו טרינקען. אָט האָב איך זיך פאַר דיר באַמיט און מע וועט דיך דאָרט באַלד אַריינגעמען; דו וועסט דאָרט קריגן נישט בלויז גוט צו עסן, וועסט אויך האָבן שפּילצייג, און אַ ראָווער האָב איך דיר אויך געקויפט, אַ שיינעם ראָווער, אָבער עס רעגנט דאָך איצט, מוז מען אים מיט עפּעס פאַרדעקן, ער זאָל נישט נאַס ווערן. ישאַ, מיט וואָס זאָל מען אים פאַרדעקן? אַז איך האָב דאָ גאָר נישט מיט זיך? ווייסטו וואָס, לאָמיר אים פאַרדעקן מיט דיין פאַלטענדל. איאָ, גוט?...

דאָס ייִנגעלע באַשטייט — וואָס טוט נישט אַ ייִנגעלע און אַ פּליטים־קינד פון קליינעם יידישן שטעטל פאַר אַ ראָווערס וועגן? — און אָט נעמט זי די באַבעשיסקע דאָס פאַלטנדל און גייט אַריין אין הויז נאָכן ראָווערל. זי זאָל באַלד צוריקקומען, און דאָס ייִנגעלע וואַרט...

דער טאַטע, דער פּליט, צו וועמען דאָס קינד קומט שפּעטער מיט אַ געוויין, איז הילפלאָז. אַ פּראָווינציער ייד — פאַרשטייט ער גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך אין אָט דעם „רע־וואַרשע". פונוואַנען זאָל ער וויסן, אַז די מלחמה איז עס, וואָס האָט געבוירן דאָס דאָזיקע אויסטערלישע שלעכטס, וואָס וואַקסט מיט טויט איבערן קאָפּ פון אָרעמען, הילפלאָזן יידישן קינד?

אויב דאָס קינד איז תמיד און אין אַלע צייטן אַ הילפלאָז באַשעפעניש, איז אין דער מלחמה אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן דער גאַנצער צאָרן פון דער תוכחה; דער גאַנצער טראַגיזם פון דער יידישער לאַגע, אַלע רדיפות פון אומדערבאַרעמלעכן שונא האָבן זיך געלייגט אויף זיינע שוואַכע פּלייצעלעך; וואָס פאַר אַ צרה עס האָט נישט געטראָפן דעם יידישן כלל — גירושים, אַרעסטן, הריגות — האָט דערפון אַממייסטן געליטן דאָס יידישע קינד.

ווען מע קומט אַריין אין די שטובן פון די הונגער־ליידנדיקע יידן און מע זעט די טרויעריקע אייגעלעך פון די קינדער, זייערע בלאַסע פּנימלעך, זייערע פאַמעלעכע באַוועגונגען ביים שפּילן זיך, די טריט פון זייערע אָפּגעשוואַכטע פיסלעך, כאַפּט אַרום אַ שוידער, מע מעג זיין ווי מענטשלעך איינגעשטעלט, ווי פאַ־

אין דער היים, וועלן זיי פריער דאַרפן אָנגרייטן זאַלבן מיט באַנדאַזשן צו פֿאַרבינדן זייערע געשוואָלענע, אײַנגעדריקטע פֿיס פון דער אַרבעט ביז איבער די קני אין וואַסערן און זומפּן.

איצט איז דאָס נאָכגעיאָגטע געשעען, שטייען זיי און בעטלען אין די גאַסן אין נאָמען פון זייערע קינדער.

דאָס קינד איז דאָ אַ שילד, אָבער אַ ריכטיקע שילד. עס זענען אָבער פֿאַראַן פֿיל פֿאַלן, ווען דאָס קינד, אָט דאָס עלנטע הילפֿלאָזע באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך נישט ווערן און לאָזט מיט זיך טון אַלץ, וואָס די דערוואַקסענע מנוולים ווילן, איז נישט מער ווי אַ פֿאַלשע שילד, אַ דעקמאַנטל פֿאַר שנאָרערישע, פֿאַרברעכערישע געליסטן.

אויב מענדעלע מוכר ספֿרים האָט אין זײַן „פֿישקע דעם קרומען“ שוין אין שלום־צײַטן אַנטפּלעקט און דעמאַסקירט די דאָזיקע הענדלער מיט קינדערישע פֿרײַהייט, האָט מען דעם אַטענטאַט אויף די רעכט פון קינד אין מלחמה־צײַט אַזוי ווײַט געבראַכט, אַז טויזנטער קינדער זענען געוואָרן ווי די שפּיל־באַלעמס אין די הענט פון אויסוואורפן, אָפטמאָל אייגענע טאַטעס, וואָס האָבן זיי פֿאַרמאַטערט צום טויט, שטייענדיק מיט זיי פון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אין די גרעסטע היצן און בעטלענדיק אונטער זייער פירמע.

דאָס דאָזיקע לײַדנס־קאַפּיטל פון פֿאַרוואָרלאָזטן ייִדישן קינד איז אפשר דאָס טראַגישסטע, ווײַל דאָ איז קיינער נישט געווען, וואָס זאָל זיך פֿאַראינטערעסירן און אָננעמען פֿאַרן גורל פון די דאָזיקע קינדער־שקלאַפֿן, פּיצלעך־קינדער, וואָס האָבן נאָך לויטן הערשנדן אָנגענומענעם רעכט קיין „רעכט“ נישט...

מיר קומען דאָ צו אַ פּונקט פון געזונקענער מענטשלעכער מאָראַל אין מלחמה־צײַט, וואָס גיט אַ ברייט פֿעלד פֿאַר פֿאָרשער פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, פונעם וווּקס פון די קרימינעלע פֿאַרברעכנס און אַנדערע דערשײַנונגען פון דעגענערירטן מין.

אָבער מיר ווילן בלויז פֿאַרצייכענען, אַז דאָס קינד, דאָס אָרעמע, פֿאַרוואָרלאָזטע קינד, איז געוואָרן דער קרבן, אויף וועמען עס האָבן אין מלחמה־צײַט געשאַטעוועט כלערליי אַפּעריסטן.

ווען דאָס אָרעמע קינד האָט געטראָגן אין הענטל אַ שטיקל ברויט, האָט שוין צו אים געטראָפֿן דער „כאַפּער“ און עס בײַ אים אויסגעריסן; ווען דאָס אָרעמע קינד האָט אויף די פֿיסלעך נאָך געהאַט אַ פּאָר לײַטישע שיכלעך, נאָך געטראָגן אַ מער־ווייניק לײַטיש פֿאַלטנדל — האָט עס שוין באַמערקט די גוטע מומע מיט די מכשפֿהשע דורכדרינגענדע אויגן, און זי האָט שוין אָנגעווענדעט אַזוינע תחבולות, אַז זי זאָל אויף אַ שווינדלערישן אופֿן אַראָפּציען פֿונעם קינד זײַנע מלבושימלעך.



קונצן, פֿאַרטלען, גנבֿהשע אײַנפֿאַלן פֿעלן די דאָזיקע לײַט קיינמאָל נישט, בפֿרט אַזאַ אַלטע מומע צי באָבע מיט זיסע ריידעלעך.

אָט דערזעט אַזאַ אַלטע מיט אויגן פון אַ סאָווע אַ ייִנגעלע און מיט איין בליק דערקענט זי, אַז דאָס איז אַ פּליטים־קינד; לויטן קוק פֿונעם קינד דערקענט זי עס, און דער ערשטער ענטפֿער אויף איר פֿראַגע באַשטעטיקט עס תּיכּף: דאָס קינד רעדט נישט ווי קיין וואַרשעווער מיטן באַרימטן „יאָך“. זי נעמט זיך תּיכּף צו דער אַרבעט.

— ייִנגעלע, ייִנגעלע, — זאָגט זי צו אים, — ווילסט, מע זאָל דיך אַרײַננעמען אין אַ קינדער־„סכראָניסקע“? איאָ, דו ווילסט? וועסט דאָרט קריגן גוט צו עסן און צו טרינקען. אָט האָב איך זיך פֿאַר דיר באַמיט און מע וועט דיך דאָרט באַלד אַרײַננעמען; דו וועסט דאָרט קריגן נישט בלויז גוט צו עסן, וועסט אויך האָבן שפּילצייג, און אַ ראָווער האָב איך דיר אויך געקויפֿט, אַ שיינעם ראָווער, אָבער עס רעגנט דאָך איצט, מוז מען אים מיט עפּעס פֿאַרדעקן, ער זאָל נישט נאַס ווערן. ישא, מיט וואָס זאָל מען אים פֿאַרדעקן? אַז איך האָב דאָ גאָרנישט מיט זיך? ווייסטו וואָס, לאָמיר אים פֿאַרדעקן מיט דײַן פֿאַלטענדל. איאָ, גוט?...

דאָס ייִנגעלע באַשטייט — וואָס טוט נישט אַ ייִנגעלע און אַ פּליטים־קינד פון קליינעם ייִדישן שטעטל פֿאַר אַ ראָווערס וועגן? — און אָט נעמט זי די באַבעשיסקע דאָס פֿאַלטנדל און גייט אַרײַן אין הויז נאָכן ראָווערל. זי זאָל באַלד צוריקקומען, און דאָס ייִנגעלע וואַרט...

דער טאַטע, דער פּליט, צו וועמען דאָס קינד קומט שפּעטער מיט אַ געוויין, איז הילפֿלאָז. אַ פּראָווינציעלער ייִד — פֿאַרשטייט ער גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך אין אָט דעם „רע־וואַרשע“. פֿונוואַנען זאָל ער וויסן, אַז די מלחמה איז עס, וואָס האָט געבוירן דאָס דאָזיקע אויסטערלישע שלעכטס, וואָס פֿאָכעט מיט טויט איבערן קעפּל פון אָרעמען, הילפֿלאָזן ייִדישן קינד?

אויב דאָס קינד איז תּמיד און אין אַלע צײַטן אַ הילפֿלאָז באַשעפֿעניש, איז אין דער מלחמה אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן דער גאַנצער צאָרן פון דער תּוכחה; דער גאַנצער טראַגיזם פון דער ייִדישער לאַגע, אַלע רדיפֿות פון אומדערבאַרעמלעכן שונא האָבן זיך געלייגט אויף זײַנע שוואַכע פּלײצעלעך; וואָס פֿאַר אַ צרה עס האָט נישט געטראָפֿן דעם ייִדישן כּלל — גירושים, אַרעסטן, הריגות — האָט דערפֿון אַממייסטן געליטן דאָס ייִדישע קינד.

ווען מע קומט אַרײַן אין די שטובן פון די הונגער־לײַדנדיקע ייִדן און מע זעט די טרויעריקע אייגעלעך פון די קינדער, זייערע בלאַסע פּנימלעך, זייערע פּאַמעלעכע באַוועגונגען בײַם שפּילן זיך, די טריט פון זייערע אָפּגעשוואַכטע פֿיסלעך, כאַפּט אַרום אַ שוידער, מע מעג זײַן ווי מענטשלעך אײַנגעשטעלט, ווי פֿאַ־

אין דער היים, וועלן זיי פריער דאַרפן אָנגרייטן זאַלבן מיט באַנדאַזשן צו פאַרבינדן זייערע געשוואָלענע, אײַטערדיקע פיס פון דער אַרבעט ביז איבער די קני אין וואַסערן און זומפּן.

איצט איז דאָס נאָכגעיאָגט געשעפט, שטייען זיי און בעטלען אין די גאַסן אין נאָמען פון זייערע קינדער.

דאָס קינד איז דאָ אַ שילד, אָבער אַ ריכטיקע שילד. עס זענען אָבער פאַראַן פיל פאַלן, ווען דאָס קינד, אָט דאָס עלנטע הילפלאָזע באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך נישט ווערן און לאָזט מיט זיך טאָן אַלץ, וואָס די דערוואַקסענע מנוולים ווילן, איז נישט מער ווי אַ פאַלשע שילד, אַ דעק־מאַנטל פאַר שנאָרערישע, פאַרברעכערישע געליסטן.

אויב מענדעלע מוכר ספרים האָט אין זײַן „פישקע דעם קרומען" שוין אין שלום־צײַטן אַנטדעקט און דעמאַסקירט די דאָזיקע הענדלער מיט קינדערישע פרייהייט, האָט מען דעם אַטענטאַט אויף די רעכט פון קינד אין מלחמה־צײַט אַזוי ווייט געבראַכט, אַז טויזנטער קינדער זענען געוואָרן ווי די שפּיל־באַלעמס אין די הענט פון אויסוואורפן, אָפטמאָל אייגענע מאַמעס, וואָס האָבן זיי פאַרמאַטערט צום טויט, שטייענדיק מיט זיי פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין אָוונט אין די גרעסטע היצן און בעטלענדיק אונטער זייער פירמע.

דאָס דאָזיקע לײַדנס־קאַפּיטל פון פאַרוואָרלאָזטן יידישן קינד איז אפשר דאָס טראַגישסטע, ווייל דאָ איז קיינער נישט געווען, וואָס זאָל זיך פאַראינטערעסירן אין אָנגענומען פאַרן גורל פון די דאָזיקע קינדער־שקלאַפן, פּיצלער־קינדער, וואָס האָבן נאָך לויטן הערשנדן אָנגענומענעם רעכט קיין „רעכט" נישט...

מיר קומען דאָ צו אַ פּונקט פון געזונקענער מענטשלעכער מאָראַל אין מלחמה־צײַט, וואָס גיט אַ ברייט פעלד פאַר פאָרשער פון דער מאַסן־פּסיכאָלאָגיע, פונעם וווּקס פון די קרימינעלע פאַרברעכנס און אַנדערע דערשײַנונגען פון דעגענערירטן מין.

אָבער מיר ווילן בלויז פאַרצייכענען, אַז דאָס קינד, דאָס אָרעמע, פאַרוואָרלאָזטע קינד, איז געוואָרן דער קרבן, אויף וועמען עס האָבן אין מלחמה־צײַט געשאַטעוועט כלערליי אַפערייסטן.

ווען דאָס אָרעמע קינד האָט גענאָגן אין הענטל אַ שטיקל ברויט, האָט שוין צו אים געטראָפן דער „כאַפּער" און עס ביי אים אויסגעריסן; ווען דאָס אָרעמע קינד האָט אויף די פיסלעך נאָך געהאַט אַ פּאָר לייטישע שיכלעך, נאָך געטראָגן אַ מער־ווייניק לייטיש פּאַלטנדל — האָט עס שוין באַמערקט די גוטע מומע מיט די מכשפהשע דורכדרינגענדע אויגן, און זי האָט שוין אָנגעווענדט אַזוינע תחבולות, אַז זי זאָל אויף אַ שווינדלערישן אופן אַראָפּציען פונעם קינד זײַנע מלבושימלעך.



קינצן, פּאָרטלען, גנבהשע אײַנפאַלן פעלן די דאָזיקע לייט קיינמאָל נישט, בפרט אַזאַ אַלטע מומע צי באָבע מיט זיסע ריידעלעך.

אָט דערזעט אַזאַ אַלטע מיט אויגן פון אַ סאָווע אַ יינגעלע און מיט איין בליק דערקענט זי, אַז דאָס איז אַ פּליטים־קינד; לויטן קוק פונעם קינד דערקענט זי עס, און דער ערשטער ענטפער אויף איר פראַגע באַשטעטיקט עס תיכף: דאָס קינד רעדט נישט ווי קיין וואַרשעווער מיטן באַרימטן „יאַר". זי נעמט זיך תיכף צו דער אַרבעט.

— יינגעלע, יינגעלע, — זאָגט זי צו אים, — ווילסט, מע זאָל דיך אַרײַננעמען אין אַ קינדער־„סכראָניסקע"? אַיאָ, דו ווילסט? וועסט דאָרט קריגן גוט צו עסן און צו טרינקען. אָט האָב איך זיך פאַר דיר באַמיט און מע וועט דיך דאָרט באַלד אַרײַננעמען; דו וועסט דאָרט קריגן נישט בלויז גוט צו עסן, וועסט אויך האָבן שפּילצייג, און אַ ראָווער האָב איך דיר אויך געקויפט, אַ שיינעם ראָווער, אָבער עס רעגנט דאָך איצט, מוז מען אים מיט עפּעס פאַרדעקן, ער זאָל נישט נאָס ווערן. נו, מיט וואָס זאָל מען אים פאַרדעקן? אַז איך האָב דאָ גאָרנישט מיט זיך? ווייסטו וואָס, לאָמיר אים פאַרדעקן מיט דײַן פּאַלטענדל. אַיאָ, גוט?...

דאָס יינגעלע באַשטייט — וואָס טוט נישט אַ יינגעלע און אַ פּליטים־קינד פון קליינעם יידישן שטעטל פאַר אַ ראָווער וועגן? — און אָט נעמט זי די באַגעמישקע דאָס פּאַלטענדל און גייט אַרײַן אין הויז נאָכן ראָווערל. זי זאָל באַלד צוריקקומען, און דאָס יינגעלע וואַרט...

דער טאַטע, דער פּליט, צו וועמען דאָס קינד קומט שפּעטער מיט אַ געוויין, איז הילפלאָז. אַ פּראָווינציער ייד — פאַרשטייט ער גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך אין אָט דעם „רע־וואַרשע". פונוואַנען זאָל ער וויסן, אַז די מלחמה איז עס, וואָס האָט געבוירן דאָס דאָזיקע אויסטערלישע שלעכטס, וואָס פּאַכעט מיט טויט איבערן קאָפּ פון אָרעמען, הילפלאָזן יידישן קינד?

אויב דאָס קינד איז תמיד און אין אַלע צײַטן אַ הילפלאָז באַשעפעניש, איז אין דער מלחמה אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן דער גאַנצער צאָרן פון דער תוכחה; דער גאַנצער טראַגיזם פון דער יידישער לאַגע, אַלע רדיפות פון אומדערבאַרעמלעכן שונא האָבן זיך געלייגט אויף זײַנע שוואַכע פּלייצעלעך; וואָס פאַר אַ צרה עס האָט נישט געטראָפן דעם יידישן כלל — גירושים, אַרעסטן, הריגות — האָט דערפון אַממייסטן געליטן דאָס יידישע קינד.

ווען מע קומט אַרײַן אין די שטובן פון די הונגער־לײַדנדיקע יידן און מע זעט די טרויעריקע אייגעלעך פון די קינדער, זייערע בלאַסע פּנימלעך, זייערע פּאַמעלעכע באַוועגונגען ביים שפּילן זיך, די טריט פון זייערע אָפּגעשוואַכטע פיסלעך, כאַפּט אַרום אַ שוידער, מע מעג זײַן ווי מענטשלעך אײַנגעשטעלט, ווי פאַ־

ליטיש אָריענטירטע, ווי ווייטזעעוודיק, רייסט זיך דאָך אַרויס די ביבלישע קללה, וואָס דער אַנאָנימער תהילים־דיכטער האָט אַרויסגעשליידערט פון זיין האַרץ, צוזעענדיק דעם חורבן פון זיין לאַנד און זיין פאָלק:

„אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע“...

מע האָט דאָס געפילט, אַז אונדזער גרויזאַמער פיינט טוט דאָס מיט אַ כיוון, ער ווייסט וויאַזוי אונדז אומצוברענגען ראַדיקאַל און זיכער, אונטערשניידנדיק אונדזער יונגע בליונג, וואָס איז אויך גלייכצייטיק אונדזער וואָרצל.

אין ליכט פון דער דאָזיקער באַטראַכטונג האָבן די באָמבעס, וואָס זענען אין ערשטן סעפּטעמבער 1939 געוואָרפן געוואָרן אויף דעם יתומים־הויז [„צענטאָס“] אין אָטוואָצק, נישט געקאָנט זיין קיין הוילער צופאַל; אָט די באָמבעס, וואָס האָבן דערהרגעט שוין אין ערשטן טאָג, אין די ערשטע שעהן פון דער מלחמה, זיבן יידישע קינדער און עטלעכע צענדליק לייכט און שווער פאַרוואונדעט, זענען געווען דער רעזולטאַט פון אַן אויסגערעכנטער, באַוווסטזיניקער רציחה, פון אַ מאַסן־מאָרד במזיד, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל: מאָרד און טויט דעם יידישן קינד, דעם יידישן נאָכוווּקס, פיזישע אויסראָטונג פונעם קומענדיקן יידישן דור!...

עס איז טרויעריק, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשטייט נישט דאָס דאָזיקע נידערטרעכטיקע, שטומע לשון פון די מערדער, די פייערצייכנס פון רויב, הריגות און פאַרוויסטונג, געגעבן דורך באָמבעס פון אַעראָפּלאַנען צו האַרמאַטן; וואָלטן מיר דאָס אַלע ווי איינער אַזוי גרינגלעך פאַרשטאַנען, ווי גרינגלעך און סיסטעמאַטיש די רוצחים טוען זייער אַרבעט, דאַן וואָלט נישט געקאָנט געמאָלט זיין די גלייכגילטיקייט, צוזעענדיק די געברענגטע צרות פונעם יידישן קינד, מע וואָלט נישט געוואַרט אויף דער קאַרגער הילף פון „צענטאָס“, אויפן שיסעלע גריץ, אויף אַ טראָפּן מילך פאַר איין קינד פון הונדערט, אויב נישט נאָך ווייניקער, עס וואָלטן זיך געפונען די מיטלען צו שאַפן גרויסע, ריינע, געזונטע קינדער־היימען, נישט ווי די פאַר די קינדער פון די פּליטים און „אָבאָזניקעס“, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ שרעקלעכער עיפּוש; מע וואָלט נישט געוואַרט אויפן ביסעלע שוואַרצע קאַווע מיט סאַכאַרין; עס וואָלטן די קינדער געקריגן זייער ביסל אויסקומעניש, און על כולם: עס וואָלט נישט געקאָנט געמאָלט זיין, אַז מע זאָל אַלע טאָג געפינען אין די גאַסן האַלב צי גאַנץ טויטע די דאָזיקע יונגע מאַרטירער אונדזערע, די משהלעך און שלמהלעך מיט זייערע כשרע פאַרלאָשענע אייגעלעך.

די באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן אויף די קעפּלעך פון די אומשולדיקע יידישע קינדער, האָבן אונדז געדאַרפט אויפטרייסלען, אַרויסרייסן אונדז פון אונדזער טעמפּער פאַרגליווערטקייט און שטעלן אונדז אַלע ווי איינעם אויף די פיס צום שוץ פון יידישן קינד.



דערווייל איז דאָס נישט געשען. בעת מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, געפינען מיר זיך אין קריטישסטן מצב פון געטאָ: נייע גירושים פון די וווינונגען, נייע אָפּגענומענע גאַסן ביים געטאָ, ענגער דער שטח און פעסטער די שטריק אַרום אונדזער האַלדז. נאָך מוירן, פרישע מוירן, עס איז שוין באַלד נישטאָ ווו זיך אַהינצוטאָן. ווינטער, נאַס, קאַלט, נויט און טויט, וועט מען נאָך באַוויזן אָפּצוראַטעווען דאָס יידישע קינד?

וואַרשע. געטאָ. נאָוועמבער 1941.

# דער שמוגל אין װאַרשעװער געטאָ[1]

## דאָס קאָזע־געסל

די געטאָ־מויער האָט אָפּגעהאַקט די פראַנציסקאַנער גאַס האַרט נעבן קאָזע געסל. [פון דער װײַטנס] זעט מען עס נישט אָן; ערשט װען מע שטײט אויף דער שװעל פון געסל — װערט עס ניכּר, און מאַקע באַלד אײנגאַנצן, װי עס שטײט און גײט. װאָרעם עס איז אַ געסל אַ שמאָלס און אַ קלײנס, מיט מאָדנע אַלטפרענקישע ...לעך און פּאַרצײַטישע בנינים, הײפלעך ....געדרײטע אײַנגענג און חולה־גופלדיקע טרעפּן. בלויז דאָ און דאָרט, צװישן צװײ פּאַרצײַטישע הײַזלעך, שיסט אַרויף אַ פינפגאָרנדיק שמאָל הויז מיט אַ סך פענצטער. אַ סימן, אַז דאָ זענען פריער געװען קלײנע דירות פאַר אַרבעטער, באַלמעלאָכעס און גאַסן־הענדלער.

די דאָזיקע פאַראײנצלטע, אַרויפשיסנדיקע [הײַזער], אײַנגעדריקטע צװישן די פּאַרצײַטישע הײַזלעך, צעשטערן די סימעטריע פון געסל און רופן אַרויס דעם אײַנדרוק פון עפּעס כאַאָטישעס, װילד־הפקרדיקס. עס איז אַ ........ איז געװען פאַרװאָרלאָזט און אָן השגחה אויך פאַר דער מלחמה, װען די דעמלטיקע מאַכט האָט ...... אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ..............

דאָ שטײט מען שױן געדיכט פאַר יעדן הויז מיט װעגעלעך גרינצײַג און אויבסט און מיט קרעמלעך פון שפּײַז. די שפּײַז־קרעמלעך זענען קלײנע. אויף אַ בענקל צי אַ טישל האָט אַ ייִדענע שטײן אַ פּאָר טאָרבעלעך מיט מעל צו צװײ־דרײַ קילאָ: קאָרן־מעל, „ראַזעװקע“ און „באַנע“־מעל (דאָס מעל, װאָס די בעקער באַקומען פון דער קאָאָפּעראַציע־מאַכט צו באַקן קאָנטינגענט־ברויט), אָדער

[1] די אָפּגעריבענע, אָדער נישט לײענבאַרע ערטער װערן דאָ באַצײכנט מיט פיל פּונטעלעך. די װערטער, װאָס זענען צוגעשטעלט געװאָרן דורך דער רעדאַקציע — מיט קװאַדראַט־קלאַמערן.



קאַשע, הירזש און פענטשאַק. קײן אַנדערע מינים שפּײַז, װי בעבלעך, װײַצן־מעל אָדער געטריקנטע...... זעט מען געװײנלעך נישט בײַ די...... טישלעך, דאָס קריגט מען אין די געװעלבער. די פרײַזן זענען דאָ, פאַרשטײט זיך, אַ ביסל ביליקער װי אין אַנדערע גאַסן: איז עס דאָך נעבן קאָזע־געסל! אָבער פאָרט גענוג טײַער פאַר גאָר אַ גרויסן טײל װאַרשעװער ייִדן, בײַ װעמען דאָס געטאָ האָט צוגערויבט די פּרנסה און זײ געלאָזט שטײן מיט אַראָפּגעלאָזטע, לײדיקע הענט און מיט דער אײנציקער מעגלעכקײט צו קאָנען דערהאַלטן דאָס נאַקעטע לעבן דורכן ביסלעכװײַזן אויספאַרקויף פון די מלבושים און שטוב־חפצים אויף דער „װאָלװוקע“.

די בײַדלעך, קרעמלעך און װעגעלעך פאַרצױמען די גאַס. יעדעס בײַדל איז באַלאַגערט נישט אַזױ פון קונים, װי פון יענע, װאָס װילן עפּעס קויפן און האָבן נישט מיט װאָס. דער אומזאַץ איז בערך אַ גרױסער, הגם די װאָג — אַ נישטיקע. אַ ייִדענע, װאָס קאָן קויפן אַ גאַנצן קילאָ קאַרטאָפל, בוריקעס צי מײערן, איז אַ זעלטנקײט. מע קויפט צו צען דעקאָ, אויב נישט נאָך װײניקער. און אַ פערטל קילאָ — איז שױן אַ.... מע קויפט אײן אײנציק עפּעלע, און דער, װאָס קויפט אַ פערטל קילאָ, — איז שױן אַ „מוסטער“־באַלעבאָס צי באַלעבאָסטע...... נאָר מע קומט געװויר װערן, װי טײַער איז הײַנט, צי איז דער יקרות שױן געפאַלן אָדער נישט; מע שלינגט דעם גאַװער אין מויל און מע גײט אַװעק מיט אַ ברענענדיקן װײטיק פון שאַנד, אַז מע האָט נישט, נו. און מע האָט...... גאָרנישט נישט מאַכן..... די מלחמה...... די פרעסן און זױפן — און יענע װערן געשװאָלן פון הונגער, — און װען מע זאָגט: די פרעסן און זױפן — דרײט מען נישט װילנדיק אויס......

די באַװעגונג פון די ריקשעס — דעם אײנציקן לאָקאָמאָציע־מיטל פונעם װאַרשעװער געטאָ, װאָס ייִדן, די אינטערנאַציאָנאַלע — װי.... האָט ליב אָנצורופן....... דער װעלט און שעמט זיך אויך נישט צו נעמען ביד רחבה פון װאַנעט עס לאָזט זיך נאָר — האָט אױך גענומען בײַ די יאַפּאַנער און כינעזער. די ריקשע איז פאַרן קאָזע־געסל אַ גרױסע שטיצע, נישט אַזױ דערפאַר, װײַל עס זענען אױס נישטאָ קײן דראָזשקעס און װאָגנס, מחמת די דײַטשן האָבן בײַ די ייִדישע באַלעגאָלעס קאָנפיסקירט די פערד — דאָס װאָלט נאָך נישט געװען אַזאַ מעשה. דער װאַרשעװער ייִדישער טרעגער קאָן, כ׳לעבן, טראָגן אױפן פּלײצע אַ פיין זעקל מעל. װאָס קומט אָבער אַרױס, אַז מע טאָר דאָס נישט טאָן אַזױ פראַנק און פרײַ. װאָרעם דאָס אויג פונעם אַגענט װאַכט. מיט דער ריקשע אָבער איז עס גאָר אַנדערש. די ריקשעס האָבן ייִדן אַזױ פאַרפּאָלקאָמט, װי דעם כינעזער האָט זיך גאָר קײנמאָל נישט געחלומט: הינטערן געזעס איז דאָ אַ הױלער חלל און

דאָרט קאָן מען אַרײַנפּאַקן אַ פּאָר פּאַטשיילן מעל און זיך אַרויפֿזעצן פֿון אויבן אויפֿן פּליושענעם געזעס ווי קיינמאָל גאָרנישט: אָט סתּם אַזוי פּאָר איך זיך אַ ביסל איבער אין גאַס...

אָבער נישט אַלע, וואָס [פֿירן] שפּייז פֿון קאָזע-געסל פֿאָרן מיט דער ריקשע. דער רוב גייט צופֿוס, און טאַקע די יעניקע, וואָס זענען דער הויפּט-אָדלען פֿון קאָזע-געסל, יענע אָפּנעמער און אונטערהאַלטער, די „קייערס", זיי קאָנען זיך קיין ריקשעס נישט דערלויבן, זייער ריקשע זענען די [אייגענע] פּלייצעס, אויף וועלכע זיי לאָדעווען אָן נישט זעלטן צו דריי-פֿיר ביימלען מעל, קאַשע און אַנדערע מינים שפּייז אויף אַמאָל. אַ בייטל האָט געוויינלעך פֿופֿצן קילאָ וואָג און ווילך יעקב —

דער יאַריד אויפֿן עק קאָזע-געסל, דאָס געדראַנג פֿון די גרינצייג-קויפֿער און די ריקשעס פֿאַרצוימען דעם וועג פֿאַרן גייער און די אַנדערע מינים קויפֿער פֿונעם קאָזע-געסל, און אויף שריט און טריט פֿאַלן קללות פֿונעם המון....

[דער קויפֿער, וואָס הערט] די דאָזיקע קללות, אײַלט זיך. ער שוויצט און סאָפּעט און וויל וואָס גיכער [פּטור ווערן] פֿון אָט די פּעק, וואָרעם דאָ [דרייט זיך אַן] אַגענט [און] וואַרפֿט אויף אים אָן [אַ פּחד].

נישט דעם גאַנצן טאָג איז געגיי און געפּאַר פֿונעם.... אַזוי גרויס, וואָרעם דער שמוגלער וויל נישט און קאָן נישט האָבן קיין סחורה אויף לאַגער, ער מוז זען די סחורה וואָס גיכער אַרויסצופּטרן, און גראָד אַזוי פֿיבערהאַפֿט און בחפּזון, ווי מע שמוגלט זי אַרײַן אין זײַן שטוב, אַזוי גיך מוז ער זי אויך אַרויספּאַקן. ערשט דעמלט קאָן ער זײַן רואיק און קיין עדות וועט אים נישט שאַטן.

## דער שמוגל ביינאַכט

דער שמוגל ביינאַכט האָט פֿאַרזאָרגט די שמוגלער-קראָמען מיט כּל טוב. מיט גרינצייג און אויבסט, שפּייז און פֿלייש, מיט עופֿות.... האָניק און וואָס דאָס האַרץ גלוסט. אַפֿילו מיט אַ גוטער כּוסה אויך — און די שטאָט ברויכט אין דער פֿרי צו עסן, די „גייערס" דאַרפֿן האָבן אַ גאַנצן אַרבעטס-טאָג. קאָן מען אין די זומער-טעג שוין פֿינף פֿאַרטאָג זען שלעפּן די ביימלען שפּייז אָדער זעק מיט קאַרטאָפֿל און קאַנען מילך. די מענטשן האָבן פֿרישע פּנימער, געוואַשענע פֿונעם מאָרגן, און דעם ברען פֿון אַרבעטס-ייִדן, וואָס עסן צו דער זעט, און דאָס געפֿיל פֿון זיכערן טראָט, פֿון כּוחות — אינעם געווימל פֿון געשוואָלענע פּים פֿון אָרעם.



דער נאַכט-שמוגל איז אָבער נאָר אַ טייל פֿונעם גאַנצן.... און קאָן נישט פֿאַרזאָרגן דאָס געטאָ מיט אַלץ, וואָס איז נייטיק, אין די געציילטע נאַכט-שעהן. בפֿרט אין ווינטער, אַז דער שמוגל באַקומט קיינמאָל נישט די באַשטעלטע סחורה אין דער באַשטימטער שעה. ווען איר פֿרעגט דעם שמוגלער, צי ער וועט שפּעטער האָבן די און די שפּייז, וועט ער אייך תּמיד ענטפֿערן: יאַך ווייס נישט, אויב זיי וועלן אַריבערגעבן — וועט זײַן. אַלץ הענגט אָפּ דערפֿון, ווען יענע דאָרט וועלן אַריבערדערלאַנגען.

ביינאַכט גייט דער שמוגל איבער די דעכער פֿון די הייזער, דורך ענגע לעכער, דורך קעלערס און אַפֿילו איבער דער געטאָ-מויער גופֿא. מיט איין וואָרט: דורך וואַנעט עס לאָזט זיך. בײַ טאָג, דאַקעגן — קומט ער פֿאָר אויף אַ פֿיל פּשוטערן אופֿן, כאָטש נישט אָן פֿאַרטלען און אָפּטמאָל קלוגע אײַנפֿאַלן: ייִדיש קעפּעלע..

גם נעשה להם לישראל.[2] —

דאָס קאָזע-געסל האָט עטלעכע הייזער פֿון די גראָדע נומערן, וואָס זענען באַוווינט פֿון קריסטן, אָבער די אײַנגענג אין די הייזער און די טויערן זענען אין דער זייט פֿונעם קאָזע-געסל פֿאַרמויערט. די אײַנגענג געפֿינען זיך פֿון יענער זייט, אויף דער פֿרעטע, דאָס הייסט מחוץ דעם געטאָ, בלויז די פֿענצטער פֿון די עטלעכע וווינונגען גייען אַרויס אין קאָזע-געסל. איז דאָס טאַקע אַ ברכה נישט בלויז פֿאַר די פּאָר „גויים", וואָס פֿאַרנעמען די דאָזיקע דירות, נאָר אויך פֿאַר די ייִדן, און לאָמיר זײַן אויפֿריכטיק, נישט בלויז פֿאַר די ייִדן פֿונעם קאָזע-געסל, פֿאַר די שמוגלער, נאָר אויך פֿאַר כּל ישראל פֿון וואַרשע. וואָרעם אויף וויפֿל דער שמוגל איז בעצם אַ נידעריקער ענין, אַן אָנגעצויגענער פּאַסעק אויפֿן האַלדז פֿון געשוואָלענעם און געדראָלענעם קאָנסומענט, איז ער אָבער בײַ די שרעקלעכע באַדינגונגען פֿון דער גרויסער תּפֿיסה, אין וועלכער וואַרשעווער ייִדן זענען אַרײַנגעשליידערט געוואָרן דורך די געטאָ-מויערן, די אײנציקע רעטונג פֿון דער שארית-הפּליטה, און ווער ווייסט, צי מע וועט נישט אַמאָל דאַרפֿן שטעלן דעם שמוגלער אַ דענקמאָל פֿאַר זײַן אײַנשטעלעניש, וואָרעם בדיעבד האָט ער דערמיט געראַטעוועט אַ גרויסן טייל ייִדיש וואַרשע פֿון הונגער-טויט.

## קראַטן-פֿענצטער

די פֿענצטער פֿון די קריסטלעכע וווינונגען זענען פֿון דרויסן באַקלאַפּט מיט דראָטענע שאַטקעס פֿון אויבן ביז אַראָפּ. אין פֿלוג, כּלומרשט צוליב דעם, כּדי אָפּצוטיילן די „גוייִשע" שטוב פֿון דער ייִדישער גאַס, אָבער אין תּוך זענען די קראַטעס פֿון דער שאַטקע אַ גוטער וועג דורכצופֿירן דעם שמוגל. פֿון אינע-

[2] „אַ נס איז געשען מיט די ייִדן" (פֿון אַ העבּרעאישן פּסוק).

ווייניק, האָט געבן די קראַטעס, שטעלט דער „גוי“ אַוועק אַזאַ מין הילצערנע רינגע, ווי מע זעט דאָס אין די מילן, די רינגע גייט... איר... צו דער קראַטע, און ווען דער „גוי“ שיט אַריין אין דער רינגע אַ זאַק קאָרן, שיט זיך דער קאָרן דורך די קראַטעס גלייך אינעם זאַק אַריין, וואָס עס האַלט דער ייִדישער שמוגלער פון קאָזע־געסל. איינס און צוויי און דער זאַק איז פול, און מאיר באָמקע, דער הויכער טרעגער מיט פּלייצעס ווי אַן אמתער איוואַן, גיט אַ כאַפּ דעם זאַק אויפן פּלייצע ווי אַ פעדערל און פאַרשווינדט מיט אים ווו מע דאַרף.

אויפן זעלבן אופן שמוגלט מען אַדורך קאַשע, הירזש, דינעם צוקערקרישטאַל.... אויך אַנדערע שפּייז. בלויז מעל שמוגלט מען אין פּאַפּירענע ביטלען און, פאַרשטייט זיך, נישט דורך דעם פאַרמער־פענצטער, נאָר דורך די פענצטער פון די אויבערשטע שטאָקן. פון דער הייך לאָזט דער קריסטלעכער שמוגלער אַראָפּ אַ שטריק ביז אויפן ברוק. דאָרט בינדט דער ייִדישער שמוגלער צו צו דער שטריק די פּאַפּירענע ביטלען. דער קריסט ציט אַרויף די שטריק מיט די פּאַפּירענע ביטלען און פילט זיי אָן מיט מעל, און אַזוי לאָזט ער נאָכדעם אַראָפּ אויף דער שטריק די איינצלנע ביטלען מיט מעל, וואָס ווערן [גלייך] צוגעכאַפּט דורך די שמוגלער, וואָס זענען זיי מקבל. כדי זיך נישט איינצושניידן די הענט, גייט דער קריסט אָנגעטאָן אין אַ פּאָר גראָבע וואַטאָווע הענטשקעס, דורך וועלכע די שטריק גליטשט זיך אַדורך.

ווען עס קומט די צייט פון אַראָפּלאָזן די סחורה, זענען די פענצטער פון די פאַרטער־וווינונגען באַלאַגערט. עס שטייען ארום די שמוגלער זייערע ווייבער, זייערע זין און טעכטער, טרעגער..... צי סתם.... רעדן מיט די קריסטן. קויפן ביי זיי סחורה מעגן אָבער נאָר די יעניקע, וואָס האָבן די אָנערקענטע דערויף רעכט פון די שמוגלער.

נישט זעלטן קאָן מען הערן, ווי איין שמוגלער טענהט זיך אויס ביים „גויישן“ פענצטער מיטן אַנדערן:

— יאַנקעלע פערד, אַ בראָך צו דיינע יאָרן. דו ווילסט שוין מער צום פענצטער נישט צוגיין. יאַך גיב דיר מיין האַנט דערויף, יאַך וועל דיר שוין מאַכן די קאַנע...

— מאיר, ריר זיך, אַ סוף, גיכער, זע גאָר, ווי ער אַרבעט דאָס מיט די זייטן.

— מענדל, זע, אַ בראַנד אין ענק אַריין, וואָס שטייט עך.... נעמט אָפּער אָט דאָס... אין דער האַלע אַריין.

די געשרייען.... און צונעמעניש.... זיך דורך און טרעפן ווי שטעכיקע.... מע רייסט פון די הענט, מ'איז גיכער מקבל דעם שמוגל. אַ שלעפּ, אַ צי, אַ ריס, און די סחורה איז פאַרשטעקט אין די האַלב צעגעלעגטע, טונקעלע קראָמען פונעם מיטלאַלטערלעכן..... אין קאָזע געסל. ווייבער מיט ברייטע פּלייצעס, רויטע



נאַקן און פאַרמאָזאָלטע הענט.... שטימען..... און פינגלען געריוועז מיט די אויגן, כאַפּן אַלע מאָל [אַ קוק] אַראָפּ צום עק פון געסל, צו דער זייט פון דער פראַנציסקאַנער, צי מע גייט נישט, מע פאָרט נישט, מע רייט נישט, און פּלוצלינג שניידט דורך די לופט אַ הייזעריקער, וואָרנענדיקער קוויטש:

## פסח....

פסח! — ווערט אונטערגעכאַפּט פון אַלע זייטן דער רוף און עס ווערן פאַרהאַקט און פאַרהאַמערט [אַלע] טירן. פון אויסגעווייניק ווערן אָנגעלייגט שלעסער. טייל פון די שמוגלער בלייבן אינעווייניק, די אַנדערע גייען אַרוים אויף שמירה אין דרויסן, שטייען אָנגעלענט פאַרן געוועלב, מכלומרשט גלאַט אַזוי, פון נישט האָבן וואָס צו טאָן. די קריסטן אויבן ציען גיך אַרויף די שטריק, און אין קאָזע־געסל ווערט שטיל, די לופט ווערט מער.... געשפּאַנטער דערוואַרטונג..... די שמוגלער־ראָד האָט זיך געשטעלט.

וואָרעם עס איז „פסח“. עס איז געקומען עפּעס אַ „גוי“ מיט אַ טעקע. מע ווייסט נישט, ווער ער איז, אָבער מסתמא איז עס אַ געהיים־אַגענט און מע וואַרט. און ווען אין אומגעדולדיקן וואַרטן נעמט זיך דער „גוי“ פון אויבן די העזה אַראָפּצולאָזן אויפסניי די שטריק, אַראָפּשרייענדיק צו די אונטן שטייענדיקע ייִדן: „גיעמאַ יוזש פּייסעכאַ“ — שיקט מען אים צוריק אַרויף מיט אַ ביטולדיקער מינע פון נעניטערע די וואָרענונג: „טשעקאַי, פּייסאַך יעשטשע ישען קרענטשי“...

אַזייגער זיבן — ביי אַנדערע שוין פּ ל פריער — שטעלן די קריסטן צו אין קאָזע־געסל די מילך. צו די פענצטער פון די פאַרטער־וווינונגען ווערן צוגעשטעלט גרויסע בלעכענע קאַנען, אויסגעמאָסטענע אויף דער צאָל ליטער, וואָס זיי קאָנען אַריינגעמען. דורך דער דראָטן־נעץ פון די קראַטעס ווערט דורכגעלאָזן אַ גראָבע קישקע פון אַן אַפּאַראַט, וואָס איז פאַרזען מיט אַ גלעזערנעם מעסטער, און איין דריי ביי אַ קראַן — גיט זיך אַ גאָס דער ווייסער שטראָם פון פעטע מילך, וואָס צעטראָגט אַרום דעם ריח פון קי־שטאַל און פילט גיך אָן די [קאַנען]. און ווערט נאָך גיכער באַזייטיקט פונעם פענצטער אַריין אין די קראָמען, ווו עס וואַרטן שוין די מילך־ייִדן און מילך־ייִדענעס מיט זייערע קענדלעך זיי צו צעטראָגן אין די שטובן.

## בערל כוסה

די ייִדן שמוגלער, אָפּנעמער פון דער מילך, זענען פאַרזען מיט פּראָבירער, צי די מילך איז עכט, נישט געפעלשט, אָבער דאָס איז נאָר פאַר זיך, פאַר די קונים האָט מען דווקא קנאַפּ מורא, זיי זאָלן נישט ווערן אָפּגענאַרט, אַדרבא, דאָ

גיט מען זיך אַן עצה, וואָרעם, הערסטו, עס גייט דאָך נישט וועגן יושר, דאָ גייט דאָך וועגן פאַרדינסט... וועגן אַ פעט פּולקעלע, אַ פּיפּיקל און אַ כוסה, וואָס אַזאַ ייד, ווי ראַב בערל, מוז מאַכן. האָט ער טאַקע, דער בערל, אין שטוב ביי זיך צוגעגרייט די קאַנען אויף אַזאַ אופן, אז עס געפינען זיך אין זיי אַזויפיל ליטער וואסער געמישט מיט עפּעס אַ מין ווייסן שוים, איז ער זיך אַזוי נוהג: גייט אַ יידענע צו צום פענצטער און וויל דווקא קויפן די מילך, גלייך ווי זי פליסט אַרויס פון דער גוישער קישקע, זי זאָל זיין מער זיכער אין איר עכטקייט, טענהט ער, עס קאָסט זעקס גילדן. אָבער קוים איז די יידענע זיך מיישב אַ רגע און די קישקע גיסט דערהווייל אָן בערלס קאַן, דאַן זאָגט בערל: איר קאָנט שוין קויפן פאַר פינף גילדין....

דער חשבון איז גאַנץ פּשוט...

אייגנטלעך זענען מיר אַ ביסל פאַרלאָפן דעם וועג. דער אַרבעטס־פּלאַן, צי ריכטיקער דער שמוגל־פּלאַן פון טאָג הייבט זיך נישט אָן מיט מילך, נאָר מיטן גרינצייג. וואָרעם נישט אלע קאָנען קויפן ברויט. דאַקעגן אַ בורקע, אַ קאַרטאָפל און אַ מייער איז אין דער מלחמה אַ טייער מאכל, נאָך וועלכן מען איז להוט.

ביי שלמה „יאָפּקע“, אַ ייד אַ נידעריקער מיט קיילעכדיקע רויטע באַקן, ווי שמחת־תורה־עפּל, און אויסגעקנעטעטע הענט, פאַרשטעקטע אין די הויזן־טאַשן, גייט פאַרטאָגס דער פאַרקויף פון געשמוגלטע קאַרטאָפל, גרינוואַרג און אויבעט — פון אייער, פעטע פוטער, האָניק און אַמאָל אויך פון טריפהנעם חזיר־פעטס. זיין ווייב רויזע, אַ יידענע מיט אַ ברייטן הינטן, מיט פליישיקע ליפן און קישעלעך אויף די פאַרסיגנעטעוועטע פינגער, שטייט ביי דער וואָג, גיט יעדעס מאָל אַ כאַפּ אַ בייטל מעל אין דער לופטן, אַ פרעגט יענעם און דעם, וואָס ער קויפט, וויפל ער צאָלט און היידאַ — ווייטער געפאָרן. געפעלט איר נישט דער פּרייז, גיט זי אַ געשריי מיט איר מענעריש קול: גייטס, גייטס פּורים־סוחרים, מעט ענק אַהיימשיקן מיט שבת.... נישט אַנדערש נאָר ווייצן־מעל ברויכן זיי...

יאָפּקע שטייט דערביי מיט אַ פּאָר צעשטעלטע פיס ווי קלעצער, קוקט קרימלעך מיט די פאַרזשמורעטע אויגן, איבער וועלכע די ווייסלעכע ברעמען, באַשיטע פון מעל־שטויב, דערמאָנען אין דער שלעפעריקייט פון אַ בעקער. די הענט נעמט ער נישט אַרויס פון די הויזן־טאַשן, דאָס קייטל פונעם זייגער איבער דער אויסגעפּילטער וועסט בלאַנקט רחבותדיק אַראָפּ און עס זעט אויס, ווי ער וואָלט געזאָגט: אַ רוח אין ענקערע לייבער, פּענטאַקעס, אַ מכה וועט איר ביי מיר קריגן אַזאַ מעל פאַר אָט דעם פּרייז. און וואָס מעל איז, ווייס יאָפּקע, איז ער דאָך פאַר דער מלחמה געווען אַ בעקער...

איינער פון זיינע זעקס צי אכט שותפים — איטשע פּנים, וואָס איז מיט צוויי קעפּ העכער פון אים, אָבער גלייכט זיך מיט אים אויס מיט זיינע דעמבאָווע



פּלייצעס, — שטייט אויך מיט די הענט פאַרשטעקטע אין די טאַשן און זיין בורקע און טוט גאָרנישט. ער קוקט בלויז צו, צי ס׳„קאַפּיטאַל“ וואַקסט. דאָרט ביי דער טישעוואַניע זיצן זיינע מענטשן, וואָס ציילן און רעכענען און נעמען געלט. דער יונגער מאַנטשיק ביים שופלאָד מיטן געלט האַלט קאָפּ, ער רוקט יעדעס מאָל אויף די פולע שופלאָד געפּראָפּט מיט פּאַפּיר־געלט און רוקט זי צו. דאָס פּוילישע פּאַפּיר־געלט, וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעלאָזט מיט שאָפּענס דענקמאָל און פּיאַסטעס אָפּבילדונג, ליגט אָנגעלייגט אין הויפנס, ווי פאַרפּעצטע שמאַטעס. הונדערטער, פינפהונדערטער און פופציקער, פופציקער און פופציקער — חמרים. דער יונגערמאַנטשיק, מיט די גלאַנציקע שטיוועלעך אויף די פיס און דעם פיינעם פּאַפּיראָס אין מויל נאָכן פעטן אָנבייסן, פילט אַ ביטול אי צו דעם געלט, אי צו די געלט־געבער. עס ליגט אַזויפיל געלט פאַר זיינע אויגן, אַזויפיל פּאַפּירלעך פון דער אינפלאַציע־צייט, אז עס דוכט זיך אים, עס פעלט אים גאָרנישט קיין געלט. יאָ, אויך ער האָט פאַרגעסן, ווי עס זעט אויס אַ מענטש אָן געלט און ער וואַרט אומגעדולדיק, די פּענטאַקעס זאָלן שוין צאָלן, וואָרעם צונעמען קאָן ער גיך.

איטשע פּנים האָט נישט וואָס צו טאָן. ער דרייט זיך אין געוועלב אין פאַרמעלטן וועליסאָפּעד־הוט אַראָפּגערוקט איבער די אויגן און זעט אויס ווי אַ בייזער הונט. אויך דער דריטער, דער פערטער און פינפטער שותף זענען דאָ אין געוועלב. אַמאָל זענען זיי געווען רייכע פּורמאַנעס, זאָדעוואָסטער־פּאַרריקאַרי! יאַבער, איצט זענען זיי שמוגלער. איינער פון זיי זיצט זיך פאַרוואָרפן מיט איפּוס איבער דער טישעוואַניע און עסט רואיק אַ פּולקעלע פון אַ הון, פאַרבייסן מיט אַ זויער אוגערקעלע. פון איבערן פּולקעלע אפּער וואַרפט ער יעדעס מאָל אַ פּריצישן בליק אויף די קונים, צי עס לוינט זיך...

רירעוודיק זענען בלויז די שותפטעס, די ווייבער. זיי קענען זיך בעסער אויף אייער, אויף פּוטער, און די אלע אַנדערע מאכלים, און זיי פּיבערן צו מאַכן דעם אמתן ושיב. איינע שטייט און טענהט מיט דער אַנדערער, אז פאַר דרייסיק גילדן האָט זי נאָכנישט קיין אָנבייסן פאַר די קינדער, אָבער זי זאָגט דאָך אַ ליגן. דאָס שטעלט זי בלויז אָן אַזאַ פּנים פון אַ נעבעכל. ביידע ווייבער ווייסן גאַנץ גוט, אז דאָס זאָגט זי בלויז אַזוי פאַר יענע, פאַר די קונים, זיי זאָלן הערן און זי נישט מקנא זיין: אָט, כ׳לעבן, די הויפּט־שמוגלער פון קאָזע־געסל קאָנען זיך אויך נישט דערלויבן מער אויסצוגעבן אויף קיין אָנבייסן ווי דרייסיק גילדן. אָבער עס איז דאָך נישט אמת, וואָרעם מיר האַלטן ביי אַ צייט, ווען אַ לאַבן ברויט פון אַ קילאָ די וואָג קאָסט צוואַנציק גילדן, און ווו איז פּוטער און מילך און קעז און טאַקע אַ פריש איי, וואָס אַ שמוגלער־קינד מוז אויפעסן אין דער פרי צום אָנבייסן — אלץ זאַכן, וועגן וועלכע הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער אין שטאָט חלומען מיט פיבערדיקע אייגעלעך.

דאָס צוואַנציקגילדנדיקע ברויט איז אַ זיכערע ערבות, אַז די אַלע גוטע זאַכן פאַר די שמוגלער־קינדער וועלן נישט פעלן. דאָס קאַווירט אויך די רואיקע האַלטונג פון יאַפּקען מיט זיינע שותּפים, גראָד ווי די נערוועזע צעפּאָרנקייט פון זייערע ווייבער. דערווייל האַלטן מיר ערשט ביים אָנהייב פון טאָג, ביים פאַרקויף פון קאַרטאָפליעס. אָט וועט זיך באַלד אָנהייבן דער פאַרקויף פון שפּייז. און דאָ וועט ווערן דאָס אמתע גערודער. מע קאָן נישט וויסן, מיט צוויי שעה שפּעטער קאָן געשען אַ גס — עמעץ קאָן לאָזן אַ קלאַנג, אַז די דייטשן גייען אויף רוסלאַנד. פאַרטאָגס האָט מען געזען אַ סך „וואָיסק“ מאַרשירן צו דער בריק אויף פּראַגע. דאָס איז געגוג. אַזאַ סענסאַציאָנעל שטיקעלע נייעס פאַרשטייען די „גוים“[3] גראָד אַזוי ווי די ייִדן[4] און די פּרייזן נעמען פּלוצלינג שפּרינגען אַרויף. מער ברויך מען נישט. שפּרינגען די פּרייזן, ווערט לעבעדיק אין קאָזע־געסל. די סחורה רייסט מען פון די הענט. יעדער ביסל שפּייז, וואָס ווערט אַראָפּגעלאָזט פון די „גוישע“ פענצטער, ווערט תּיכּף ווי מיט צוואַנגען אַרומגענומען פון די אייזערנע, שטאַרקע לאַפּעס פון די „ווילע“ טרעגער־ייִדן, וואָס כאַפּן די סחורה פאַר רייכע הענדלערקעס פון די באַזאַרן, און מיט זיי קאָן קיינער נישט קאָנקורירן.

אין מיטן געסל שטייען דעמאָלט הונדערטער ייִדן, ווי אין יום־טוב פאַר די שולן, ייִדן וואָס, אָנגעגעסענע, מע מאַכט מסחרים און מע שמועסט פּאָליטיק. דער ברוק איז געדיכט אָנגעוואָרפן מיט מונדשטוקן און נישט אויסגערייכערטע שטאַרקע פּאַפּיראָסן, דאַן ווען אַ פּאַפּיראָס קאָסט זעכציק גראָשן, אָדער בערך מיט טויזנט ביז צוועלף הונדערט פּראָצענט טייערער ווי פאַר דער מלחמה.

צווישן עולם דרייען זיך הענדלער מיט אָנגעהאָנגענע קעסטלעך אויף דער ברוסט מיט טשאַסטעס און שרייען: „נו, אַ סוף, ווער שטעלט איין“. מע׳ ציט נומערלעך פון אַ טאָרבעלע און מע פאַרשפּילט, צי טאַקע מע געווינט אַ טשאַסטע. אַ פּאָר יונגע שמוגלער־יונגען באַלאַגערן די טשאַסטע־פאַרקויפער און פרעסן די טשאַסטעס מיט אַזאַ פרעכער הנאה, אַז עס ווערט פּשוט פּשיקרע צו קוקן אויף זייערע שמאַלציקע פּנימער.

גאַסן־זינגער און גאַסן־שפּילער כאַפּן זיך אַהער אַראָפּ מיטן אויסקוק צו קאָנען פאַרדינען דאָ אין דער זאַטער מדינה, אָבער ווער האָט דאָ חוש פאַר זיי? די פידל גרימפּלט, דער זינגער זינגט: „יאָך וויל נישט אָפּגעבן די באָגע, יאָך וויל נאָך אַ ביסעלע לעבן“... אָבער דאָ מאַכט עס נישט קיין איינדרוק, דאָ גיט זיך דאָס געסעלע אַ היר, אַ הויב און אַ כוואַליע נאָך דעמאָלט, ווען עס צעטראָגט זיך דער שעפּטש: מיט נאָך אַ פּערמעלע... אַ האַלבן גילדן... מיט צוויי... קאָרן־מעל פיר און צוואַנציק און אַ האַלבס... דאָס איז די שענסטע מוזיק אין געסל. וועמען

[3] די קריסטלעכע שמוגלערס.

[4] די ייִדישע שמוגלערס.



ארט דאָרט דער טויטער, אָדער ריכטיקער דער גוסס, וואָס האָט זיך אַוועקגעלייגט נישט אַנדערש ווי גראָד פאַר „יאַפּקעס“ געוועלב און האָט זיך דאָ אויסגעסדרט דעם וועג אין טויט אַריין ביי די שמוגלערס פּיס־טריט?

אָט אויף אָסטראָווסקע, וואָליִנסקע צי אַפילו אויף פּראַנציסקאַנער און נאַלעווקעס ליגן די טויטע אין די גאַסן ווי ביי זיך אין דער היים. ייִדן שטייען אויף אין דער פרי, גייען אַרויס אויף דער גאַס און וויסן, אַז זיי וועלן געפינען ליגן טויטע: איינעם—צוויי—פינף—צען. דאָס זעלבע די חללי־רעב, געשוואָלענע טויטע, וואָס האָבן אַ מלחמה־לאַנג געהונגערט, — און געהונגערט, ביז זיי האָבן זיך וצו אים דערשלאָגן, צום געגאַרטן און פאַרהאַסטן טויט. אָבער דאָ אין קאָזע־געסל? אַ צעטרעטענע פליג, אַ וואַנץ — ווער קוקט זיך אויף איר אום?

די שמוגלער שטייען אין די גלאַנציקע שטיוואַליעס אויף די פיס, אין די פיינע בורקעס; די קילע סעפּטעמבער־זון פאַרגילדעט זייערע אויסגעקייכלטע פּנימער און זיי נאַשן די קאַרמעלקעס און טשאַסטעס, וואָס די צוקערוואַרג־פאַרקויפער טראָגן זיי אונטער און שפּירן אַפילו נישט דעם ווּשום פון דער פאַרבייפליענדיקער טויט־קויל.

הײ, דע, יאַט, גיב אַ קוק ווי די מומע גייט!

דאָס מיינט ער באַשען, די רויטע מויד, איינע פון די גייערס.

עס איז גיין, צען אין דער פרי. דער שפּייז־שמוגל גייט אָן אין פולן ברען, און די גייערס לאָדעווען אײַן זייערע רוקזעק און טראָגן אַוועק די שפּע פּינעם קאָזע־געסל צו די בעקערס. זיי, די גייערס, פאַרדינען צוואַנציק, הונדערט דרייסיק גראָשן ביים קילאָ שפּייז, און זיי מוזן שלעפּן אַ סך. פאַראַן גייערס, וואָס קומען אַראָפּ אין געסל צענדליקער מאָל אין טאָג נאָך פרישע זאַפּאַסן שפּייז. זיי האָבן ווייבער מיט קינדער, זיי אַרבעטן שווער, גייען אַ סך, שלעפּן אַ סך און ווילן עסן, מוזן עסן. אויף ברויט מיט קאַרטאָפל אַליין דאַרפן זיי האָבן אַ פופציק גילדן אַ טאָג, אויב נישט אַ גאַנצן הונדערטער. אָן זיי [וועט דער שמוגלער] גאָרנישט אויפטאָן. דער שמוגלער ווייסט עס, אָבער צו פאַרדינען האָט ער ליב אַליין, דער שמוגלער. עלעהיי נישט ערגער ווי יעדער איינער, וואָס האַלט געדונגענע „מענטשן“ — האָסטו געזען!...

באַשע איז אַ הויכע מויד מיט צוויי שטאַרקע רגלים. שפּאַנט ווי אַ יונג און טראָגט זיך איבערן געסל מיט די ביימלען מעל ווי אַ רוח. איינס און צוויי זעט מען זי אַהין און צוריק מיט אַ ליידיקן רוקזאַק און אַ פּאַק פּאַפּיר־געלט אין האַנט. איידער דו קוקסט זיך אַרום, גייט זי שוין אַרויס אויפסניי אין גאַס, כּדי באַלד ווידער צוריק צו קומען און אַזוי כּסדר.

נישט ערגער פון באַשען אַרבעט דער אַלטער זעליק. אַ ייִד אַ בן־שבעים, וואָס איז פון קינדווייז אָן געוווינט צו שלעפּן; געווען פאַר דער מלחמה אַ סע...... קומט אויך אין קאָזע־געסל אַמאָל צוואַנציק איבערן טאָג.

אָבער נישט אַלע גייעריס האָבן איין מערכה. פאַראַן ווייבער, גייערקעס, וואָס דערשלעפּן קוים זייערע געשוואָלענע פיס. זיי מוזן אויסבעטלען די אַכט-צען קילאָ מעל אויף אַמאָל, און די שמוגלער קוקן אויף זיי ווי אויף אַן אָנשיקעניש, פון וועלכן מע קאָן נישט פּטור ווערן. זיי טוען זיי דעם חסד און וואַרפן זיי צו די פּאָר קילאָ מעל, ווי א פאַרהאַסטע נדבה, די לעצטיקע מקבלים, אָבער דאָס טוען זיי נאָר אַזוי לפּנים; אין תוך ווייסן זיי צו שאַצן דעם ווערט פון יעדן גייער... מחמת ער העלפט גיכער אויסליידיקן די קראָם פונעם „חמץ“, צו פאַרשפּאָרן צו האָבן צו טאָן מיט א פאַרבלאָנדזשעטן זשאַנדאַרם, א פּוילישן פּאָליציאַנט צי א „יונאַק“.[5]

אָט האָט מען ערשט נעכטן [געהאַט די אמתע] חתונה, ווען נאָך א גוטן „שטיפן“ פון אַלע זייטן, זענען ביינאַכט אומגעריכט אָנגעקומען דייטשן, אַנדערע, נישט אָפּגעהורשטע דייטשן, און האָבן אָפּגעשפּילט דאָס אמתע שטיקל. פאַר צענדליקער טויזנטער גילדן שפּייז האָבן זיי צוגענומען און עס האָט נאָך גע-קאָסט א מטמון מיט געלט, אַז מען זאָל אָפּקומען מיטן בלויזן היזק. בלויז דריי פון די „מעטע“-לייט זענען אין דער בהלה אַראָפּגעפאַלן פון האַך און דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט. נו, מילא, לעבן זיי דאָך דערפאַר פון „מעטע-געלט“.

עס איז א קונציק סיסטעם דאָס „מעטע-געלט“, און עס דערמאָנט אַזוי גיט אין די כלערליי מינים פאַרמיטלונגען, מיט וועלכע דער צירקולירנדיקער און רווחים-זוכנדיקער קאַפּיטאַל באַדינט זיך אין אַלע צייטן און ביי אַלע אומשטענדן צו פאַרסטראַכירן זיינע הכנסות.

עס זענען דאָ מעטע-לייט „גויישע“ און יידישע. די „גויים“ שמוגלען די סחורות, וואָס עס קויפן קריסטלעכע שמוגלער, צו דער יידישער גאַס. און יידן — פאַר די יידישע שמוגלער אַריבער דער יידישער זייט. די מעטע-לייט פירן דערביי חשבונות, וויפיל מאָן לעבנסמיטל עס ווערט אַריינגעשמוגלט, און צו יעדן קילאָ וואָג גייט צו פאַר די מעטע-לייט א געוויסער פּראָצענט. די מעטע-לייט האָבן זייערע מענטשן, וואָס היטן דעם פאַרקויף און דעם קויף און גיבן אַכטונג, אַז זיי זאָלן נישט באַגאַנווענט ווערן.

די מעטע-לייט האָבן א שווערע מערכה, דאָס שטייט אויף די דעכער איז תמיד פאַרבונדן מיט לעבנס-געפאַר. אָבער וואָס טוט נישט א ייד צוליב ברויט?

דאָס קאָזע-געסל גיט היונה טויזנטער יידן. עס לעבן פון קאָזע-געסל די „חסרלער“, וואָס פירן פונדאַנען אַוועק אויף זייערע וועגעלעך גרינצייג און אויבסט, און עס לעבן אויך פון אים די טרעגער. ביי יעדער גרויסער שמוגל-קראָם שטייען עטלעכע טרעגער, וואָס כאַפּן צו די אַראָפּגעלאָזטע בייטלען מעל, זעק תבואה און אַנדערע לאַדונגען און צעטראָגן זיי אין די באַשטימטע ערטער. אָבער אַחוץ די

[5] א מין געהילף-פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון כוליגאַנעס און פּאַשיסטן.



דירעקטע פאַרדינסטן האָבן די טרעגער זיך געמאַכט א חזקה, אַז פון יעדן בייטל שפּייז, וואָס גייט אַרויס פון קאָזע-געסל, צו נעמען פּעקל-געלט.

ביי דער פראַנציסקאַנער שטייט זעליק ליאַפּע, א נידריקער, פעסטער פאַר-שוין אין א היטל מיט א גלאַנציקן פּוילישן האַשעק אָנגעטון „נא באַקיער“, און טשאַמפּעוועט אויף יעדן, וואָס גייט אַרויס פונגראַנען מיט א פּעקל: סטאָפּ! — גיט ער אַ ציש צווישן די ציין. — שעמט אייך נישט, פעטער, גיט אַ פּופציקער פּעקל-געלט.

— יאַך א פּופציקער? — מאַכט זיך דער דורכגייענדיקער ייד תמעוואַטע.

— יאָ, א פּופציקער און מאַכע שוין וואָס גיכער.

גיט יענער — הרי טוב, אלא נישט — לאָזט אים ליאַפּע אָפּ די אמתע ליאַפּע איבערן פּנים, אַז יענער דערזעט פאַר זיך די עלטער-באָבע, און קען אַזאַ אַרגו-מענט פאַלן אַוועק אַלע זיינע טענות, און ער ווייגט און צאָלט.

## מיטאָג-רו אין קאָזע-געסל.

אַרום צוועלף מיטאָג-צייט ווערט שטיל אין קאָזע-געסל. אַלע אַריינגעשמוגלטע לעבנס-מיטל-זאַפּאַסן זענען שוין פאַרקנסט, זיצן די טרעגער אויף די טרעפּלעך פון די קראָמען. די שמוגלער שפּאַרן זיך צו אויף די טישן און די פוסטע געוועל-בער און ס'קאָזע-געסל רוט אָפּ, גרייט זיך צום נאָכמיטאָגדיקן שמוגל, וואָס הויבט זיך אָן אַרום פיר-פינף נאָכמיטאָג.

מע קאָן קיינמאָל נישט ווייסן, צי מע וועט צאָלן נאָכמיטאָג די אייגענע פּרייזן ווי אין דער פרי, און דאָס לאָזט זיך דערקענען ביים אַראָפּלאָזן די זאַפּאַסן דורך די פענצטער. איינעם קוראַזש פונעם ערשטן שמוגלער, וואָס טראָגט אַוועק זיינע בייטלען מעל, פונעם טרעגער און מעטע-לייט [דערפילט] ס'גאַנצע געסל די ענדערונג פון קורס, און ווי א פלוצלינגדיקער ווינט איבער א תבואה-פעלד אין אַ הייסן זומער-טאָג, לויפט [אַדורך] איין געסל דער געמורמל: פּ-ע-ם-ט-ע-ר!...

נישט בלויז די חסרלער, טרעגער, גייער, מילך-יידן און מעטע-לייט לעבן פון קאָזע-געסל, עס לעבן טיילווייז פון אים טויזנטער לעבנסמיטל-קראָמען, וואָס פּאַרטייערן, פאַרשטייט זיך, די פּרייזן, און אַחרון אַחרון חביב: עס לעבן פון קאָזע-געסל און אַדאַנק אים צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס וואָלטן אַפילו מיט געלט אין טאַש אויסגעגאַנגען פון הונגער, אויב דאָס קאָזע-געסל וואָלט פאַר זיי נישט געדינט אַלס קאָרן-שפּייכלער.

ימים יגידו[6] —

[6] „די טעג וועלן רעדן“ (פון העברעאיש; ד. ה.: די צוקונפט וועט באַווייזן).

ווער עס וועט דערלעבן, ווער עס וועט איבערלעבן די מגפות, וואָס בושעווען אין געטאָ צוליב דער שרעקלעכער ענגשאַפט, צוליבן שמוץ און אומריינקייט, צוליבן אַראָפּפּאַרקויפן פון זיך דאָס לעצטע העמד פאַר אַ האַלבן לאַבן ברויט — ווער עס וועט זיין אַזאַ גבור, וועט קאָנען דערציילן די שרעקלעכע געשיכטע פון אַ דור און אַ תקופה, ווען מענטשלעך לעבן איז רעדוצירט געוואָרן צום אויסקימעניש פון פאַרוואָרלאָזטע הינט אין אַ חרובער שטאָט.

וואַרשע, געטאָ. אָקטאָבער 1941.



# דער יידישער בריוטרעגער

אַ יידישער פּאָסטשטאַר? איי, געזונט זאָלט איר מיר זיין. זאָגט נאָר, צו וועמען דאַרפט איר, וועמען זוכט איר, מיר וועלן שוין אַלץ ווייזן, איר וועט נישט לאַנג דאַרפן זוכן. איר זעט, יידן, מיר האָבן שוין מיט מזל אַ יידישן פּאָטשטאַר, טאַקע ווי אין פּאַלעסטינע.

מיט אָט די, צי ענלעכע דיבורים האָט נישט איין ייד אויפגענומען דעם יידישן בריוטרעגער אינעם ערשטן טאָג, ווי ער האָט זיך באַוויזן אין געטאָ. עס איז געווען עפּעס ריהנדיקס אינעם קינדיש־צעשמייכלטן פּנים פונעם דאָזיקן יידן. ער האָט געקוקט און זיך געחידושט: טאַקע? אַ ייד אַז „אוזשענדניק“? מע האָט אַזויפיל יאָרן דערצויגן אין מינדערווערטיקייט און רעכטלאָזיקייט, אַז ער איז אַליין געוואָרן איבערראַשט און אויף אַ וויילע פאַרגעסן אין דער צרה פון געטאָ, אין דער רעכטלאָזסטער רעכטלאָזיקייט, וואָס איז אים דערלאַנגט געוואָרן און ער האָט זיך תמימותדיק געוואָלט איינבילדן עפּעס אַ נייע צייט פון יידישער אויטאָנאָמיע, משטיינסגעזאָגט...

— און היטלער פון אַ פּאָסטשטאַר וועט איר אויך האָבן? לעגיטעמס? נומערן?

—און אַ פּאַסעק מיט אַ לעדערנער טאָרבע אויך? — האָט אַן אַנדערער געפרעגט.

צוליבסטן וואָלט ער געוואָלט, אַז דער יידישער בריוטרעגער זאָל טראָגן עפּעס אַ שווערד צי אַן אַנדער כלי־זין, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מאַיעסטעט פון מאַכט. נאָר אויב נישט דאָס, זאָל כאָטש זיין עפּעס אַ היטל מיט אַ גלאַנציקן דאַשעק, אַ נומער, אַ לאַמפּאַס, אַן אויפשריפט.

אין יעדער יידישער שטוב האָט דער בריוטרעגער אָנגעטראָפן פריידיקע אויסגעשרייען, דערשטוינונג, גוטע בליקן, און די פריינדלעכע קבלת־פּנימס האָבן אים דערהויבן אין זיינע אייגענע אויגן. ער האָט דערפילט אַ חשיבות פון זיין אַמט, הגם נישט תמיד פון זיין געזעלשאַפטלעכער אויפגאַבע, און דער יידישער בריוטרעגער האָט געהאַט אַ גוטן אָנהייב.

דער אמת האָט ביי פיל יידן אַרויסגערופן אַזויפיל קנאה, אַז טויזנטער מענער אין פרויען האָבן געקוקט אויפן יידישן בריוטרעגער, ווי אויף אַן אויסדערוויילטן, אַ גליקלעכן, וועמען דאָס מזל האָט צוגעשפילט.

עס איז נישט צו וויסן אויף קלאָר, צי דערפאַר, ווייל דער פּאָסטן פון בריוטרעגער האָט אין זיך עפּעס ראָמאַנטישעס, עס טראָגט זיך פון אים דער ריח פון ווייטע לענדער, פון ימים, מדבריות, שיפן און באַנען. ער ברענגט פריידיקע בשורות פון זין צו אַלטע מוטערס, פון חתנים צו כלות, בשורות וועגן באַגליקנישן, חתונות און בריתן, — אָדער פּשוט, ווייל יידן האָבן געדענקט, ווי גוט זיי פלעגן פאַר דער מלחמה ציילן אין יד אריין דעם „גויישן" בריוטרעגער, כאָטש ביר־געלט איז אָפיציעל געווען פאַרבאָטן, און זיי האָבן דעריבער געגלייבט, אַז אויך דער יידישער בריוטרעגער וועט זיצן אויף אַ גוטער פּרנסה, אין דער צייט ווען דער איבערוויגנדיקער רוב פון די יידן אין געטאָ האָט נישט ביי וואָס צו פאַרדינען קיין פּרוטה און לעבט פון אויספאַרקויפן די הויז־ווירטשאַפט. געוויס, מע האָט גענומען קוקן מיט גרויס קנאה אויפן יידישן בריוטרעגער און דאָס זענען געווען די ערשטע גיפט־טראָפּנס אין זיין פרייד־בעכער.

ער פלעגט אַריינקומען אין אַ שטוב מיט אַ בריוו, האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, וואָס דער אָפּנעמער לייגט אַוועק דעם בריוו עפּעס אַזוי כלאחר־יד, ווי נישט דאָס איז ער אויסן, נאָר עפּעס וויכטיקערס, און באַלד האָט ער פאַרקירעוועט אַ שמועס און שטיל, שטילינקע, פאָרזיכטיק אַ שטעל געגעבן די פראַגע: און וויאַזוי זענט איר אָנגעקומען אויף דעם פּאָסטן? מיט וועמענס הילף? דורך פּראָטעקציע?

דער בריוטרעגער אײַלט זיך, ער האָט נאָך אָפּצוגעבן אַ סך בריוו, אויסצומעסטן אַ סך שטאָקן, אָבער מע שטעלט אים די פראַגע אַזוי איידל, אַזוי אָפּגעהיטן אין די רייד, אַז ער קאָן זיך נישט אַרויסדרייען, ער מוז ענטפערן. ערשט ווען ער נעמט סוף־כל־סוף אַוועקגיין פון שטוב, קומט די נישט דיסקרעטע פראַגע: און אפשר... — איך מיין חלילה נישט אומזיסט, איך וואָלט זיך געלאָזט קאָסטן עטלעכע הונדערט גילדן. איר וואָלט געקאָנט פאַרדינען... אפשר קאָנט איר מיר דערין העלפן?...

אַן אַנדערער פוילט זיך נישט און באַגלייט אַראָפּ דעם בריוטרעגער פון די טרעפּן און מאַכט עם מאַקע מעשה סוחר: ער רעדט יידיש און זאָגט אָפּענע דיבורים: הערט ר' ייד, איר קריגט פון מיר צוויי מאות און שאַפט מיך אַריין אויף דער פּאָסט...

אין אַנדערע שטובן מאַכט מען נישט קיין ענלעכע פאָרשלאַגן, אָבער מע קאָן זיך נישט איינהאַלטן אַ זאָג צו טאָן, סתם אַזוי אָן שום סמיכת־הפּרשות: נו, אייך איז גוט, איר האָט דאָך אַ מלוכה־פּאָסטן.



די מענטשן האָבן ווירקלעך אַזוי געגלייבט. זיי האָבן געדענקט די גאָר נאָענטע פאַרגאַנגענהייט, ווען דער פוילישער בריוטרעגער האָט באַקומען פון דער מלוכה־קאַסע אַ חודשלעכע פּענסיע, באַלייכטונג און באַהייצונג, שיך, מלבושים, און סתם גראַטיפיקאַציעס, און זיי האָבן נאַיוו געגלייבט, אַז אויך דער יידישער בריוטרעגער מוז דאָס קריגן. בפרט נאָך ווען די „גמינע" נעמט פאַר צושטעלן די בריוו אַזאַ הויכן אָפּצאָל, חוץ דער פּאָסט־מאַרקע.

אַנדערע ווידער האָבן גאַנץ איינפאַך זיך אויסגעמאָלט, אַז דער אָפּצאָל פאַר די בריוו גייט טאַקע פאַרן בריוטרעגער, וואָרעם פאַר וועמען דען, אויב נישט פאַר אים? פאַר דער מלוכה? זי נעמט דאָך געלט פאַר פּאָסט־מאַרקעס! וועמען פון זיי האָט געקאָנט איינפאַלן, אַז די „יידישע פּאָסט" איז ביי די דייטשן גאָר געווען אַן „אַבלאַגע־שטעללע פיר בריפע", אַז די אמתע פּאָסט האָט זיך געפונען אויף נאַפּאָלעאָנאַ (גאַס), מחוץ געטאָ, און אַז אויך אויפהאַלטן די „יידישע פּאָסט" האָט די קהלה נישט געקריגן פון די דייטשן קיין פּרוטה?

דער אָפּצאָל פאַר די בריוו איז טאַקע באַלד געוואָרן און געבליבן דער גרעסטער אבן נגף פאַרן יידישן בריוטרעגער: קודם כל האָט דער עולם זיך נישט געוואָלט צוגעוווינען צום געדאַנק, אַז די פּאָסט־מאַרקע דעקט נישט די הוצאות, נאָר מע מוז ערשט נעמען באַזונדער צוואַנציק גראָשן פאַרן צושטעלן אין שטוב אַריין אַן אינלענדישן בריוו און דרייסיק גראָשן — פאַר אַן אויסלענדישן. והשגית, האָט מען געטענהט, צו וואָס דאַרף מען בכלל ברענגען דעם בריוו אין שטוב אַריין. פאַר דער מלחמה זענען אין וואַרשע אין יעדן טויער געהאָנגען פּאָסט־קעסטלעך מיט נומערן צוגעפּאַסט צו די נומערן פון די וווינונגען. יעדער לאָקאַטאָר האָט זיך געהאַט זיין קעסטל און אַהין פלעגט דער פוילישער בריוטרעגער אַריינוואַרפן די בריוו, און טאַקע בחנם, אָן שום אָפּצאָל. ער פלעגט נאָר דעמלט גיין אין די שטובן, ווען ער פלעגט ברענגען עפּעס אַ וויכטיקן בריוו, ווי, למשל, פאַר יידן אַ בריוו פון אַמעריקע, וואָס האָט געשמעקט מיט דאָלאַרן. פאַרוואָס זאָל דער יידישער בריוטרעגער אויך נישט טאָן דאָס זעלבע?

אויף דער באַמערקונג פון בריוטרעגער, אַז אַזוי איז די פאַראָרדענונג, האָט מען געענטפערט מיט צאָרן: „יאָ, אַלץ די „גמינע",[1] אַז פאַרברענט זאָל זי ווערן! זי מאַכט עס גראָד אַזוי ווי מיטן באָנע־ברויט, מיט די קאַרטאָפלעס, מיט די קוילן, אַלץ שלינגט אַראָפּ די גמינע, מיט אַלעם פרעסט זי זיך אַליין אָן. נאָר „שפּעקולאַציעס", קאָמבינאַטאָרן — אַ פייער זוכט זיי!

ווען דער בריוטרעגער האָט אין יעדער שטוב געמוזט אויסהערן די טענות צו דער קהלה, צוזען די צאָרנדיקע בליקן, די פאַרקרימטע העוויות, דעם שוים אויף די ליפּן, מיט וועלכע מע האָט זיך געוואָרפן אויף אים, ווי ער וואָלט טאַקע

[1] דער יודענראַט.

געווען די לעבעדיקע פאַרקערפּערונג פון דער פאַרהאַסטער „גמינע“, איז אים ס'לעבן געוואָרן נישט ניחא. גיין שטאָק אַרויף שטאָק אַראָפּ און אין יעדער שטוב ווערן אויפגעבראַכט פון די כסדרדיקע פּרעטענסיעס צו אים, דעם מענטש פון דער „מאַכט“, דעם גמינע־באַאַמטן, האָט ביים בריווטרעגער געשאַפן אַ שטענדיקע גערייצטקייט, צעשרויפט זיינע נערוון, און עס איז געווען שווער, ער זאָל בלייבן העפלעך און קאָרעקט.

די באַציונג צום יידישן בריווטרעגער קאָן מען קלאַסיפיצירן לויט די באַפעלקערונגס־גרופּן. צומבעסטן האָט אויפגענומען דעם יידישן בריווטרעגער דער עמך־מענטש; צומערגסטן — די אינטעליגענץ און די חסידים. דער פאָלקס־מענטש האָט נישט נאָר געגעבן דעם אָפּצאָל, נאָר האָט אויך דעם בריווטרעגער געגעבן א פּאָר גראָשן ביר־געלט. ער האָט דאָס געטאָן גאַנץ נאַטירלעך, אָן צוואַנג, פאַרשטייענדיק, אַז יעדער וויל לעבן... דער בריווטרעגער האָט נישט זעלטן געקאָנט אַריינפאַלן צו אַן אָרעם שוסטערל אין א קעלער־שטוב, וואָס האָט פאַר אַן אינלענדיש קאַרטל אים באַצאָלט פופציק גראָשן. אויף דער באַמערקונג פון בריווטרעגער, אַז עס קאָסט נישט מער ווי צוואַנציק גראָשן, האָט דאָס יידל געענטפערט האַרציק: דאָס איבעריקע איז פאַר אייך. די גמינע צאָלט אייך נישט אויף זיך איבערצוועסן...

די בירגערלעכע אינטעליגענץ דאַקעגן, און גאַנץ באַזונדערס די דאָקטוירים, האָבן זיך צום בריווטרעגער באַצויגן כמעט פיינטלעך. דער יידישער בריווטרעגער האָט צו זיי גערעדט פּויליש — ווי ער האָט בכלל אין ס'רוב שטובן גערעדט פּויליש — אַ זכר לוואַרזע — נאָר אויב אַזוי, זענען זיי, די דאָקטוירימלעך, דאָך נעענטער געווען צו דער מאַכט. אַ סך פון זיי האָבן אַפילו געאַרבעט אין שטאַטישע צי רעגירונגס־אַנשטאַלטן,[2] ממילא איז פאַר זיי דער יידישער בריווטרעגער געווען פון נידעריקערן מאַכט־יחוס. קיין גראָשן ביר־געלט האָבן זיי נישט געגעבן. ערשטנס, זענען זיי דאָך אינטעליגענטן און האָבן געלייענט אין פּויליש־יידישן בלעטל „גאַזעטאַ זשידאָווסקאַ“[3] (אין יענעם בלעטל, וואָס האָט נאָכן גירוש־קראָקע געשריבן, אַז די מאַכט האָט דעם גירוש פון פערציק טויזנט יידן דורכגעפירט אויף אַ הומאַנעם אופן...) דעם רוף פון דער גמינע צו דער יידישער באַפעלקערונג נישט צו צאָלן מער פאַרן צושטעלן די בריוו ווי די צוואַנציק און דרייסיק גראָשן... נאָר אַ פּראָסטאַק קאָן געבן מער, דערפאַר איז ער דאָך אַ פּראָסטאַק, אָבער ער, דער אינטעליגענט, — ער קען דאָך דאָס „געזעץ“... ער האָט דאָך געלייענט שוואַרץ אויף ווייס.

---

[2] געמיינט: יודענראַט־אַנשטאַלטן.
[3] אָרגאַן פון יודענראַט.



והשנית, און דאָס איז מער ווי וואַרשיינלעך, איז דער דאָקטאָר געווינט צו נעמען געלט און טאַקע צו נעמען גראָב געלט, אָבער צו געבן?...

די חסידים ווידער זענען דאָך מערסטנטייל האַנדלס־מענטשן. און אויב נישט קיין סוחרים בפועל, האָבן זיי געלערנט די דינים פון מקח וממכר, און אַ סוחר גיט דאָך נישט קיין גראָשן אויסער פּרייז... אויב דער חסיד האָט זיך יאָ אונטערשיידט פון אינטעליגענט, איז עס בלויז געווען מיט דער פאָדערונג, אַז דער בריווטרעגער זאָל רעדן יידיש. אָבער אויך דאָס איז, ווייזט אויס, גיכער געווען פּאָליטיק ווי נאַטירלעכער אימפּולס, מער אגודה — ווי יידישקייט...

די האַרציקע באַציונג צום יידישן בריווטרעגער איז ביסלעכווייז אָפּגעקילט געוואָרן, נישט צוליב זיין, דעם בריווטרעגערס שולד, נאָר צוליב דער פּאָסט גופא, צוליבן אופן פון איר אַרבעט, צוליב דער קהלה, צוליב דער דעמאָראַליזאַציע פון קאָרומפּירטע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין די עפנטלעכע אינסטיטוציעס און מיט זייערע מעשים רעים אונטערגעגראָבן דעם פּרעסטיזש און אָנזען פון יעדן מין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט בכלל. דאָס האָט געווירקט אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן אַזוי ווייט, אַז יעדער מענטש מיט א געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן האָט שוין לכתחילה אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי אַ פאַרשטייער, א שליח פון א קליקע. און ממילא האָט דער בריווטרעגער מיט זיין דערשיינען אין שטוב גערייצט די פון די מלחמה־איבערלעבענישן אַזוי אויך גענוג צעשרויפטע נערוון פון די מענטשן, און זיי האָבן אים אָפטמאָל באַגאָסן מיט א פּאָמעשאַף פון זלזולים.

וואָרעם וואָס האָט דער בריוו־אָפּנעמער זיך געקאָנט טראַכטן, ווען ער האָט אין דער ערשטער צייט ווי די פּאָסט האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן (שפּעטער האָט זיך עס סוף־כל־סוף געענדערט) דערהאַלטן א בריוו מיט א פאַרשפּעטיקונג פון א גאַנצער וואָך, אויב נישט טאַקע פון צוויי וואָכן? אין פלוג האָט זיך אים געדוכט, אַז דער בריווטרעגער איז דערין שולדיק, ער פוילט זיך, ער גייט נישט אָפּ אין דער צייט, ער האַלט די בריוו ביי זיך אין שטוב. שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די סיבה איז די אָנפירונג פון דער פּאָסט און נישט דער בריווטרעגער, איז דערפון אויך דעם בריווטרעגער נישט גרינגער געוואָרן. די דאָקטוירימלעך און סתם שמענדריקעס זענען אָנגעפאַלן אויף אים, דעם בריווטרעגער, און געזידלט די פּאָסט מיט דער גרעסטער גרינגשעצונג. „זשידאָווסקאַ פּאָטשטאַ“, האָבן זיי קראַמפּהאַפט געדרוקט די פויסטן, ווי זיי וואָלטן דערמיט געוואָלט אויסראָטן דעם גאַנצן מין „זשידאָווסקי“. יידן פון אַנדערע שיכטן האָבן סתם חוזק געמאַכט, זיך געוויצלט אויף דעם חשבון, אָדער נאָר טאַקע פאַרגליכן דעם הייגטן מיט אַמאָל און זענען געקומען צו דער מסקנא פון ביטול, אַז מיר, יידן, זענען שלימזלניקעס, מיר טויגן צו גאָרנישט: גייטס, מאַכטס עפּעס מיט א יידעלע ק...

און די זעלבסטפארלייקענונג האָט זיך געווייזלעך פארענדיקט מיטן באקאנטן ווערטל, אז מיט יידן איז גוט צו גיין אין שול אריין.

און אז די בריוו זאָלן נישט אָנקומען מיט קיין פארשפעטיקונג, איז דער עולם געווען געוואלדיק פאראינטערעסירט; נישט בלויז סוחרים, האנדלס-מענטשן, נאָר טאקע דער ברייטער עולם. וואָרעם דאָס קליינע שטיקעלע פאפיר, געשריבן אין א קוידערוועלש פון חצי יידיש, חצי דייטשמעריש, האָט אָפטמאָל אנטהאלטן די לעצטע רעטונג, ברויט און שטיצע פון קרובים אויף דער פראָווינץ.

באזונדערס האָט מען אויסגעקוקט די בריוו פון רוסלאנד. די פיל טויזנטער יידן, וואָס זענען דאָן אנטלאָפן קיין רוסלאנד, האָבן נאָכן איינפונדעווען זיך אויף די נייע ערטער גענומען שיקן פעקלעך מיט לעבנס-מיטל צו זייערע קרובים אין ווארשע. עס האָבן געשיקט פעקלעך מענער צו זייערע פרויען און קינדער, זין אָדער טעכטער צו זייערע עלטערן און סתם יידן צו קרובים און גוטע פריינד. די פעקלעך פון רוסלאנד זענען געקומען נישט בלויז גוט פארפאקטע מיט לייוונט און פארזיגלט מיט זיבן זיגלען, מע זאָל פון זיי אין וועג נישט קאָנען ארויסגנבענען דאָס בעסטע, נאָר זיי האָבן טאקע אנטהאלטן עסנוואַרג, וואָס איז דאָ געשטאנען גאנץ הויך אין פרייז. די קרובים פון רוסלאנד האָבן געשיקט רייז, טיי, קאווע, שאָקאָלאד און אין אָנהויב אפילו בראָנפן און טאבאק אויך; מע' האָט געשיקט גערייכערטע פליישן, ווורשט, בעקאָן, קעז און פוטער און אפילו קאוויאָר. ווען א ווארשעווער ייד האָט דערהאלטן אזא פעקל, האָט ער א טייל דערפון ווי, למשל, די טיי, קאווע, טאבאק, בראָנפן א. א., געקאָנט פארקויפן פאר גוט געלט, וואָס האָט אים געקלעקט זיך צו דערנערן עטלעכע וואָכן, און די רעשט פארברויכן פאר זיך. אין די שטובן, ווו די פעקלעך זענען אָנגעקומען רעגולער, האָט מען פון קיין נויט נישט געוווסט. די פעקלעך פון רוסלאנד האָבן געווירקט אויף די פרייזן פון מארק, און פון דער צווייטער זייט האָבן זיי געבראכט דעם ארייננפיר פון ארטיקלען, וואָס די דייטשן וואָלטן נישט געלאָזט ארייננפירן, אָדער וואָס וואָלטן געמוזט קאָסטן זייער טייער.

פארשטייט זיך, אז פארן אָנקומען פון אזא פעקל האָט דער ארויסשיקער געמאָלדן וועגן דעם אין א בריוו, וואָס פלעגט געוויינלעך אָנקומען א שטיק פריער פונעם פעקל. א בריוו פון רוסלאנד איז דעריבער באטראכט געוואָרן נישט ווי א בריוו; ווי א באשריבן שטיקל פאפיר, נאָר ווי א לעבעדיקער בשורה-ברענגער; אלטע מאמעס, האָבן דאָס בריוועלע פון די זין מיטן אָנזאָג פון אן ארויסגעשיקט פעקל געצערטלט מיט קאָנוולסיווע פינגער, געדריקט עס צום הארצן, זיך אויסגעמאָלט גענדזען-שמאלץ, פיפיקלעך, לעבערלעך און ציבעלעס מיט גריוון, וואָס זיי האָבן געגעסן אויף די קינדערס שמחות; ווייבער האָבן אין די זאכן, וואָס זענען אויסגערעכנט געווען אין בריוול, וואָס די מענער שיקן זיי, דערקענט מיט באזונדערן פיינפילנדיקן חוש פון פרויען, צי די מענער זענען זיי געבליבן געטריי...



— זי זעען ריוועטשע, האָט א יידענע זיך געריימט פאר איר שכנטע, מיין שלום נעדענקט נאָך, אז איך שטארב אוועק פאר א גוט שטיקעלע גענדזן-ווורשט. שיקט ער מיר טאקע יעדעס מאָל ווורשט, לאָמיך שוין האָבן אזוא יאָר!

און פלוצלינג איז אויפגעקומען א יידישע פאָסט, פארברענגט זאָל זי ווערן, און נישט מע זעט קא בריוו, נישט מע קריגט קיין פעקל. גאנצע טעג זיצט מען אין שטוב און מע קוקט אויס אויף דעם בריוועטרעגער, אָבער ער קומט נישט, און קומט ער שוין יאָ, ברענגט ער א בריוו — צו וועמען מיינט איר? — צום סובלאָקאטאָר, צו אָט דעם לויזער, וואָס האָט צומאָל דאָרטן נישט קיין רעכטן קרוב, נאָר עפעס א באקאנטן, און יענער שיקט אים פעקלעך. נו, קאָן מען נישט צוגעדריקט ווערן? צו אלעם מוז מען האָבן מזל...

שטאָט האָט גערעדט, יידן זענען געווען שרעקלעך אויפגעבראכט, געשאָלטן און געזידלט די יידישע פאָסט, איר פירערין און איר גאנצן געבעכדיקן קיום, און די אָרגאניזאציע פון דער יידישער פאָסט איז זיך אויף א האָר נישט בעסער געוואָרן; עס האָבן זיך געשלעפט לאנגע וואָכן און חדשים פון איין קליינער אויסבעסערונג צו דער צווייטער, און די בריוו זענען אלץ צוגעשטעלט געוואָרן מיט א פארשפעטיקונג. טיילווייז דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס פאר דער צייט ווי עס איז ליקווידירט געוואָרן די פוילישע פאָסט, ביז ס'איז געשאפן געוואָרן די יידישע — איז פארגאנגען עפעס אן ערך פון א צען טעג; דעם ערשטן טאָג, וואָס די יידישע פאָסט האָט אָנגעהויבן פונקציאָנירן, האָט זי בכן איבערגענומען רעזערוון פון דעם טאָג אין דער פאָרם פון פולגעפאקטע זעק מיט בריוו. דער באאמטן-פערסאָנאל איז נישט געווען קוואליפיצירט, דאָס סעגרעגירן די בריוו האָט ביי אים פארנומען פיל צייט; ביז מע האָט סעגרעגירט און ארויסגעשיקט די אָנגעקומענע בריוו, זענען דערווייל אָנגעקומען פרישע זעק מיט בריוו, וואָס זענען בים-לעכווייז פארעלטערט געוואָרן.

וואָס האָט מען געהארפט טאָן דערצו? פשוט צונעמען אויף עטלעכע טעג א הילפס-פערסאָנאל, וואָס זאָל העלפן די אָנגעקליבענע בריוו סעגרעגירן, עווענטועל פארגרעסערן די ארבעטס-צייט און אזויארום אָפּווייקלען די חובות. איז אָבער די יידישע פאָסט געבענטשט געוואָרן מיט א דירעקטאָר, וואָס האָט זיך געקלאפט אין קאָפּ אריין, אז ער איז אן „ענערגישער“ מאן, א מאדים, אן איינשפאָרער און צו אלע צרות אויך אן „אָרגאניזאטאָר“ — איז ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו דעם איינפאכן געדאנק אוועקצוזעצן א הילפס-פערסאָנאל, זענען פארגאנגען לאנגע וואָכן, און דאָס האָט אזוי ארונטערגעריסן דעם אָנזען פון דער יידישער פאָסט, אז לאנגע חדשים שפעטער, ווען די פאָסט האָט ווירקלעך פינקטלעך יעדן טאָג פאנאנדערגעשיקט די אָנגעקומענע בריוו און נישט געהאט ביי זיך קיין שום רעזערוון, האָט מען אלץ אין שטאָט געשמועסט, אז די בריוו ווערן פארפאלן אויף דער פאָסט...

דער כל המתו פון דער יידישער באפעלקערונג צו דער פּאָסט איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן בריווטרעגער. ווען ער האָט זיך באוויזן אין א הויף, איז ער ארומגערינגלט געוואָרן פון אלע זייטן, מע האָט אים געשלעפּט פאר די ארבל, אים אריינגעשריגן אין די אויערן, איבערגעפרעגט צען מאָל: ניין, איר האָט טאקע נישט פאר גרינבערגן קיין בריוו? און פאר ראָזענטאלן? פאר מאָרגנשטערנען? — פאניע פּאָטשטאר, — שרייט אראָפּ א ייד פון פערטן שטאָק, — איר האָט א בריוו פאר צמחן, ניין? א בריוו פון רוסלאנד זאָגט מיר? נישטאָ? גיט נאָר נאָכאמאָל א קוק!...

אנדערע פוילן זיך נישט, לויפן צו צום בריווטרעגער, רייסן ביי אים די בריוו פון די הענט ארויס, זאָגן אים צו, אז זיי זענען בלויז אויסן זיין טובה, אים צו פארלייכטערן, ווייזן דעם וועג, איינשפּאָרן אים צו גיין אויף די שטאָקן, און ווען זיי איבערצייגן זיך, אז ער האָט ווירקלעך פאר זיי נישט קיין בריוו, דאן דערקלערן זיי זיך דאָס גאָר פּשוט, אז די איינציקע סיבה איז נאָר די יידישע פּאָסט; פריער פלעגן זיי דאָך כסדר קריגן בריוו!

וואָס גרעסער עס איז געוואָרן דער יקרות, וואָס ענגער עס איז געוואָרן די שטריק ארום האלדז פון די יידן אין געטאָ, אלץ שטארקער איז געוואָרן די נאָכפראגע אויף די בריוו. צענדליקער טויזנטער יידן זענען ארומגעגאנגען מיט די הענט אין די טאַשן און געטראכט נאָר איין טראכטעניש: איי, ווען זיי קריגן אזוי א בריוו, זאָל זיין פון רוסלאנד, זאָל זיין פון אמעריקע; אויב נישט, טאָ כאָטש פון קאָנסקע־וואָליע, פון פּראשניץ, פון קאָצק, וווּ זיי האָבן משפּחה; יענע זאָלן זיך דאָס דערמאָנען און צושיקן א פּעקל! אָט קריגן דאָך יידן פּאָרט פּעקלעך פון די קליינע שטעטלעך אין פּוילן, פארוואָס מוזן זיי האָבן אזא ביטער מזל?

די אייסקוקעניש אויף פּעקלעך האָט מענטשן פּשוט געמאכט ווי וואנזיניקע. פרויען פלעגן ארומרינגלען דעם בריוו־טרעגער מיט אזא מבול פראגן, אז ער פלעגט פארמאטערט ווערן פון בלויזן ענטפערן: — פאניע, זי האָבן נישט פאר מיר קיין בריוו?

— ווי הייסט איר?

— גאָלדשטיין.

— נומער פון דער וווינונג?

— 70.

— ניין.

— און אפשר האָט איר אויף נומער 76?

— און אפשר פאר נומער 30?

— איר ווינט דען אין דריי דירות?

— ניין.

נאָר וואָס דען, די יידענע איז סתם נייגעריק, צי איר שכנטע, דער חזיר



מיט דער טריפהנער מערכה, האָט נישט אמאָל געקריגן קיין בריוו און — זי מוז עס וויסן.

עס טרעפט, אז דער בריווטרעגער גייט צופעליק דורך אין א גאס, וווּ ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָגן קיין בריוו, די מענטשן פון גאס קענען אים נישט, אָבער זיי ווייסן דאָך, אז די יידישע פּאָסט שיקט נישט קיין שטענדיקע בריווטרעגער אין איין ראיאָן, זיי בייטן זיך כמעט יעדן טאָג, — און זיי פארהאלטן דעם בריווטרעגער און שרייען אים נאָך:

— הערט נאָר, פאניע, איר האָט נישט פאר מיר קיין בריוו? — ניין, נישט אמאָל א בריוו פון רוסלאנד?

א בריוו פון רוסלאנד, א בריוו פון רוסלאנד — דאָס איז געווען דער שענסטער טרוים פאר די חרובע מענטשן, זייער זיסטע האָפענונג, זייער לעצטע טרייסט. די קינדער, וואָס האָבן מיטגעפיבערט מיט די עלטערן און זייער געשפּאנטער דערווארטונג, האָבן דעם בריווטרעגער נישט געלאָזט דורכגיין קיין טריט אין גאס; זיי פלעגן אים באלאגערן און מיט זייערע יונגע, קוויטשענדיקע קולות פארטויבן די אויערן. און טאָמער האָט דאָס גליק געוואָלט, אז דער בריווטרעגער האָט געהאט א בריוו פאר זייערע עלטערן, איז דאָס קינד הענדום־פּענדום, מיט קולי־קולות געפלויגן אויף די שטיגן און אָן אָטעם אריינגעפלאצט אין שטוב: טאטעשי, מאמעשי, א בריוו פון סרולעקן, פון צירלען, פון יוכבדן. כ'האָב אליין געזען דעם בריוו מיט א מארקע פון רוסלאנד...

— אוי, קינדער, א בריוו פון סרולעקן, ווי איז מיר נישט, — פלעגט די יידענע זיך כאפּן פאר'ן הארץ, — לויפט נאָר קינדער גיכער, ברענגט דעם בריוו. גאָט, דאָ האָט עך געלט. אוי, טאטעלע אין הימל...

און דער יידענע הויבט אָן שווינדלען פאר די אויגן. דער בריוו וואקסט אויס אין א גרויסן קעז, און א לאנגן וווּרשט, אין א שטיק פעטע פּוטער; זי זעט שוין מער גאָרנישט, זי הערט גאָרנישט, זי טאַפּט בלויז מיט די הענט, ווי זי וואָלט גענומען אריינלייגן אין טאָפּ די פעטע, גוטע מאכלים...

דער בריווטרעגער איז פארמאטערט, די נערוועזיטעט פון די הונגעריקע מענטשן, זייער שלעפּן אים ביי די ארבל, דער הרבה צו ענטפערן אויף טויזנטער פראגן א טאָג, וווּ ער גייט און שטייט, און נישט בלויז צי עס איז אָנגעקומען א בריוו צי ניין, נאָר וועגן אלץ, וועגן אלע געזעצן און פאראָרדענונגען פון דער פּאָסט, וועגן געלט איבערשיקן, רעקאָמענדירטע בריוו, לופט־פּאָסט און אפילו מכוח „סאָנדערס", פּאָליציי, שטייערן, און וועגן וואָס נישט? איז ער דאָך עפּעס אן „אוזשענדניק", א מענטש, וואָס האָט צו טאָן מיט דער מאכט — „וולאדזא"!...

דער בריווטרעגער לעבט אין געהאקטע צרות. ער שטייט אויף פינף פארטאָגס און ארבעט ביז ניין, צען אין אָוונט, און דערביי קריגט ער נישט קיין וועכנטלעכע פענסיע, נאָר באצאָלט פון שטיק — זעקס גראָשן פון בריוו און נאָכן אראָפּ־

רעכענען אַלע שטייערן און „סאָציאַלע פאַרזיכערונג“, פון וועלכער ער קאָן אַלס ייד נישט געניסן לויט דער תורה פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, נאָר בלויז פאַר איר די זכיה האָבן צו צאָלן, — בלייבט אים צומאָל קיין פינף גראָשן אויך נישט. פון פאַנאַנדערטראָגן הונדערט צי אפילו הונדערט מיט פופציק בריוו א טאָג בלייבט זיין פאַרדינסט א לעכערלעכער, ווען א לאַבן שוואַרץ ברויט קאָסט פון צוויי ביז פיר און צוואַנציק גילדן... דאָס ביסל ביר־געלט ענדערט קיין סך נישט די לאַגע. די באַדינגונגען פון דער אַרבעט זענען אַזוינע אומדערטרעגלעכע, אַז זיי ווירקן שנעל צעשטערנד אויף זיין געזונט. דער „ענערגישער“ דירעקטאָר, וואָס וויל תמיד אָנגיין אַלס א מיליטעריש אויסגעשולטער און דיסציפּלין־פאָדערנדיקער פירער, פאַרזאַמלט אָפט די בריוטרעגער אויף אַן „אַפּעל“, אויף א באַראַטונג הייסט עס, און פאָדערט פון זיי שטרענג, אַז נישט שפּעטער, נאָר פינקטלעך אַכט פרי זאָלן זיי קומען צו דער אַרבעט אויף דער פּאָסט, אויב נישט, וועט ער זיין שטרענג, ער וועט אויף גאָרנישט קוקן, זאָל מען אים גלויבן, ער האָט פיינט סתם צו וואַרפן ווערטער אין דער לופטן, אַז ער וועט וועלן, וועט ער קאָנען, ער וועט באַשטראָפן און אפילו באַזייטיקן פון דער אַרבעט, וואָרעם אָרדענונג מוז זיין! — פאַרענדיקט ער פּאַטעטיש.

נאָר די אָרדענונג איז אַזאַ, אַז די בריוטרעגער קומען צו דער אַרבעט אין ווינטער, אין די פרעסט און שנייען נישט אַרום אַכט, נאָר טאַקע אַרום זעקס, וואָרעם כל הקודם זוכה? די סעגרעגאַטור אַרבעט פון אין דער פרי ביז פאַרנאַכט, און באַוויזט נישט פאַרטיק צו מאַכן אַזויפיל פּעקלעך בריוו, עס זאָל קלעקן פאַר די צאָל בריוטרעגער; בלייבן תמיד איבער א טייל, וואָס גייען אַהיים, נאָך א גאַנצן טאָג וואַרטן, הונגערן און פרירן אין די קאַלטע קאָרידאָרן מיט צעמענטענע פּאָדלאָגעס, — מיט ליידיקע הענט. זוכה־בגורל צו קריגן א פּעקל בריוו צו פאַרטיילן זענען נאָר די, וואָס קומען טאַקע פינף־זעקס פאַרטאָג און דאָס אויך נאָר על פּי רוב די לייט פון „באַטאַליאָן“, דאָס הייסט אייגנטלעך דעם דירעקטאָרס מענטשן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט ביי די דייטשן, אויף זייערע אַרבעטס־פּלאַצוווקעס.

די לייט פון באַטאַליאָן זענען א באַזונדער קאַפּיטל אין לעבן פון דער יידישער פּאָסט; זיי זענען דאָס די פּויליש־רעדער, די יורשים פון די שמענדריקעס. זיי האָבן עס געבראַכט די מיליטערישע אָרדענונג פון די דייטשישע אַרבעטס־פּלאַצוווקעס, ווו זיי זענען פריער געווען אָנגעשטעלט אַלס סעקציע־פירער; זיי גרויסן זיך מיטן יחוס צו האָבן געקריגן פון די דייטשן „פּשעפּוסטקעס“, אויסצייכענונגען, פּריווילעגיעס. וועגן טייל מורמלט מען, אַז זיי האָבן די דייטשן צוריקגעדינט מיט פאַרטרויליכע ידיעות, מיט מסירה׳לעך; זייערע מענטשן אַרבעטן אין אַלע אינסטיטוציעס פון דער קהלה, און פיל העכערע באַאַמטע ציטערן פאַר זיי, מע ווייסט, אַז זיי זענען „געסטאַפּאָווצעס“.



די לייט פון „באַטאַליאָן“ האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אויסרעדן קיין יידיש וואָרט.

די לייט פון „באַטאַליאָן“ האָבן זיך געקאָכט זייער אייגענע מאָראַל. זיי זענען געווען קרוב וועכציק אויף א צאָל פון הונדערט בריוטרעגער, אָבער די מאַכט איז געלעגן אין זייער האַנט. זיי האָבן אַוועקגעשטעלט זייערע מענטשן ביי דער טיר ביים אַרויסגעבן די פּעקלעך מיט בריוו. דער אַרויסגעבער פון די פּעקלעך איז דעסטגלייכן געווען מיט זיי — און זיי האָבן געקריגן פּעקלעך פאַר די רייכסטע גאַסן, אין שיינע הייזער מיט גוטע טרעפּ, רייכע דירות און גוט ביר־געלט, בעת די אַנדערע, וואָס האָבן די „זכיה“ נישט געהאַט צו געהערן צום „באַטאַליאָן“, האָבן באַקומען פּעקלעך אין די אָרעמסטע גאַסן און געסלעך, מיט צעדרייטע, צעבראָכענע טרעפּ, טונקעלע קעלערס, פייכטע בוידעם־שטיבער, באַפּרוכפּערטע מיט באַצילן פון טיפוס.

ווען מע האָט גענומען פאַנאַנדערטיילן די פּעקלעך, האָבן געקריגן קודם כל זייערע מענטשן. אין תחילת האָבן זיי עס געמאַכט פאַרשטעלטערהייט, שפּעטער — אָפן און ציניש. זיי האָבן געטענהט, אַז די לייט פון „באַטאַליאָן“ האָבן „פאַרדינסטן“ פאַר דער יידישער געזעלשאַפט, און זיי קומט די בכורה, און ווער עס האָט געהאַט די העזה צו וועלן גיין קעגן זיי, האָבן זיי געוויזן א פויסט.

זייערע מענטשן מיט זייערע אייגנאַרטיקע געזעלשאַפטלעכע באַגריפן האָבן עס, ווייזט אויס, געבראַכט דערצו, אַז אין שטאָט זאָל מען חושד זיין בריוטרעגער אין גנבות. אָט איז געקומען א יידענע אויף דער פּאָסט און זיך געשוואוירן, אַז ווען דער בריוטרעגער איז אַרויס פון איר שטוב, איז מיט אים פאַרשוווּנדן א זייגערל פון טיש אַראָפּ; אַן אַנדערער איז געקומען זיך באַקלאָגן, אַז א בריוו־טרעגער האָט ביי אים צוגעגנבעט א פּאָר קאַלאָשן. אין די דאָזיקע צוויי פאַלן איז די שולד נישט באַוויזן געוואָרן, דאַקעגן איז א באַאַמטער פון דער קהלה גופא געקומען צולויפן אין דער פּאָסט מיט א געשריי, אַז אָט נאָר וואָס האָט א בריוו־טרעגער, וועלכער איז צופעליק דאָרט געווען, צוגעגנבעט ביי אים זיין טעקע מיט א טערמאָס.

פלוצלינג האָט דער אויפגעבראַכטער באַאַמטער באַמערקט שטיין אויפן טיש זיין טערמאָס, פון וועלכן עס האָט געטרונקען טיי אַן אַלטער פּאַטער פון א געוויסן אינטעליגענטן בריוו־טרעגער, א גאַנצער מאַכער פון די לייט פון „באַטאַליאָן“. דער אַלטער האָט אויך געהאַלטן דעם זונס טעקע און פון דאָרט האָט דער קהלה־באַאַמטער אַרויסגעשלעפּט זיין צוגעגנבעטע, פאַרשטעקטע טעקע.

אָבער צו וואָס זאָל מען דאָ רעדן וועגן שטוב־גנבות, אַז עס האָבן געקלעקט די גנבות פון די אָנגעקומענע פּעקלעך, כדי אַוועקצושטעלן די גאַנצע יידישע פּאָסט אין א ליכט פון פּאַסעריי...

אמת, אַז די פּאָסט פֿאַר צושטעלן בריוו און די פּאָסט=אָפּלאָדונגס=שטעל פֿון פּעקלעך האָבן זיך געפֿונען אין באַזונדערע גאַסן, און די בריוו=טרעגער האָבן מיט די פּעקל=טרעגער קיין שום מגע ומשא נישט געהאַט, הגם זיי האָבן געטראָגן די אייגענע אָרעמבענדער מיט די זעלבע אויפֿשריפֿטן, אָבער ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר האָבן זיך אויף אַזוינע איידעלע אונטערשידן נישט געקענט, און בעת מען איז אַרייַנגעקומען אין אַ שטוב אָפּגעבן אַ בריוו, איז מען באַפֿאַלן געוואָרן אויף אַ שענדלעכן אופֿן, ווייל דאָס לעצטע פּעקל, וואָס דער בריוו=אָפּנעמער האָט באַקומען, איז געווען אויסגעליידיקט ביז דער העלפֿט.

נישט זעלטן האָט געטראָפֿן, אַז אַנשטאָט צוקער, האָט דער אָפּנעמער באַקומען זאַלץ (כּדי די וואָג זאָל שטימען), אַנשטאָט קאַקאַאָ פֿון פּאָרטוגאַל — ווערמדיקע אַרבעס, אָדער עס האָט סתּם געפֿעלט צו דער וואָג, און דער פּעקל=טרעגער האָט דערצו נאָך גענומען אַ צווייפֿאַכן אָפּצאָל און געלייגט זיך אין טאַש אַרײַן.

עס איז נאַטירלעך געווען שווער פֿעסטצושטעלן, ווו די גנבֿות זענען געמאַכט געוואָרן, וואָרעם היות ווי די פּעקלעך זענען דאָך פֿריער אָנגעקומען אויף דער אמתער פּאָסט אויף נאַפּאָלעאָנאַ און פֿון דאָרטן ערשט געשיקט געוואָרן אין דער פּאָסט פֿון געטאָ, קאָן מען משער זײַן, אַז די באַאַמטע פֿון דער פּוילישער פּאָסט=עקספּעדיציע האָבן געשמאַק געגנבֿעט, ווייסנדיק, אַז די אחריות וועלן סוף=כּל=סוף מוזן טראָגן די לעצטע צושטעלער, דאָס הייסט די ייִדישע פּאָסט. אָבער פֿאָרט איז זיכער, אַז אויף דער ייִדישער פּאָסט זענען געשען גרויסע גנבֿות. דאָס איז אויך געווען צו דערקענען אינעם יד=אחת פֿון די ייִדישע פּאָסט=באַאַמטע, ווען מען איז אַרײַנגעקומען רעקלאַמירן וועגן אַ גנבֿה.

די שטאָט האָט, פֿאַרשטייט זיך, קיין חילוק נישט געמאַכט צווישן דער פּאָסט אויף קראָכמאַלנע (סעגרעגאַטור און עקספּעדיציע פֿון בריוו) און דער פּאָסט פֿון טשעפּלע (עקספּעדיציע פֿון פּעקלעך), בפֿרט ווען אַ טייל בריוו=טרעגער, און אַ סבֿרא מאַקע די לײַט פֿון „באַטאַליאָן“, האָבן אויך גאַנץ נישקשהדיק געזינדיקט.

ייִדן, וואָס האָבן געהאַט קרובֿים אין די פּוילישע שטעטלעך, וואָס זענען דורכן אָקופּאַנט „אָנגעשלאָסן“ געוואָרן אין דײַטשישן רײַך, פֿלעגן פֿון דאָרט באַקומען אין בריוו אַרײַנגעלייגטע צו פֿינף מאַרק (געזעצלעך איז דער מאַרקן=פֿאַרקער אין גענ.=גובערנאַמענט געווען פֿאַרבאָטן.). פֿלעגן די פֿינף מאַרק אָפֿט פֿאַרשווינדן פֿון די בריוו. ווער האָט עס געמאַכט? בלײַבט אַ סוד.

די שרעקלעכע צרות, וואָס ייִדן האָבן אין דער מלחמה געליטן, די שיקאַנעס און עינויים קשים, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, די רעוויזיעס און אַרעסטן און, ועל כּולם, דאָס לעבן חדשים און יאָרן אָן ברויט, אָן אַ זיכער אויסקומעניש, ווען די שטובן זענען געווען אַזוי אויסגעליידיקט, אַז קיין מויז האָט נישט געוואָלט אַרײַנשמעקן, ווען מען איז געגאַנגען שלאָפֿן מיט אַ הונגעריקן מאָגן און אין דער פֿרי געלעגן אין בעט ביז מיטאָג, נישט האָבנדיק צו וואָס אויפֿצושטיין, —



דאָס דאָזיקע שרעקלעכע לעבן אויפֿן ברעג פֿון תּהום האָט געפֿאָדערט, אַז אויף יעדן געזעלשאַפֿטלעכן פּאָסטן זאָלן שטיין אנשי=אמת, מענטשן מיט געזעלשאַפֿטלעכער אחריות, און אין דעם פּרט איז דער אמט פֿון בריוו=טרעגער גאָרנישט געווען אַזוי מינדערווערטיק, ווי עס האָט אין פֿלוג זיך געקאָנט אויסווײַזן. דער בריוו=טרעגער האָט געהאַט צו דערפֿילן אַ ווײַכטיקע מיסיע. אָפֿטמאָל האָט אַ קאַרטל וועגן אַן אַרויסגעשיקט פּעקל דעצידירט וועגן גורל פֿון אַ פֿאַמיליע, עס האָט אַנטשיידט די פֿראַגע וועגן לעבן און טויט. ואמת, קיין זעלבסטמאָרד זענען ייִדן אין דער מלחמה נישט באַגאַנגען (מיט געציילטע אויסנאַמען). דאָס איז געווען ווי אַ נאַטירלעכע רעאַקציע פֿון ייִדישן זעלבסטדערהאַלטונגס=אינסטינקט, וואָס האָט דעם אויסראָטונגס=מאַרש פֿון היטלעריזם, דעם לאָזונג פֿון „וימררו את חייהם“ קעגנגעשטעלט אַן אַנטשיידענעם מעכטיקן ווילן צו לעבן און צו בלײַבן. אָבער דאָך האָט דאָס לעבן יאָרן אָן ברויט, אָן אַ לעפֿל געקעכטס געהאַט אַ דערשיטערנדיקע פּסיכישע ווירקונג: פֿיל פֿון די פֿאַרפֿייניקטע האָבן פֿאַרלוירן דעם ווילן, זענען בהכרח געוואָרן אַפּאַטיש, זיך געלייגט אין די בעטן אַרײַן און געלעגן, געלעגן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן מער נישט געקאָנט און נישט געדאַרפֿט אויפֿשטיין!...

עס איז אמת, אַז ווען דער בריוו=טרעגער האָט באַקומען זײַן פּעקל בריוו אָנשטאָט ניין אין דער פֿרי, ווי דאָס איז געווען פֿאַר דער מלחמה, ערשט אַרום פֿיר=פֿינף נאָכמיטאָג און עס געדאַרפֿט פֿאַנאַנדערטראָגן אין די אָרעמע ייִדישע גאַסן, ווו די נומעראַציע פֿון די הײַזער איז שרעקלעך צעדרייט, אַזוי, אַז אין פֿראָנט=אַרײַנגאַנג פֿון דער לינקער אָפֿיציגע — נומער 1 און נומער 64, און אין לעצטן אַרײַנגאַנג פֿון לינקער אָפֿיציגע — נומער 3 און נומער 107 — איז דאָס דערפֿילן זײַן פֿליכט געוויסנהאַפֿט דעם בריוו=טרעגער אָנגעקומען זייער שווער, באַזונדערס אין ווינטער=צײַט, ווען דאָס גיין אויף די גליטשיקע טרעפּ, אָפֿטמאָל צעבראָכענע, חרובֿע פֿון דער צײַט פֿון דער באָמבאַרדירונג, איז געווען פֿאַרבונדן מיט סכּנת=נפֿשות. דערצו נאָך זענען דאָך די ייִדישע הויז=וועכטער, די „סטרוזשעס“ פֿון די הײַזער, געווען פּנים חדשות;[4] ווען מע' האָט זיי געפֿרעגט, ווו דער אָדער יענער לאָקאַטאָר וווינט, האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן, און אָפֿטמאָל האָבן זיי געטענהט פֿעסט, אַז אַזאַ איינער וווינט גאָרנישט אין זייער הויז, בעת עס האָט זיך גיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער וווינט אונטער זייער נאָז.

הײַנט ערשט דאָס אָנקלאַפּן אין טיר שפּעט אין אָוונט, וואָס פֿאַר אַ מאַטערניש איז דאָס געווען! — ייִדן, וואָס האָבן צוליב די רעוויזיעס און נגישות אויפֿגעציטערט, ווען מע האָט אָנגעקלאַפּט אין זייערע טירן אַפֿילו בייטאָג, אַזוי,

[4] נאָכן אָפּשליסן דאָס געטאָ און נאָכן אַרויספֿירן אַלע פּוילישע אײַנוווינער פֿון די ייִדישע גאַסן, זענען די פּאָסטנס פֿון הויז=וועכטער (סטרוזשעס) אין ייִדישן וווינראַיאָן באַזעצט געוואָרן, נאַטירלעך, בלויז דורך ייִדן.

אַז אין גרעסערע וווינונגען, ווו עס פֿלעגן זיין אייַנגענג דורך די קיכן, האָט מען אין דרויסן פֿון די פּראָגנט-טירן אָנגעלייגט גרויסע שלעסער, עס זאָל הייסן: מען איז נישטאָ אין דער היים... וואָס האָבן זיי געמוזט פֿילן, ווען מע פֿלעגט פּלוצלינג, אין די פֿאַרשנייטע אָדער רעגנדיקע, פֿינצטערע ווינטער-אָוונטן, — ווען אין שטוב איז געווען אומעטיק, טונקל און שטיל, אַז דער מינדסטער שאָרך האָט זיך ביי די אָפּגעשוואַכטע נערוון אויסגעוויזן, ווי דער גערויש פֿון רעדער אויפֿן בריק, — צו זיי אָנקלאַפּן אין טיר, און ווען זיי האָבן אַזוי גיך נישט געעפֿנט — גענומען קלאַפּן פֿעסטער, — וואָרעם די בריוו קאָנען דאָך נישט וואַרטן — עס איז שפּעט. דאָס בלוט איז געגליווערט געוואָרן אין זייערע אָדערן, און וואָס פֿעסטער מע האָט געקלאַפּט, אַלץ מער איז זייער שרעק געוואַקסן. ביז זיי האָבן זיך ענדלעך איינגעשטעלט דאָס לעבן און געפֿרעגט „קטאָ טאַם?" און באַקומען צוריק אַן ענטפֿער „פּאָטשטאַ", איז זיי די נשמה אויסגעגאַנגען. ווען זיי האָבן שוין ענדלעך אויפֿגעמאַכט די טיר און אַריינגעלאָזט דעם אומגעריכטן גאַסט, האָט ער אַפֿילו געמעגט ברענגען אַ רעקאָמענדירטן בריוו פֿון רוסלאַנד, איז זיי דאָס חיות שוין נישט איינגעגאַנגען. די קללות קעגן דער יידישער פּאָסט, קעגן דער פֿאַרהאַסטער „גמינע" האָבן נישט געקאָנט ווערן דערשטיקט, און מע האָט אַריינגעזאָגט דעם בריווטרעגער וויפֿל עס האָט זיך געלאָזט.

## אין די שטובן אויף קראָכמאַלנע און אָסטראָווסקע

די אומאויפֿהערלעכע פּרעטענזיעס צום בריווטרעגער: דאָ דערפֿאַר, וואָס ער האָט צו האַסטיק געקלאַפּט אין טיר, דאָ צוליבן פֿאַרשפּעטיקן אָפּגעבן די בריוו, דאָרט צוליבן אַרויסגעבן פֿון די פּעקלעך, און, ענדלעך, די סאַמע ווייטיקסטע טענה — צוליבן אָפּצאָל, האָבן דעם בריווטרעגער פֿאַרסמט דאָס לעבן, אים אויסגעמאַטערט פֿיזיש און פּסיכיש; וואָרעם די טענה צוליבן אָפּצאָל איז ווירקלעך געווען אַ גערעכטע און אַ ביטערע. אין טייל גאַסן האָבן אַכציק פּראָצענט אָפּנעמער נישט געהאַט צו באַצאָלן די צוואַנציק צי דרייסיק גראָשן פֿאַרן בריוו און זיי האָבן געמוזט לויפֿן באָרגן צו שכנים. עס האָט נישט זעלטן געטראָפֿן, אַז אַ בריוו-אָפּנעמער האָט אָנגעקלאַפּט אין די טירן פֿון אַלע שכנים אויף זיין שטאָק, אויף אַ שטאָק נידעריקער, אויפֿן צווייטן, אויפֿן ערשטן שטאָק און האָט אַזוי געוואַנדערט פֿון פֿערטן שטאָק ביזן פּאַרטער, ביז ער האָט ענדלעך געקאָנט קריגן געבאָרגט די אָרעמע פּאָר גראָשן. וואָרעם כמעט קיינער האָט אין שטוב קיין גראָשן נישט געהאַט. האָט מען געכאַפּט אַ פּאָר גילדן פֿון פֿאַרקויפֿן אַ פּאָר לאַכעס פֿון שטוב אַרויס, האָבן זיי באַלד אַוועקגעוואַנדערט צום קרעמער פֿאַר אַ פֿערטל צי אין בעסטן פֿאַל פֿאַר אַ האַלבן קילאָ ברויט.

געוויינלעך פֿלעגט דער אָפּנעמער דעמלט אַפּעלירן צום בריווטרעגער, ער



זאָל אים לייען די פּאָר גראָשן: — עס איז דאָך נאָר צוואַנציק גראָשן, פֿלעגט ער זאָגן מיט רירנדיקע ווערטער, ווי האָט איר עס אַ האַרץ נישט צו וועלן באָרגן אַזאַ קליינע פּאָר גראָשן? איר וועט אַמאָל דאָ אַדורכגיין, וועל איך אייך אָפּגעבן.

ווען דער בריווטרעגער האָט געענטפֿערט, אַז ער קאָן דאָס נישט טאָן, ווייל אין ס'רוב שטובן איז קיין געלט נישטאָ, און ס'וואָלט אים אויסגעקומען יעדן טאָג צוצולייגן פֿון טאַש אַ פּאָר גילדן, אָנשטאָט אַליין צו פֿאַרדינען, האָט יענער עס נישט געגלייבט: — איר זענט נאָך ערגער פֿון די „גויים", — פֿלעגט ער דעמלט אויסברעכן אין אַ ווילדן כעס. דער „גוייִשער" בריווטרעגער האָט מיר תמיד געטרויט אויפֿן וואָרט; נאָר די יידישע פּאָסט, די גמינע מיט אירע „אוזשענדניקעס" זענען אַזוי, אַז ברענגען זאָלט איר אַלע ווי קין!...

אָבער די אַלע עגמת-נפֿשן זענען געווען אַ גאָרנישט אַקעגן די שרעקלעכע בילדער פֿון עלנט און נויט, וואָס דער בריווטרעגער האָט געמוזט זען, גייענדיק און וואָגלענדיק פֿון שטוב צו שטוב אינעם יאָמער-טאָל פֿון קראָכמאַלנע, אָסטראָווסקע, סמאָטשע און ניזקע.

אין די דאָזיקע גאַסן זענען די טירן פֿון די וווינונגען געווען פֿאַרשלאָסן ביז אין שפּעטן טאָג אַריין, מענטשן זענען געלעגן ביז צוויי-דריי מיטאָג-צייט אין די בעטן. אַנדערע זענען איבערהויפּט גאָרנישט אויפֿגעשטאַנען, נישט האָבנדיק צו וואָס. אין די ווינטער-טעג האָט מען אין די שטובן פֿון גרעסערע פֿאַמיליעס געקאָנט טרעפֿן צען-צוועלף מענטשן, אָפֿטמאָל יונגע מאַנצלייט אָדער פֿרויען, ליגן אין די בעטן, ליגן מיט בלייכע פּנימער און פֿיבערדיקע אויגן און שלינגען די סלינע פֿון מויל. מאַמעס זענען געלעגן אין די בעטן צוזאַמען מיט צוויי דריי קינדער, זיי זענען געלעגן אין די רויטע אָנשיטן, נישט האָבנדיק די פּאָר גראָשן אויף אַ שטיקל זייף צו וואַשן דאָס איבערצוג. אין שטוב זענען די זאַכן געווען אָנגעוואָרפֿן אין אַ שרעקלעכער אומאָרדענונג, וואָס עס האָט באַשטעטיקט דעם אמת פֿון שפּריכוואָרט: „אַזוי ווי ס'געמיט, אַזוי ס'געשלייער"; מע האָט געזען, אַז די מענטשן ליגט קיין שום זאַך נישט אין קאָפּ אַחוץ דעם איינאיינציקן וואַנזיניקן געדאַנק: ווו נעמט מען אַ שטיקל ברויט? די מאַמעס זענען קיין באַלעבאָסטעס נישט געווען, די טאַטעס — קיין באַלעבאַטים. די טירן זענען שלעכט צוגעגאַנגען, די אייוועלעך זענען געווען צעבראָכן, די טישן און שטולן — נישט געשייערט, די פּאָדלאָגעס — נישט געוואַשן: צו וואָס? וועמען גייט עס אָן?...

פֿונעם כסדרדיקן ליגן אין די בעטן זענען די מענטשן נאָך שלאַפֿער געוואָרן, פֿיל האָבן שוין איבערהויפּט נישט געקאָנט שטעלן קיין טריט, אַנדערע זענען געווען געשוואָלן ביז צום נאָפּל און נאָך העכער; ביי אַ טייל האָט מען קוים די אויגן אַרויסגעזען פֿון הינטער די געשוואָלענע קישעלעך אַרום די אויגן-לעכער, וואָס האָט זיי צוגעגעבן עפּעס אַן אויסזען פֿון פֿינצטערע מאָנגאָליער, פֿון הונגעריקע עסקימאָסן.

אַרייַנקומענדיק צו אַזויגע פֿון הונגער פֿאַרפּייניקטע מיט אַ בריוו, האָט דער בריוועטרעגער געהאַט צוויי ברירות: אָדער צוריק אָפּגעבן דעם בריוו אויף דער פּאָסט מיט דער צושריפֿט, אַז דער אָפּנעמער לייזט אים נישט אויס, ווייל ער האָט נישט קיין געלט, אָדער צו געדענקען, אַז דער געבראַכטער בריוו קאָן אַמאָל ברענגען אַ ישועה פֿאַרן דאָזיקן צעבראָכענעם מענטש, און אין אַ סך פֿאַלן איז עס טאַקע אַזוי געווען. דער בריוועטרעגער האָט דעריבער אַליין געמוזט אונטערטרייבן שכנים, אַז זיי זאָלן דעם בריוו אויסקויפֿן, אַליין זיין אַ טוער, אַ זאַמלער, אַ כּלל־מענטש. וואָרעם קומען אויף דער פּאָסט און זאָגן, אַז דער און דער קאָן נישט צאָלן, איז גאָר קיין קונץ נישט געווען. דעם בריוו מיט דער ענטשפּרעכנדיקער צושריפֿט האָט דער באַאַמטער צוגענומען ווי קיינמאָל גאָרנישט; דער דירעקטאָר מיט די גיין מאָס רייד, וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט רעדן צו די בריוועטרעגער וועגן זייער געזעלשאַפֿטלעכער אחריות, האָט אַליין נישט פֿאַרמאָגט די דאָזיקע אחריות, ער זאָל אויספֿועלן, למשל, אַז די פּליטים פֿון די פּונקטן, קבצנים שבקבצנים, קראַנקע און אַפֿילו משוגעים, וואָס קריגן בריוו, זאָל די קהלה זיי דעם אָפּצאָל אַנולירן. דער דירעקטאָר איז געווען גענוג „קלוג" צו היטן דעם גלייכגעוויכט פֿון בודזשעט, די פּאָסט זאָל קיין דעפֿיציט נישט האָבן, און ס'איבעריקע זאָל זיך דער בריוועטרעגער ברעכן דעם קאָפּ און — ער האָט אים טאַקע געבראָכן.

ווען דער בריוועטרעגער איז אין אָוונט אַהיימגעקומען אין זיין קאַלטער שטוב אַריין צום ווייב מיט די קינדער מיטן קאַרגן פֿאַרדינסט פֿון טאָג, אויפֿגערעגט פֿון די אומאויפֿהערלעכע טענות און מיט די קאָפּ־שווינדלדיקע בילדער פֿון נויט, וואָס האָבן אים פֿאַרפּאָלגט, זיך צוגעקלעפּט צו זיין געמיט ווי פּעך און אים נישט געגעבן קיין רו — איז ער געווען אַ חרס הנשבר. ס'האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און די בריוועטרעגער זענען אַליין געוואָרן געשוואָלן פֿון הונגער און שווערער פּראַצע און באַקומען שוואַכע הערצער פֿון כּסדרדיקן גיין שטאָק־אויף, שטאָק־אָפּ, און די קהלה — ווי די קהלה: אַזוי ווי זי האָט זיך געקימערט וועגן די פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער אין די גאַסן, ווי זי האָט זיך געקימערט וועגן די פּליטים און נצרכים, אַזוי האָט זי זיך אויך געקימערט וועגן בריוועטרעגער, וועמען זי האָט צימאָל מיט אַ פּאָר זוילן צו די שיך נישט געוואָלט באַזאָרגן. וואָס פֿאַר אַ וווּנדער, אַז באַלד איז די שטערבלעכקייט און די קראַנקהייטן צווישן די בריוועטרעגער געוואָרן אַ מוראדיקע.

טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווייניק, האָבן זיך גענומען שיטן מסירות אויפֿן יידישן בריוועטרעגער. אַ ייד האָט ליב צו מאָנען יושר; אַ סך יידן באַרימען זיך, אַז זיי קאָנען צום העכסטן אויך אָנקומען, זיי וועלן דיר נישט גיין רעדן דאָרט מיט עפּעס אַ באַאַמטן־משיגע, זיי וועלן גרייכן ביז צום קאָפּ. איז ער טאַקע געלאָפֿן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אויף דער פּאָסט; אַ ליאַדע נאַרישקייט, צוליב עפּעס אַ שמאָכטע, אַ קו איבערן דאַך געפֿלויגן, איז ער אָנגעקומען ביז



צום אָדון בפֿקד אַליין, צום „דירעקטאָר" הייסט עס, און דאָ האָט דער „פּאַן קיעראָווניק" זיך אַ בלאָז אָן געגעבן, אויסגעדרייט, ווי זיין טבע איז געווען, דעם קאָפּ אויף איין זייט, פֿאַרזשמורעט אַן אויג און געוואָרן שטרענג ערנסט. ווי אַ בייזער מלמד, האָט ער דאַן אַ רוף געטאָן דעם באַטרעפֿנדן בריוועטרעגער, קעגן וועמען עס איז געווען די אָנקלאַגע, און קודם כּל האָט ער בקול רם אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל נישט צו געבן אים קיין פּעקל בריוו עד לחשבון, ביז צו דער אויספֿאָרשונג הייסט עס. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן ס'אויספֿאָרשעניש מיט קלוגע טענות, מיט כאַפּן אין די רייד, מיט רמזים און שטעכווערטלעך, אַז דער, וואָס האָט אָפּגעגעבן די אָנקלאַגע, האָט גאָר אַזוי געקוואָלן פֿון נחת. וואָס פֿאַר אַ קעפּעלע, קיין עין הרע, דער פּאַן דירעקטאָר האָט עס, און ער, דער פּאַן דירעקטאָר, אַ פּשיטא, אַז ער האָט פֿון זיך אַליין אָנגעקוואָלן, שטיל אין האַרץ באַוווּנדערט זיין חכמה און זיין גבורה, און אַזוי האָט די אויספֿאָרשונג זיך געצויגן און געצויגן און אָפּטמאָל פֿאַרצויגן דאָס אַרויסגעבן די בריוו אויף אַ צוויי־דריי שעה. מילא, וואָס אַ יידישער דירעקטאָר פֿון אַ פּאָסט קאָן זיך אַלץ פֿאַרגינען!

נאָך אַזאַ פֿייערלעכער אויספֿאָרשונג פֿלעגט ער, דער דירעקטאָר, אַרייַנגיין צום עולם אין קאַלטן קאָרידאָר מיט דער צעמענטענער פּאָדלאָגע — אָנגעטאָן איז ער דעמאָלט אין די קאַלטע ווינטער־טעג געווען אין זיין ווייבס פּלושענעם זשאַקעט, וואָס האָט אים געגרייכט ביז איבער די קני, למען ידעו, כּדי צו באַווייזן, אַז ס'איז מלחמה, און ער איז אַ מענטש, וואָס ווייסט צו שפּאָרן און איינצושפּאָרן דער קהלה צו באַהייצן די פּאָסט — און ער האָט פֿייערלעך אַ זאָג געטאָן, אַז אינגיכן, במהרה בימינו, וועט ער לאָזן מאַכן בענק, כּדי דער עולם זאָל נישט דאַרפֿן שטיין פֿון פֿינף פֿאַרטאָגס ביז פֿיר־פֿינף נאָכמיטאָג אויף די פֿיס.

דאָס האָט ער געזאָגט זייער אַנטשידן, מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פֿון פּאַטאָס און פֿון איבערנעמען זיך מיט מענטשלעכע עוולות, ביז דער כּעס איז אים פֿאַרגאַנגען און ער האָט ווידער בעת אַן ענלעכער געלעגנהייט מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די פֿייערלעכע דעקלאַראַציע, און אַזוי זענען סוף־כּל־סוף נאָך אַ פֿיר־פֿינף חדשים זינט די פּאָסט איז געשאַפֿן געוואָרן געבוירן געוואָרן די בענק...

פֿאַרן בריוועטרעגער מיט אַ באמת געזעלשאַפֿטלעכן צוגאַנג צו זיין אַמט זענען אָבער געווען אויך שטילע מינוטן פֿון פֿרייד און נחת־רוח, וואָס האָבן טיילמאָל איבערגעוויגן די עגמת־נפֿשן פֿון טאָג. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען עס איז אים געלונגען אָפּצוגעבן אַ בריוו צו אַן אַנאָנימען אָפּנעמער.

עס פֿלעגן אָנקומען בריוו, הויפּטזעכלעך פֿון מעבר לים צו יידן, וואָס האָבן אויף די אַדרעסן געוווינט מיט פֿופֿצן־צוואַנציק יאָר צוריק. די יידן האָבן אין אַמעריקע צי אַרגענטינע, אורוגוואַי צי דרום־אַפֿריקע געהאַט קרובים. די גאַנצע צייט האָבן זיי קיין בריוו פֿון יענע נישט באַקומען, אָבער איצט, ווען די דאָזיקע

קרובים אין די ווייטע לענדער האָבן זיך דערוווּסט פון די בלעטער וועגן די גיהנום=לייד! פון די פּוילישע ייִדן, זענען די הערצער ביי זיי ווייך געוואָרן, און זיי האָבן קודם כל אַרויסגעשיקט אַ בריוו, גרייטנדיק זיך מסתמא נאָכן דערהאַלטן ענטפער צו שיקן הילף.

די אָפּנעמער איז אָבער אויף די אָנגעגעבענע אַדרעסן נישט מעגלעך געווען אויפצוגעפינען. גיין צום „סטרוזש“ פרעגן האָט קיין פּעולה נישט געהאַט, וואָרעם, ווי דערמאָנט, האָט ער, דער נייער סטרוזש, נישט געהאַט דערפון די קלענסטע השגה; וואָס איז דאַן געווען צו טאָן? גיין מבית לבית און זיך נאָכפרעגן. דערצו האָט מען געדאַרפט האָבן אי געדולד, אי אחריות, אי דעם ווילן צו טאָן אַ גוטע רעכטע זאַך.

אָבער ווען דער לייענער וואָלט געשטאַנען דערביי, ווי דער בריוו=טרעגער פּאַקט נאָך לאַנגן זוכעניש עפּעס אַן אַלטע מאַמע, צו וועלכער אַ טאָכטער שרייבט פון פּאַריז נאָך פיר יאָר שווייגן, און פרעגט זי אָן, די מאַמע, צו זי דאַרף נישט עפּעס, אפשר אַ פּעקעלע, וועט זי איר שיקן, ווי די דאָזיקע מאַמע גיט אַ פּליאַסקע מיט די הענט, באַגיסט זיך מיט אַ שטראָם טרערן און שרייט אויס כאַפּנדיק זיך פאַרן האַרץ: אוי, מיין ברכהשי, מיין גוט קינד, נישט פאַרגעסן אין דער אַלטער מאַמען! ווען דער לייענער וואָלט דאָס צוגעזען, וואָלט ער געמוזט מודה זיין, אַז דער בריווטרעגער האָט דערמיט באַקומען באַצאָלט פאַר זיין טרחא, נישט אַזוי מיט געלט, ווי מיט וואַרעמע בליקן פון אַ מאַמעס אויגן, וואָס איז מער ווערט פון געלט...

אין אַן אַנדער שטוב ברענגט ער אַ בריוו פון אַ זון צו עלטערן. דער זון שרייבט פון מעבר לים, אַז ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זיין פאַמיליע לעבט, איז געראַטעוועט געוואָרן על פּי נס בעת דער גרויזאַמער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע. די שוועסטער, אַ כלה=מיידל, ווערט פּשוט וואַנזיניק פון פרייד, האַלטנדיק דעם ברודערס בריוו אין האַנט, די מאַמע ווערט שטום פון איבעראַשונג, און אַן אַלטער, גרייז=גרויער זיידע שטייט אין מיטן שטוב מיט אַ בלאַס פּנים פון איבערגענומענקייט און האַלט צוויי אויפגעהויבענע הענט צום הימל, ווי אַ כהן, און קוקט מיט טיפער דאַנקבאַרקייט אויפן בריווטרעגער.

עמעץ פון די שטוביקע דערמאָנט זיך און דערלאַנגט דעם בריווטרעגער אַ פּאָר גראָשן ביר=געלט, אָבער אויך דער בריווטרעגער שטייט ווי געפּלעפט און שלינגט גיריק מיט די אויגן דאָס זעלטענע בילד. וואָס פאַר אַ באַטרעף האָבן די אָרעמע פּאָר גראָשן אין פאַרגלייך מיט אָט די דאָזיקע אויסדרוקן פון מענטשלעכער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט?

דער ייִדישער בריווטרעגער איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ פּשוטער ייִד, איינער פון פיל, קעגן וועמען דער אויסראָטונגס=ברום איז געשליידערט געוואָרן; ער האָט אַ האַרץ, און אין יעדער שטוב, וווּ ער ברענגט די אומדערוואַרטע בריוו



צו די מאַמעס, וואָס קוקן אויס אויף זיי שוין פון יאָרן, לעבט ער מיט די שטילע פרייד.

און פּלוצלינג — ט—ר—א—ך!

מלחמה מיט רוסלאַנד.

די טויזנטער און טויזנטער שטובן, וווּ עס קומען רעגולער אָן די טייערע פּעקלעך פון רוסלאַנד, ציטערן און פלאַטערן: ראשית, וואָס וועט מען איצט טאָן, פונוואַנען וועט מען לעבן? און והשנית, די קינדער אין רוסלאַנד, אין די פריש=אָקופּירטע[5] געביטן, אין ביאַליסטאָק צי אין באַראַנאָוויטש — אויפן ערשטן פייער.

ער גייט פון שטוב צו שטוב, פון עלטערן מיט איינציקע זין, וואָס געפינען זיך האַרט לעבן פראָנט, צו עלטערן מיט צוויי און דריי זין — און אַלע זענען אין רוסלאַנד. אומעטום פרעגט מען אים, דעם מענטש פון דער „מאַכט“, זאָל ער זאָגן, ער קער דאָך מסתמא וויסן: וואָס דראָט זיי, וואָס דערוואַרט זיי? וועלן זיי נאָך דערלעבן זייערע קינדער צו זען?

אויף דער סמאָטשע זענען שוין אָנגעקומען די ערשטע צוריקוואַנדערער, ייִנגלעך ווי ביימער, זיי האָבן נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און זענען צוריק=געלאָפן קיין וואַרשע. אַנדערע זיצן און וואַרטן, אַז זייערע קינדער זאָל אויך איינפאַלן צו טאָן דאָס אייגענע — און אויף דער פּאָסט טוט זיך הושך. די בריוו ווערן ווייניקער פון טאָג צו טאָג, טויזנטער בריוו, וואָס זענען אין די לעצטע טעג אָפּגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד, קומען שוין צוריק מיט דער צושריפט אין דייטש „פּאָסט שפּערע“; מע פאַרשטייט, אַז נאָך אַ פּאָר טעג און די פּאָסט פון רוסלאַנד וועט זיך אינגאַנצן אָפּשטעלן און דערמיט אויך אַ גרויסער טייל פון דער הכנסה פון דער ייִדישער פּאָסט. דער דירעקטאָר פאַרזשמורעט דאָס רעכטע אויג און זאָגט קלוג, קלונעטשקע: און אפשר... כ'וויים, אפשר וועט די פּאָסט זיך אינגאַנצן פאַרמאַכן... דערמיט ענטפערט ער שוין אויף אַלע טענות פון די בריוו=טרעגער וועגן שלעכטער דערנערונג, עבודת פּרך, צעריסענע שיך און אַרונטערגעריסן געזונט.

דער קאָשמאַר אין ייִדישן וואַרשע ווערט געדיכטער, די האָפענונגען — פאַרלאָשענער: נישטאָ מער קיין בריוו פון רוסלאַנד, נישטאָ קיין פּעקלעך, נאָר מויערן, רויטע, איינטאָניקע, קאַלטע געטאָ=מויערן, ווי אומעטיקע תפיסות. וועמען גייט דאָ נאָך אָן די ייִדישע פּאָסט, וועמען קימערן די געשוואָלענע פיס פונעם ייִדישן בריווטרעגער?...

וואַרשע, געטאָ, אין אָקטאָבער 1941.

---

[5] דורך די היטלעריסטן.

## אינהאַלט:


זייט

פּרץ אָפּאָטשיצנסקי —

פאָרוואָרט פון ב. מאַרק . . . . . . . . 5

ב'הויז נומער 21 . . . . . . . . 9

מגילת־„פּאַרוויקע“ . . . . . . . 25

קינדער אויפן ברוק . . . . . . . 49

דער שמוגעל אין וואַרשעווער געטאָ . . . . . . 62

דער יידישער בריוועטרעגער . . . . . . . 75

Cena zł 4.50

ידיש בוך

Y 961.43

**_HARVARD UNIVERSITY_**

*http://lib.harvard.edu*

**If the item is recalled, the borrower will be notified of the need for an earlier return.**

CARREL STUDY

CHARGE

WIDENER

| | |
|---|---|
| | |
| | |
| | |

***Thank you for helping us to preserve our collection!***

